STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03039

UNTER A VAYSEN FARHANG

David Kassel

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד קאסעל,

אונטער א ווייסען פארהאנג.

№ 23

DRUK J. WAGNEISTER, NALEWKI №7

משה'לע און שיינדעלע.

ערשטעס קאַפּיטעל.

גוט איז זומער נישט צו געהן אין חדר צוליב רבי-געלד, באַקען זיך אויף דער זון, ליגען שעה'נווייז אין טייך, אַרומטרייבען זיך מיט יונגלעך, עסען האַרטע גרינע עפּעל, וואַרפען שטיינער אין אַ פרעמדען פענסטער, אַרויפכאַפּען זיך אויף אַ פוהר בשעת דער פוהרמאַן זעהט נישט, שפּילען זיך מיט אַ הינטעל, האָדעווען טויבען, צושלאָגען זיך מיט אַ חבר, נאָכקרימען אַ קאַליקע און וואָס ווייניגער שלאָפען.

גוט איז אויך צו ליגען זומער מיט'ן פּנים אַרויף אויף אַ ברייטען פעלד מיט זאַנגען, אין שכנ'יש מיט די שטילע בלויע קאָרנבלימלעך און זיך אָהן מחשבות צוהאָרכען צום ווייטען סקריפּ פון אַ וואָגען, צום טרוקענעם און פרעהליכען טשוויטשערן פון פויגעל, צום באַסיגען זשומען פון ביהנען, צו דער לאַכעדיגער זאַווערוכע פון פראָשען-קולות, צום פערטראַכטען אָבגעהאַקטען האַווקען פון אַ ווייטען דאָרף-הונד און צו די טויזענדער-טויזענדער קלאַנגען אין גראָז און אין די קאָרן און אויפ'ן שטויביגען וועג און אויפ'ן בלויען הימעל אפילו.

נאָר גוט איז אויך אויפצושטעהן גאָר פריה, אויפרייסען,

ווי משה׳לע, ברייט די אויגען און מיט אַ פערצאַפּעלטען הערצעל אַרויסקוקען דורכ׳ן קליינעם פענסטערל אויף גאָטס ליכטיגער וועלט. מען דאַרף זיך נישט אָנטהאָן, מען בעדאַרף זיך נישט וואַשען—מען דאַרף נאָר קוקען.

עס מאַכט נישט אויס, וואָס דער הויף איז גרויס און אָרים און וויסט, אָהן בוימער און אָהן גראָז. עס איז גענוג דאָס היל-צערנע הייזעל מיט׳ן מאָך-בעוואַקסענעם דאַך, וואָס שטעהט אַנ-טקעגען משה׳לעס פענסטערל, און דער לאַנגער גרויער פּאַרקאַן, וואָס ציהט זיך דערביי, און די שטיקלעך גלאָז, וואָס לייכטען-אַרויס, ווי ווייסע פּייערלעך, פון דער ערד, און דאָס פויגעלע, וואָס פליהט פרעהליך אַדורך מיט אַ טרוקענעם שטרוי אין שנאָ-בעל, און דער בלויער הימעל, וואָס הענגט אין דער הויך, ווי אַ פונאַנדערגעעפענטער בלוי-זיידענער שירם, און די זון, וואָס פלייצט מיט בלענדענדיגען ליכט. דער גאַנצער הויף טובל׳ט זיך אין וואַרימען גאָלדענעם ליכט, און מעהר ווי דאָס בעדאַרף מען נישט. וואָרום אַז עס איז דאָ זון אויפ׳ן הימעל, איז נישטאָ קיין נויט אויף דער וועלט, איז אַלץ גוט.

משה׳לע וואָלט לאַנג געקוקט דורכ׳ן פענסטערל, אַלע טאָג מיט דערזעלבער נייגיריגקייט און דורשט, ווען נישט די מאַמע, וואָס שלעפּט איהם פאַר׳ן הענטעל—ער זאָל זיך אָנטהאָן, וואַשען און דאַוונען, און ווען נישט שיינדעלע.

שיינדעלע איז שוין לאַנג אויפ׳ן הויף. זי שטעהט-אויף זעהר פריה. דאַוונען דאַרף זי נישט. אַמאָל געהט זי פאַרביי פענסטערל, זוכט כלומר׳שט עפּיס אויף דער ערד און פערשווינדט באַלד הינטער דער שטוב. אַמאָל הערט זיך ווי זי זינגט ערגיץ פון אַ ווינקעל הויף. דאָס שטימעלע איז יונג, דין און וואונדער-ליך זיס. נאָר משה׳לע מוז דאַוונען. דאַוונען מוז ער נישט נאָר צוליב דעם, וואָס די מאַמע הייסט, אָבער אויך צוליב דעם, וואָס ער אַליין וויל עס.

משה׳לע איז פון נאַטור זעהר אַ פרום יונגעל און האָט זיך זיין פאָרשטעלונג וועגען גאָט. אויפ׳ן הימעל זענען דאָ גאָלדענע פּאַלאַצען און גאָט זיצט אין דעם שענסטען פון זיי. ווי שען

דאַרף עס זיין, ווען אַזאַ קליין צעהן-יעהריג יונגעלע שטעהט אויף דער ערד און דאַווענט פאַר גאָט, וואָס זיצט אויפ׳ן הימעל אין אַ גאָלדענעם פּאַלאַץ? קוקט גאָט אַראָב פונ׳ם גאָלדענעם פּאַלאַץ צו דעם יונגעלע אויף דער ערד און שמייכעלט, ווי אַ גוטער פאָטער, וואָס איז שטאַרק צופרידען מיט זיין קינד. נאָר זומער טהוט משה׳לע עבירות און די ערשטע און גרעסטע פון זיי איז די, וואָס ער דאַווענט שלעכט און איילענדיג. גאָט זיצט טאַקי אין גאָלדענעם פּאַלאַץ און קוקט-אַראָב, אָבער ביי משה׳לען לויפען אין דאַווגען די געדאַנקען און עס ווילט זיך זעהן שיינדעלען און זיין אין דרויסען. פאַרהאַן נאָר איין סגולה דערצו: שטעלען זיך אין אַ ווינקעל, אויפהויבען די אויגען צום הימעל און אָבזאָגען מיט האַרץ און מיט אַ ריינעם קאָפּ, אָהן זייטיגע געדאַנקען, אַ קורצע תפילה, מיט יודישע ווערטער, וואָס ער האָט איינמאָל, אין אַזאַ מינוט, פערפאַסט.

און די תפילה איז אַזאַ:

„רבונו-של-עולם! זיי מיר מוחל. איך האָב דיך ליב ווי מיין טאַטען און מאַמען און נאָך ליבער, און איך האָב פאַר דיר מורא. היינט דאַווען איך נישט גוט, דערפאַר וועל איך היינטיגען טאָג קיין שום עבירה נישט טהאָן. גאָטעניו, איך האָב דיך ליב, ווי דער ווילנער גאון האָט דיך ליב געהאַט.״

טיף אין האַרצען פיהלט משה׳לע, אַז אָט די קורצע תפילה, וואָס איז אַ סוד און קיינער ווייס ביי איהם נישט פון איהר, האָט אפשר מעהר וואָג פאַר׳ן גאַנצען לאַנגען דאַווענען. טיילמאָל דאַכט זיך איהם, אַז גאָט הערט זיך צו צו יעדען וואָרט זיינס און איז איהם מוחל. דעמאָלט דערפיהלט ער צו גאָט נאָך אַ גרעסערע ליבע און אויפ׳ן האַרצען ווערט וואונדערליך לייכט. דיזאָויגע לייכטקייט איז אויך אַ פיזישע: פונקט ווי אַ שווערע לאַסט וואָלט איהם אַראָבגעפאַלען פון קאַרק.

איצט איז ער אינגאַנצען פריי. אָבגעטרונקען טיי, לאָזט זיך משה׳לע אַרויס אויפ׳ן הויף, און דאָ בעגעגענען זיך צוויי קינדער—אַ יונגעלע מיט אַ מיידעלע. דאָס יונגעלע האָט פערטראַכטע גרויע אויגען, אַ דין העלזעל און דינע הענדטלעך. זיינע בעווע-

גונגען זענען צוריקגעהאַלטענע און אָנגעשטרענגטע, ווי ביי אַ מענשען, וואָס טראַכֿט אַ סך. דערפֿאַר איז דאָס מיידעלע דורכאויס שמייכֿעל, אויגען־גלאַנץ און בעוועגונג. די אויגען איהרע זענען אויך גרויע, אָבער שטראַהלענדיגע, שמייכֿלענדיגע און האַרציגע, און ברעמען האָט זי, ווי האַלבע רייפֿעלעך, און דינע פרישע ליפּלעך, פּונקט ווי אויסגעשאָרענע פֿון עפּיס אַ רויטער מאַטעריע, און פֿון קליינעס יונגען שטערען לויפֿען אַהינטער טונקעלע כוואַליעס האָהר און ענדיגען זיך אין צוויי צעפּלעך אויפ'ן רוקען.

שיינדעלע בעגעגענט איהם פראָסט און האַרציג.

—אַ!—שרייט זי אויס—אַזוי שפּעט אויפגעשטאַנען.

אָבער משה'לע בויגט־איין דעם קאָפּ און זאָגט שטיל אַרויס:

—נעכֿטען אין אָוענד איבערגעלייענט אַ ניי ביכעלע: „דער שרעקליכער מערדער ריכאַרד"...

—מיט אַ וואַלד?

—מיט אַ וואַלד.

—און מיט גזלנים?

—און מיט גזלנים.

—וועסט מיר עס אויך איבערלייענען?

—נו, אודאי.

—ווען?

—היינט אין אָוענד.

פּאַמעליך, אונבעמערקט געהען ביידע אַרויס פֿון הויף אין גאַס אַריין. די זון באַקט, אויפ'ן טראָטואַר קריכען־אַרום יאָהריגע האַלב־נאַקעטע קינדער אין צולעכערטע העמדלעך, ביי די שוועלען פֿון די קרעמלעך געניצען ווייבער, מחנות פליגען טאַנצען אַרום די פֿענסטערלעך, מאָגערע ציגען עסען דאָס טרוקענע האָלץ פֿון די פּאַרקאַנעס, אַ שיטערער שטויב ציהט זיך לאַנגזאַם איבער דער לענג פֿון גאַס און ירוחים דער וואַסערפיהרער, שטעהענדיג מיט באָרפיסע פיס אויפ'ן צוויי־רעדערדיגען וועגעל, שמייסט די ווייסע קורצע שקאַפּע און גריילצט אין דער הייסער שטילקייט מיט זיין לעדיגען פאַס.

און פֿאַמעליך געהט משה׳לע מיט שיינדעלען. זיי ריידען נישט, נאָר דאָס שווייגען גיט זיי דאָס אייגענע, וואָס אַנדערע דאָס ריידען. זיי פֿערשטעהען זיך מאָדנע גוט צווישען אייגאַנדער און לייכט איז זיי אויף דער נשמה. צווישען זיך שפּילען זיי זיך זעלטען און שולדיג דערין איז אייגענטליך משה׳לע. שיינ־דעלע וואָלט זעהר געוואָלט שפּילען, טאַנצען, זינגען, אויפֿפֿיה־רען זיך אַזוי, ווי אַלע צעהניעהריגע מיידעלעך פֿיהרען זיך אויף. נאָר משה׳לע האָט ליב ערנסט, חלומות, מעשה־ביכלעך און שוויי־גען. און שיינדעלע איז נישט־ווילענדיג אונטערגעוואָרפֿען זיין ווילען, ווי אַ מיידעלע, אין וועלכער עס שפּירט זיך שוין דאָס קינפֿטיגע ווייב. שיינדעלע מיינט, אַז משה׳לע איז זעהר אַ קלו־גער און זעהר אַ גראָטענער און זי דאַרף איהם פֿאָלגען און הערען. משה׳לעס ערנסטקייט איז אָבער נישט די ערנסטקייט פֿון אַ גריבלער אָדער פֿון אַ שווערען כאַראַקטער, נאָר פֿון פֿריהיגען אומעט, פֿון פֿיהלען דעם פֿאַרב פֿון די הימלען, פֿון ציטערן פֿאַר די בלאַסע קאַלטע לבנה־שטראַהלען, וואָסווירקען אויף איהם אונפֿערשטענדליך, פֿון בלוט־אָרימקייט און פֿון סתם בענקשאַפֿט. דאָס האַרץ בענקט ביז טרעהרען און טיילמאָל, אַז קיינער זעהט נישט, וויינט ער טאַקע אָהן אַ שום סבה.

—משה׳לע,—פֿרעגט פּלוצלונג שיינדעלע—אָט דער ריכאַרד, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט, איז טאַקע זעהר אַ שרעקליכער מערדער?..

משה׳לע קוקט צו אַ שפּיץ פֿון אַ וויטען בוים, וואָס זעהט זיך אַרויס הינטער אַ דאַך פֿון אַ הייזעל. דער בלויער הימעל רוהט אויפֿ׳ן שפּיץ בוים און משה׳לען דאַכט זיך, אַז דאָרט לאָזט זיך אַראָב דער הימעל. כאָטש ער ווייס, אַז דאָס איז נישט אַזוי, אַז ער האָט זיך שוין פֿיל מאָל גענאַרט דערמיט, פֿונדעסטוועגען האָט ער אונגעהויער ליב צו זיין גענאַרט און גאָר אונגערן נעהמט ער עס אָן פֿאַר אַנ׳אמת. אויב דאָרט לאָזט זיך ווירקליך אַראָב דער הימעל, מוז דאָרט זיין אונגעוועהנליך גוט.

נאָר שיינדעלעס פֿראַגע צושלאָגט איהם די רעיונות.

 —ווער, ריכאַרד?—רייסט ער אָב די אויגען פֿונ׳ם הימעל

מיט׳ן שפיץ בוים—ריכאַרד איז דוקא געווען אַ גוטער מענש... וועסט הערען...

משה׳לע וויל איהר שוין אויפ׳ן אָרט דערצעהלען, ווער ריכאַרד איז געווען, נאָר צו וואָס ריידען, אַז ער וועט עס איהר לייענען אין אָווענד, אַז דער הימעל לאָזט זיך דאָרט ווייט אַראָב אויפ׳ן שפיץ בוים, אַז שיינדעלעס האָהר זענען פערגאָסען מיט זון, אַז אין גרינעם הויז, דאָרט, ביים רייכען טאָטער, שפּילט מען אויף אַ פידעל און אַז עס וועט נאָך אַזוי לאַנג זיין זומער און זומער. פון חדר איז ער פריי און גאָט איז אַ גוטער און טהאָן דאַרף מען, דאַכט זיך, גאָרנישט און אַ ביכעלע איז שטענדיג פאַרהאַן אונטער׳ן האַנד און שיינדעלע וואוינט אַ טהיר נעבען אַ טהיר.

—שיינדעלע,—פרעגט ער פלוצלונג—וואָס האָסטו ליב: טאָג צי נאַכט?

שיינדעלע ענטפערט האַסטיג, מיט אַמאָל, נישט געטראַכט:

—טאָג.

—און איך: נאַכט...—זאָגט ער נישט פעסט אַרויס און ווישט-איבער דעם שטערען מיט׳ן דינעם הענטעל, ווי אַ דערוואַקסענער נערוועזישער מענש.

ביי שײנדעלע'ן אין שטוב.

צווייטעס קאַפּיטעל.

אויפ'ן טונקעל-בלויען הימעל גליטשען זיך אַרויס דריי שטע-
רענדלעך, פונקט ווי דריי גאָלדענע פליגעלעך, וואָס
שפּילען זיך איבער אַ גרויסען רוהיגען ים, און די קליינע פענ-
סטערלעך ביי שײנדעלע'ן אין שטוב זויגען די קיהלע אָווענד-
לופט, ווי אַ מענש מיט קראַנקע לונגען. אויפ'ן הויף דרעהען זיך
אַרום יודען און ווייבער און קינדער, פונקט ווי ביי זיך אין
שטוב, האַלב-נאַקעטע, מידע און פערשמועסטע. מאַנכע שטעהען
אין קופּקעלעך, מאַנכע רוקען זיך אַרום ווי שאָטענס און אַנדע-
רע זיצען אויף דער ערד מיט אָפענע הערצער, מיט אַרויפגערוק-
טע היטלען, אָנגעשפּאַרט צו אַ וואַנד, פונקט ווי וואַנדערער ערגעץ
אין אַ וואַלד נאָך אַ לאַנגער און שווערער נסיעה. דאָס זענען אַלץ
שכנים, — מענשען, וואָס וואויגען אין די קליינע דירה'לעך פון
דעם גרויסען הויז מיט די פערוויינטע פענסטערלעך. דער גרע-
סטער טייל פון זיי וועט שלאָפען אויפ'ן הויף, אונטער'ן פרייען
הימעל, און דאָס גיט-צו דעם הויף עפּיס אַ היימליך און אונגע-
וועהנליך אויסזעהן. נישטאָ קיין בעזונדערע געזינדען, קיין צו-

שיידטע משפחות. דער הויף, דער גרויסער זומערדיגער הויף האָט זיי אַלעמען פעראייניגט, און עס דאַכט זיך—נאָר איין משפחה איז דאָ, וואָס וואוינט ווי אַ גרויסער לאַגער אונטער דעם פרייען הימעל מיט די דריי שטערענדלעך-פליגעלעך.

שיינדעלע׳ס מאַמע איז אַ ברויט-בעקערין, און ביי זיי ווערט מען נישט נתפעל פון היץ, פון אַ הייסען טאָג. זיי האַלטען נאָר אָפען די פענסטער און געהען זיך נישט אָבקיהלען אין דרויסען. שיינדעלע׳ס מאַמע, פייע, וואָס אַזוי הייסט אויך משה׳לעס מאַמע, איז אַן׳אויסגעטריקענטע יודענע מיט יונגע אויגען, אַ מת מיט אַ שענעם און אַ וואַרימען שמייכעל, און זיצען נעבען איהר, אָדער עסען דאָס, וואָס זי דערלאַנגט, אָדער בעקומען פון איהר אַ גלעט, אָדער זיין דערוואַרימט פון איהר שמייכעל, איז זעהר אָנגענעהם. זי האָט אויך ליב מעשה-ביכלעך, תחינות, יציאת מצרים, חנה׳ן מיט די זיבען קינדער און משה׳לען. פאַר משה׳לען גרייט זי שטענדיג אָן אַ גוטע זאַך צום עסען, גיט איהם אָב דעם שענסטען אָרט ביים טיש און טענטעלט זיך אַרום איהם, ווי אַ גוטע און אַ האַרציגע מאַמע. אַמאָל פערגעסט זי זיך אוז לויבט איהם אין די אויגען:

—גישטאָ אַזאַ וואויל קינד...

דעמאָלט ווערט משה׳לען אי פרעהליך, אי אומעטיג, און ער לאָזט-אַראָב די אויגען. ער שפירט אויך, אַז ער איז אַ וואוילער. נאָר אין אַן׳אַנדער אָרט האָט ער בעדאַרפט זיין, צווישען אַנדערע מענשען זיך האָדעווען און וואַקסען און לעבען.

משה׳לע איז שוין לאַנג געקומען און האַלט אַ גרוי ביכעלע אין האַנד. דאָס ביכעלע איז נישט מעהר און נישט ווענינער ווי דער שרעקליכער מערדער ריכאַרד, אָבער משה׳לע קאָן נישט אָנהויבען לייענען, ווייל די אַלטע פייע איז פערנומען. זי וויל אויך הערען. אָהן איהר טאָר מען נישט לייענען. פון קיך קומט אַריין רחל׳ס ברודער דער משוגע׳נער, וואָס שלאָפט הינטער׳ן אויוועז, עסט פון אַ טאָפּ, קלאַפּט זיך אַ גאַנצע נאַכט מיט אַ פינגער אין שטערען אַריין און האָט נאָר דריי ווערטער: איז אַז איז. קיינער ווייס נישט דעם טייטש פון דעם און וואָס

מיינט ער דערמיט. פון שטערען ביז'ן מויל איז ער געראָטען אין שיינדעלע'ן: ער האָט אויך גרויע גוטע אויגען, ווי שיינדעלע און איהר פאַמיליע, אָבער ווייטער געהען שוין שטריכען פון אַ משוגע'נעם: דאָס מויל צוקרימט, דער האַלז לאַנג און אויסגעבויגען, די האָהר פון באָרד ערטערווייז אויסגעריסען. נאָר שמייכלען האָט ער ליב, און אַז ער רוקט זיך צו לאַנגזאַם און מיט זעהר שטילע טריט צום טיש, שמייכעלט ער צו משה'לען קעלביש און וואַסערדיג און ברומט שטיל אַרויס:

—איז אַז איז... איז אַז איז...

משה'לע בעצאָהלט איהם אויך מיט אַ שמייכעל און פיהלט בעת-מעשה, אַז נאָר דאָ אין שטוב איז איהם גוט, דאָ, נעבען שיינדעלע'ן, נעבען דעם משוגע'נעם ברודער, נעבען דער אַלטער אויסגעטריקענטער פייע'ן, אין די קליינע צימערלעך, ווי קעסטעלעך, און אין דעם מחיה'דיגען ריח פון פרישען ברויט. און נישט איין מאָל אין אַזאַ מינוט טראַכט זיך אין איהם אַזוי לייכט און שטיל, פונקט ווי ער וואָלט געהאַלטען צוגעמאַכט די אויגען, וועגען דער מאַכט פון עלטערן און פאַרוואָס זאָל אַ קינד נישט קאָנען איבערגעהן פון די אייגענע עלטערן צו אַנדערע? פאַרוואָס זאָל ער נישט טאָרען זיין שיינדעלעס אַ ברודער און פייע'ס אַ זוהן? פאַרוואָס קאָן מען אַלץ אין דער וועלט איבערטראָגען, איבעראַנדערשען, איבערשטעלען, איבערמאַכען, און דאָס נישט? און איהם דאַכט זיך, אַז גוטסקייט, שטילקייט און שלום-בית זענען פאַרהאַן נאָר דאָ אין שטוב און קוקען דאָ אַרויס פון אַלע ווינקעלעך.

דאָס לייענען הויבט זיך אָן, ווען פייע ענדיגט איהר אַרבייט און זעצט זיך אַוועק ביים טיש ווי אַ הויפען מענש, אַנ'איינגעשרומפענע, אַנ'אויסגעטריקענטע, אַ בינטעל שאַרפע ביינער, מיט יונגע אויגען, מיט אַ טיכעל אויפ'ן קאָפּ און די עקען פאַרבונדען אונטער'ן האַלז. זי זיצט און הערט מיט דעמזעלבען אויסדרוק פון אויג, ווי ביי שיינדעלע'ן, נאָר שיינדעלע איז יונג, פריש, מילך און בלוט, און די ליפּלעך איהרע זענען אַזוי ווי אויסגעשאַרענע פון עפּיס אַ רויטען שטאָף. משה'לע לייענט פון

דעם שרעקליכען מערדער ריכאַרד, וואָס האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבער ווילדע וועלדער און פּוסטע פעלדער מיט אַ באַנדע גזלנים. דערדאָזיגער מערדער איז געווען שרעקליך דרייסט, מוטהיג און בייז, דאָך האָט ער געהאַט אַ האַרץ אַ גוטע, און אָרימעלייט פּלעגט ער שאַנעווען. די שפּראַך פון ביכעל איז אַ דייטשע און אַ רוסי-שע און אַ טערקישע, נאָר מען בעדאַרף האָרכען ווי אַזוי משה'לע לייענט. די אומגעלומפּערטע ווערטער און זאַצען בעקומען אין זיין לייענען בלוט און לעבען, און ביי דער שטילקייט פון די צוהערער דאַכט זיך, אַז דאָ, ערגעץ דערביי, אָטעמט ריכאַרד מיט זיינע שרעקליכע גזלנים און זיי קוקען-אַרויס מיט פייער-דיגע אויגען. און משה'לעס קול גיסט זיך און גיסט זיך אין דער שטילקייט, ווי אַ קלאָר וואַסערל. דאָ איז דער קול ווייך און האַר-ציג, ווי אַ תפילה, דאָ צעוואַקסט ער זיך, ווי אַ געוויטער, און דאָ פליסט ער גלייך און איינטעניג, ווי מוסר. אַמאָל שעפּטשעט ער און בעט זיך ווי אַ קינד, קוים צום הערען. ביי דער אַלטער ווייזען זיך טרעהרען אויף די אויגען און ביי שיינדעלע'ן ציטערן די אויסגעשאָרענע ליפּעלעך.

משה'לע פיהלט, אַז דאָס לייענען—איז זיין האַרץ. זיין האַרץ איז דאָס שולדיג. זיין האַרץ בעט זיך, זיין האַרץ געוואי-טערט, זיין האַרץ פּאַלט-איין און שעפּטשעט. דאָס האַרץ זיינס רעגירט מיט'ן קול. און בשעת ער ענדיגט, איז נאָך לאַנג שטיל און ביי די צוהערער קוקען שטייף אַרויס די אויגען פון אָנ-שטרענגונג, פּונקט ווי זיי וואָלט נישט געלייענט געוואָרען, נאָר זיי האָבען אַליין ערשט איבערגעלעבט אַ גרויס געשעהעניש. איינ-מאָל, בשעת שיינדעלעס טאַטע, אַ פרומער יוד, וואָס האַלט די וועלט פאַר אַ פאָרהויז, איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען און זיך צוגע-הערט צופעליג צו משה'לעס לייענען, איז ער ביז'ן סאַמע סוף געבליבען שטעהן אונבעוועגט, מיט'ן קאָפּ אויף אַ זייט און מיט די אויגען פערקוקט אין איין פּינטעל, און אַז משה'לע האָט גע-ענדיגט, האָט ער אַ ציה געטהאָן מיט די ליפּען, אַ דרעה געגע-בען מיט'ן קאָפּ און אַרויסגעזאָגט:

—אַ לייענען אַ ביסעל... נשתומם צו ווערען...

און איז אַוועקגעגאַנגען, שאָקלענדיג אַלץ מיט׳ן קאָפּ.

נאָכ׳ן לייענען פּיהלט משה׳לע אַלעמאָל קאָפּשמערצען און האַרץ-קלאַפּעניש, און עפּיס נעבעלדיגס שווימט פאַר די אויגען. אָבער שיינדעלע האַלט איהם ביי די הענדטלעך און קוקט איהם אָן מיט אונרוהיגע פּערטיפּטע אויגען. זי קוקט איהם אָן און זעהט איהם אָבער נישט. זעהן זעהט זי ריכאַרד׳ן און דעם וואַלד און ב׳גזל׳טע מענשען און נאַכט צווישען די וואַלד-בוימער און וואַלד-סודות. און עס קלאַפּט איהר דאָס הערצעל און מחשבות שפּרינגען איינע איבער די אַנדערע. צי געפינט זיך אפשר אַמאָל נישט, דאַכט זיך איהר, דאָס הייזעלע, וואו זיי וואוינען איצט, אין אַ געדיכטען וואַלד און צי דרעהט זיך דאָ נישט אַרום ריכאַרד מיט זיין באַנדע? צי פאַלט ער איצט נישט אָן, צי שיסט ער נישט אין אַנ׳איינזאַמען דורכפאָהרער? וואָרום ריכאַרד, נאָכדעם, ווי משה׳לע האָט וועגען איהם געלייענט, לעבט געוויס, ער איז דאָ אויף דער וועלט, ווי עס איז דאָ משה׳לע און די מאַמע און דער טאַטע און דער משוגע׳נער ברודער. צי זענען אַמאָל נישט די שכנים, וואָס דרעהען זיך אַרום איבער׳ן הויף, גזלנים, מערדער, באַנדיטען, רוצחים פון ריכאַרד׳ס באַנדע?

שיינדעלע דריקט איהם שטאַרקער די הענדטלעך און טיפער און טונקעלער ווערט איהר קוק. און זיין בליק פאַלט-אַריין אין איהרען און עפּיס גיט זיך איהם איבער פון איהר צו איהם און הייס אַרום די שלייפען ווערט איהם און די נעבלען ווערען גרעסער און איהם דאַכט זיך, אַז פליגלען הויבען איהם ביים רוקען זאַכט, און שטיל, און לאַנגזאַם נידערט דער באַלקען צו דער ערד. נאָר די אַלטע פּייע, וואָס לאָזט זיי זיצען אַ וויילע אַזוי, קומט-אָן פון קיך מיט עפּיס אַ מאכל און באַלד קלינגט אַ טעלער, אַ לעפעל אויפ׳ן טיש, און דער כשוף ווערט צורונען.

צוריק שטוב, ווי געווען, דער באַלקען נידערט נישט, פון אַ ריכאַרד איז קיין זכר נישטאָ. עס איז נאָר דאָ אַ משה׳לע און אַ שיינדעלע, און עס הערט זיך פּייע׳ס קול:

—אָט איז אַ נחת... פּייע וויס דאָך גאָרנישט, וואָס פאַר

אַ יונגעל זי האָט... אַי לייענסטו, מיין קינד... צו צוקערן יעדעס וואָרט...

קיין שום נייעס איז נישטאָ אין איהרע רייד. אַלע טאָג דאָסזעלבע. אַלע טאָג שיט פייע מיט אַזוינע ווערטער, אָבער משה'לען פּאָכען זיי ווייך איבער די באַקען, ווי אַ מחיה'דיג ווינטעלע.

און אַז פייע געהט שוין אַוועק צו זיך אין פינסטערן און איינגען קאַמערל שלאָפען און אַז פון דאָרטען הערט זיך נאָך צוזאַמען מיט אַ סקריפּ פון אַנ'אַלטען בעט, ווי זי רעדט אַזוי ווי פאַר זיך ווענען משה'לעס מעלות, געהט משה'לע מיט שיינדעלע'ן אַרויס אויפ'ן הויף. אַ בלויער איינגעשטילטער הימעל מיט גאָל-דענע טאַנצענדיגע קנעפּעלעך בעגעגענט זיי פון אויבען און אויף דער ערד זענען אויסגעלעגט וואַרימע שאָטענס, און פון די שאָ-טענס בלייכען-אַרויס עלטערע בערדיגע פּנים'ער מיט צוגעמאַכטע אויגען. אויפ'ן הויף איז שטיל. מאַנכע פון די שכנים שלאָפען, אַנדערע דרעמלען זיצענדיג.ביידע קינדער זעצען זיך אויף אַ קלאָץ.

—וואו קאָן איצט זיין ריכאַרד?—פרעגט שיינדעלע מיט פערטיפטע שאָטענדיגע אויגען.

און אַז משה'לע ענטפערט נישט, פרעגט זי נאָכאַמאָל:

—משה'לע, וואו, מיינסטו, קאָן איצט זיין ריכאַרד?

אָבער משה'לעס געדאַנק דרעהט זיך אַרום די גאָלדענע שטערענדלעך, און ער הערט נישט, וואָס זי פרעגט. אין דער ווייס-שוואַרצער לופט פון אַ זומערנאַכט ווערען איהם שאַרפער די געזיכטס-ציגען, ווי ביי אַ געשטאָרבען קינד און ער זעהט-אויס נאָך בלאַסער, ווי אַלעמעל.

—אָן יענץ שטערענדעל מוז זיין זעהר ווייט...—רופט ער זיך אָן מיט אַ מיד שטימעלע, אָנווייזענדיג מיט'ן פינגער אויף אַ ווייטען גאָלדענעם פלעק פון אַ שטערן.

—משה'לע...—זאָגט שיינדעלע פּלוצלונג אַרויס, צורוקענדיג זיך נעהנטער צו איהם.

—וואָס?..

—משה׳לע?..

—וואָס?

—מיך שרעקט עפּיס...

—נו,—מאַכט משה׳לע נישט זיכער, דערפיהלענדיג ווי די נאַכט-שטילקייט דערוועקט אין איהם גופא אַ מורא—אַ מענש טאָר זיך נישט שרעקען. גאָט איז אויפ׳ן הימעל, גאָט איז אויף דער ערד. אָט דאָ, נעבען אונז, איז אויך פאַרהאַן גאָט...

נאָר אַזוינע ווערטער ווירקען נישט אויף שיינדעלען. די שטילקייט פון דער נאַכט איז גרויס, געדיכט און וואַרים, און אומפערשטענדליך בלויט דער הימעל און ביי זעהען-אויס די שטערן און אויף דער ערד ליגען בערדיגע יודען, וואָס שאַרכען מיט דער נאָז און וואַרפען נאָך זיך אַ שאָטען. שיינדעלע׳ן דאַכט זיך, אַז זי לעבט דאָס ערשטע מאָל אין אַזאַ שטילקייט און זעהט דאָס ערשטע מאָל אַזאַ נאַכט. דאָס גיט זיך איבער אויך משה׳לען, און ביידע דערנעהנטערן זיך און ביידענס בעקלעך טרעפען זיך צוזאַמען און ביידענס אָטעם ווערט צוזאַמענגעמישט.

—משה׳לע...

—וואָס?

—איך האָב מורא...

—דו וואָלסט געקאָנט אויסזיצען אַ נאַכט אויפ׳ן גאַס?—פרעגט משה׳לע שטאַרק פערקלערט.

—ניין,—לאָזט שיינדעלע אַראָב דעם קאָפּ און נעהמט זיך אַרום מיט די הענדטלעך ביי דער ברוסט, פונקט ווי זי וואָלט זיך געהיט פון אַנ׳אָנפאַל.

—און זלמן...—וויל משה׳לע עפּיס דערצעהלען און האַקט זיך אָב.

איהם ווילט זיך מעהר נישט ריידען, ער וויל זיך בעסער איינפאַסען אין דער שטילקייט, און ער קוקט אַלץ אין דער שטילער בלויקייט פונ׳ם הימעל, אין דעם אונרוהיגען גאָלד פון די שטערען און נאָך ערגיץ אנדערש-וואו, וואָס איז אויסער דעם הימעל און אויסער די שטערען, וואו ער זעהט מאָדנע פאַנטאַ-

סטישע בילדער און געשטאַלטען, וועגען וועלכע ער וועט קיינעם קיינמאָל נישט דערצעהלען, וואָרום קיינער וועט עס נישט פערשטעהן און נישט הערען.

זיצען אין דרויסען קאָן מען אייגענטליך וויפיעל מען וויל, וואָרים זומער, בשעת מען שלאָפט אויפ׳ן הויף, שפּאַרט מען נישט צו די טהיר. אָבער אַז עס ווערט קיהלער און די שלאָפענדיגע יודען ציהען אויף זיך אַרויף די אַראָבגעפאַלענע קאָלדרעס און קעהרען זיך איבער אויף דער אַנדערער זייט מיט אַ געדיכטער סאָפּעריי, פּונקט ווי זיי וואָלטען וועלען טיפער אַריינקריכען אין דער וואַרימער שטומער ערד, הויבען זיך אויף ביידע קינדער און געהען אין שטוב אַריין. פאַר׳ן צושיידען זיך צוקושען זיי זיך נישט - צוגעגרייט, האַסטיג און פּלוצלונג. און פערשווינדען באַלד אין די שוואַרצע מיילער פון די קליינע הילצערנע פאָרהויזלעך. נאָר אַז משה׳לע טרעט פאָרזיכטיג איבער די שוועל פון דער פינסטערער דושנער שטוב, וואָס איז אָנגעפילט מיט שלאָף און סאָפּעריי, בעפאַלט איהם עפּיס אַ נישטגעניחא׳קייט און איהם דאַכט זיך, אַז ער איז שוין דאָ נישט געווען פון יאָהרען-לאַנג, אַז דאָס איז אַ פרעמדע שטוב, מיט פרעמדע אונהיימליכע שאָטענס פון פרעמדע מענשען...

משה'לעס טאַטע

דריטעס קאַפּיטעל.

א מאָדנער יוד איז משה'לעס טאַטע. בשעת ער איז צופרידען, האָט ער ליב צו קויפען געשלייפטע פסח'דיגע כוסות טאַמע נאָך פסח און האַלטען זיי צווישען די פינגער אַנטקעגען דער זון; און בשעת ער איז נישט אויפגעלעגט, נישט צופרידען, זעצט ער זיך ביי ראָג טיש, די הענד אויף די קניה, די געדיכטע אַראָבגעהאַנגענע ברעמען בייז צונויפגעבויגט, און, קוקענדיג אין איין פּינטעל אויף דער פּאָדלאָגע דורך די קאַלטע גלעזער פון די ברילען, טענה'ט ער אַלץ איין זאַך:

—בעי קאָטאַ, ניע בעי קאָטאַ... בעי קאָטאַ, ניע בעי קאָטאַ...

פאַרהאַן נאָך אַנדערע מאָדנע דרכים אין זיין כאַראַקטער. דהיינו: ער האָט זיך ליב צו חבר'ן מיט קינדער און דער-וואַקסענע האָט ער פיינט, אויסער דעם אַלטען זלמנ'ען, וועלכען ער בעגעגענט טיילמאָל קאַלט און טרוקען, סתם אָהן אַ שום סבה, און אַמאָל וואַרים און צופרידען, אויך סתם אָהן אַ שום סבה. קומט דער אַלטער זלמן אַמאָל אין אָוועגד, ווי געוועהנליך, קוקט

איהם אָן משה'לעס טאַטע מיט אַזוינע אויגען, ווי ער וואָלט איהם קיינמאָל נישט געקאָנט, ווי ער וואָלט איהם געזעהן דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבען, און גיט אַ זאָג מיט אַ נידעריגען שלעכטען קול:

—געקומען... אָנגעטראָגען זיך... נו, וואָס ביזטו געקומען? וואָס, וואָס ביזטו געקומען? געה אַהיים שלאָפען...

און אַמאָל, פערקעהרט, טהוט ער זיך געשווינד אַ הויב פון אָרט ביי זלמנ'ס קומען, שפרייט-אויס ביידע הענד אין דער-הויך און שרייט-אויס מיט שמחה:

—אַ, זלמן... איז דאָ! זלמן... איז דאָ!

משה'לעס טאַטע רופט-אָן זלמנ'ען מיט'ן נאָמען און נאָך מיט אַ צולאָג—מיט זעהר אַ מאוס'ען צונאָמען, וואָס יענער האָט מסתמא בעקומען נאָך יונגעלווייז. נאָר זלמן בעליידיגט זיך זעלטען אויפ'ן טאַטען, און ער מאַכט זיך גאָרנישט דערפון, ווען דער טאַטע נעהמט איהם אויף שלעכט. זלמן איז בכלל אַ קאַלטער און אַ רוהיגער מענש. לויט זיין מיינונג, בעדאַרף אַ מענש קיינמאָל פון קיין זאַך נישט נתפעל-ווערען. וואָרום, ערשטענס, פּאַסט עס נישט פאַר אַ מענשען און, צווייטענס, נעהמען זיך אַלע אומגליקען פון התפעלות, פון צו-הויך שרייען, פון צאַפּלען זיך, גאַפען און בעוואונדערן. רוהיג בעדאַרף מען זיין, קאַלט, געלאַסען און שטיל. דעמאָלט וואָלט די וועלט גאָר אַנ'אַנדער פנים געהאַט. אויסערדעם, געדענקט נאָך זלמן משה'לעס טאַטען, ווען יענער איז נאָך געווען אַ יונגעל און ער האָט איהם געלערנט שלעפּען גרינע אוגערקעס פון פרעמדע גערטנער. ביידען האָט נישט געפעהלט קיין אוגערקעס אין דערהיים, נאָר זלמן האָט ליב אַזאַ מלאכה, וואָס איז עטוואָס ענליך צו אַ גנבה און איז פערבונדען מיט געפאַהר. אין געצעהלטע פאַלען, געדענקט משה'לע, בשעת אין שטוב איז געווען שטיל, דער טאַטע אין גאַס, אויפ'ן טיש איז געשטאַנען טיי, האָט זלמן, אין אַ שמועס מיט דער מאַמען, פאַרבייגעהענדיג צוגעוואָרפען:

—אַ פערפיהרטער מענש איז דיין שמעון... אַנ'אַנדערן דערפעהלט עפּיס, ער האָט צופיל... און דערפאַר איז ער אַ פער-

פיהרטער. אַ גאָלדענער קאָפּ, גאָלדענע הענד, טויג זיך צו אַלץ אין דער וועלט. אַ לערנער, אַ זכרון—נישטאָ נאָך אַ צווייטער צו איהם. אָבער... גאָרנישט. אַ שגעון, אַ פערפיהרטער מענש, אַ צו-דרעהטער קאָפּ. אַרויסגעוואָרפען די רייד. נישטאָ זיך וואָס צו דערוואַרטען פון איהם. איך קאָן איהם, דעם חברה-מאַן.

די מאַמע האָט טרויריג און איינשטימיג צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

—הערסטו, אָט דאָס טענה איך דאָך שטענדיג. דאַכט זיך, אַזאַ געראָטענער, און ס'איז אַרויסגעוואָרפען אויפ'ן ווינד. אומ-גליקליך איז אַ ווייב מיט איהם. פאַר די קינדער אַרט זיהם נישט. דעם יאָך פון פרנסה וויל ער נישט טראָגען. וועגען דירה-געלד קימערט ער זיך גאָרנישט. צו מיין קאָפּ בעדאַרף עס אַלץ אויסגעהן,—איז די מאַמע אַראָב פון וועג און אָנגעהויבען אויס-צורעכענען אַ צעטעל מיט עולות פון טאַטען, וואָס זענען זלמנ'ען שוין לאַנג גוט בעקאַנט געווען.

נאָר משה'לען קומט-פאָר דאָס סאַמע אונפערשטענדליכסטע אין טאַטען דאָס, וואָס בעת ער האָט אַזוי ליב קינדער, בעת ער טראָגט זיי אַרום אויף די הענד, מאַכט זיי צאַצקעס און געהט מיט זיי שפּאַצירען, מיידט ער איהם, משה'לען, שטענדיג אויס, און בשעת ער רעדט מיט איהם, ווערט זיין פּנים פער-צויגען מיט אַ שלעכטער ערנסטקייט, די געדיכטע אַראָבגעהאַנגענע ברעמען בויגען זיך אויס, און משה'לען דאַכט זיך בשעת-מעשה, אַז ער שטעהט פאַר אַ פרעמדען קאַלטען יודען, וואָס וויל איהם דאָ עפּיס טהאָן אַ רעה.

זעהר זעלטען רעדט ער מיט משה'לען גוט, מיט ליבע, צערטליך, ווי אַנדערע טאַטעס מיט קינדער. משה'לע האָט אויך בעמערקט, אַז אין אַ פרעמדער שטוב, צי אויפ'ן הויף מיט יודען איז דער טאַטע פרעהליכער, ווי אין דערהיים. מיט פרעמדע מענ-שען איז ער גאָר אַנ'אַנדערער. פאַר זיי האָט ער אַ וויץ, אַ גוט וואָרט, אַ שמייכעל אָדער אַ געשיקטע בעוועגונג. אין דערהיים צווישען די אייגענע קינדער איז ער דאָס רוב אומעטיג און שטיל. אָבער דאָס איז נישט דער אומעט און שטילקייט פון אַ

געהאָ[illegible]ען, פון אַ שוואַכער נאַטור, נאָר פון אַנ'אונצופרידענעם מענשען, וואָס געפינט זיך קיין אָרט נישט אין שטוב. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי, פערשטעהען אפילו נישט די עלטערער קינדער און מען איז שוין אַזוי געוועהנט דערצו, אַז מען רעדט קיינמאָל נישט וועגען דעם און מען בעוואונדערט עס נישט. און דאָך האָבען ליב די קינדער—משה'לעס ברידער און שוועסטער—אָט דעם יודען מיט די געדיכטע אַראָבגעהאַנגענע ברעמען, מיט די שפּאַקולען אויף דער ברייטער נאָז, מיט די לאַנגע, פעך-שוואַרצע האָהר, צו וועלכע עס פּאַסט זיך לחלוטין נישט די געדיכטע באָרד, וואָס האָט קיין שום קאָליר נישט. די געדיכטע שוואַרצע האָהר האָבען דאָך נישט פערשלונגען דעם שטערען, וואָס איז מעהר ברייט, ווי הויך, און איז שטאַרק דורכגעשניטען מיט קנייטשען. דער סאַמע כאַראַקטעריסטישער קנייטש איז דער, וואָס ליגט אויף דעם אָרט שטערען, וואו עס הויבט זיך אָן די נאָז און די געדיכטע ברעמען. דערדאָזיגער קנייטש האָט דריי קאַנטען: צוויי אַרויף און איינעם אַראָב און ליגט טיף איינגעשניטען אין הויט. בשעת דער טאַטע קוקט מיט די קליינע גלאַנציגע אויגען, רוקט זיך דער קנייטש צוזאַמען און עס דערנעהנטערן זיך די ברעמען, פונקט ווי צוויי בוימלעך וואָלטען געלעגען איבער צוויי קליינע פייערלעך. אַ גאַנצען טאָג שפּילט דער קנייטש: דאָ ווערט ער ברייטער, דאָ שמעלער, און די ברעמען רוקען זיך, בויגען זיך אָדער גלייכען זיך אויס. נאָר בעסער פון אַלץ געפעלען משה'לען דעם טאַטענס נעגעל. זיי זענען לאַנגע, גלאַנציגע, האַלב-רונדע און ראָזע. אַז דער טאַטע לעגט-אַוועק די גאַנצע האַנד אויפ'ן טיש, זעהען זיי אויס ווי געטאָקטע און ווי אַרויפגעקלעבטע אויף די שפּיצען פינגער. זיי זענען אַזוי רונדיג, אַז זיי פערנעהמען פונקט אַ האַלבען פינגער אין דער-ברייט. די פינגער אַליין זענען ווייכע, פולע און לאַנגע. פון ווייטען מאַכט דער טאַטע אַנ'איינדרוק פון אַ משכיל און אַ ניהיליסט, פון נאָהנטען זעהט ער אויס אַ סך יודישליכער, און אַז מען זאָל פון זיינע לאַנגע האָהר מאַכען געדרעהטע בויגעלדיגע פּאות'ן, וואָלט ער אויסגעזעהן, ווי אַ קליינשטעדטעלדיגער רב. אָבער זיין

סאַמע שטרענגסטער שטריך זענען די דיקע לאַנגע וואָנסען, וואָס ציהען זיך איהם ביז צו דעם האַלז, און משה׳לען דאַכט זיך שטענדיג, אַז ווען מען זאָל איהם אָבגאָלען די באָרד און אָב-שערען די האָהר, וואָלט ער אויסגעזעהן מיט די דיקע לאַנגע וואָנסען, ווי זעהר אַ בייזער פּריסטאַוו.

די גרעסטע תאוה זיינע איז — קויפען און לייענען אַ לשון-קודש׳דיג בוך. לייהען אַ בוך איז נישט אין זיין נאַטור. אַז מען קלויבט זיך איבער אין אַ נייער דירה, כאַפּט ער זיך באַלד מאַ-כען פּאָליצקעס ביי די ווענד פאַר זיינע ביכער, און די מאַמע בעדאַרף אָנקומען צו פרעמדע, זיי זאָלען פונאַנדערשטעלען די בעטען און די איבעריגע שטוב-מכשירים. און ביכער האָט ער אַזויפיל, אַז מען פיהרט זיי אין זעק און אין קאַסטענס. גנבים עקזיסטירען פאַר׳ן טאַטען נאָר פאַר ביכער, און אַז אַ פרעמדער מענש געהט-אַרויס פון שטוב, וואַרפט דער טאַטע אַ פערבאָרגע-נעם און פערדעכטיגען בליק צו די פּאָליצקעס. אין דידאָזיגע פּאָליצקעס ליגט זיין נשמה, און בשעת ער קוקט אויף זיי, שפּראָצט-אַרויס פון זיין אויג אַ בעזונדער פייערל, פּונקט ווי זיי וואָלטען געוואונקען און גערעדט צו איהם, ווי לעבעדיגע, פּונקט ווי זיי וואָלטען געשמייכעלט צו איהם, ווי ברידער.

אין אַ צער, צי אין אַ פרייד — דער טאַטע האַלט אַ בוך. די סאַמע ליבסטע צייט צום לערנען איז ביי איהם אין מיטען נאַכט. משה׳לע, וואָס האָט שרעקליך מורא פאַר מייז, בערוהיגט עס און, אגב, שלאָפט זיך בעסער פאַר׳ן שיין פון לאָמפּ און פאַר׳ן שטילען שאָרך פון אַנ׳איבערגעקעהרטען בלעטעל.

דאָס בוך, איידער עס ווערט געלייענט, ווערט עס שטאַרק בעטראַכט. דאָס בעטראַכטען געדויערט גאַנץ לאַנג. פריהער ווערט בע[...]ראַכט און בעטאַפּט דאָס פּאָדערבלעטעל, דערנאָך דאָס פּאַ-פּיר. לסוף ווערט עס צוגעטראָגען צו דער נאָז און עס ווערט בעשמעקט דער דרוק-פאַרב. בשעת מעשה שמייכלען איהם עטוואָס די קנייטשען אַרום די אויגען מיט יענעם שמייכעל פון אַנ׳איינ-זאַניען, וואָס פיהלט, אַז קיינער פערשטעהט איהם נישט, און ער איז צופרידען דערפון.

די מאַמע האָט פיינט די ביכער און די פּאָליצקעס. נאָך איהר שכל נאָך דאַרף מען אַ בוך לייהען און בעסער טראַכטען פון דירה-געלד. געוועהנליך האָט זי מורא פאַר'ן טאַטען, נאָר אַז איהר ווערט צו-איינג, וואַרפט זי איהם צו שטיל און פערביטערט, ווי מען וואַרפט-צו אַ קליין שפּיציג שטיינדעלע פון דער זייט:

—דיינע ביכער ליגען מיר שוין גוט אין די ביינער... אָט דאָ האָב איך זיי... דירה-געלד...

דער טאַטע קוקט זי אָן מיט די קאַלטע גלעזער פון די ברילען און מיט צונויפגערוקטע ברעמען:

—ביי דיר איז דאָך אַלץ אַזוי... בעי קאָטאַ, ניע בעי קאָטאַ...

וואָס איז ביי איהר אַלץ אַזוי—בלייבט אַ רעטעניש.

אַז דער טאַטע איז גוט און אויפגעלעגט, וואָס דאָס טרעפט זיך זעהר זעלטען, דערצעהלט ער פאַר די שטוביגע פון דעם נייעם בוך. ער דערצעהלט מיט שמייכעל און מיט גלאַנץ אין די אויגען, וואָס פּאַסט זיך זעהר צו זיין פּנים און וואָס מאַכט ליכטיגער און וואַרימער אין שטוב. טהאָן טהוט ער עס ליגענדיג, מיט איין האַנד אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ, אין דער צווייטער—דאָס בוך און דעם מיטעלסטען פינגער האַלט ער צווישען די בלעטער. אויסער יודישע געשיכטע, איז זיין ליבסטער העלד—נאַפּאָלעאָן. פון נאַפּאָלעאָנ'ען דערצעהלט ער זיך אָן געוואַלטיגע וואונדער. בעזונדערס ריהרענד איז זיין כוח. איינער אַליין גוסס'ט ער אויף אַ פערוואָרפענער אינזעל, וואָס טראָגט עפּיס אַ ווייבערשען נאָמען. אין דער נאַכט פון זיין שטאַרבען האָט נאַפּאָלעאָן דערזעהן דורכ'ן פענסטער אַ נייעם שטערען, וואָס האָט אַ ווײלע העל געלויכטען און איז דערנאָך פאַמעלעך און טרויעריג אונטערגעגאַנגען.

—יאָ,—האָט נאַפּאָלעאָן שווער אָבגעזיפצט—דאָס איז מיין שטערען... ער איז אונטערגעגאַנגען, איך שטאַרב...

און נאַפּאָלעאָן האָט דערפילט, ווי עס קיהלען איהם די פיס און ווי דאָס האַרץ בלייבט שטעהן.

משה'לען פלעגען צוטרעטען וואַרימע טרעהרען צו די אוי-

גען, נאָר אין דער אייגענער רגע פלעגט ער דערשפירען אַנ'-
אונגעוועהנליכע ליבע צום טאַטען דערפאַר, וואָס ער ווייס וואָס
צו דערצעהלען און דערפאַר, וואָס ער האָט געמאַכט אַזוי ליב
און היימליך אין שטוב. אַלע זיצען און האָרכען מיט גרויס אויפ-
מערקזאַמקייט, און אפילו די מאַמע טראַכט איצט נישט פון דירה-
געלד און קוקט צום טאַטען מיט ברייט-אויסגעשטעלטע אויגען
און מיט צונויפגעפרעסטע ליפען. און דער טאַטע קוקט נישט
אויף קיינעם בעזונדער. ער קוקט אויפ'ן מיטען שטוב און דער-
צעהלט.

פאַרוואָס איז דער טאַטע קיינמאָל נישט אַזוי גוט, ווי ער
איז איצט, אין דערדאָזיגער מינוט? פאַרוואָס איז ער דאָס רוב
בייז, נישט צופרידען, קאַלט און פרעמד? פאַרוואָס האָט ער קיי-
נעם נישט ליב, נאָר די פאָליצקעס מיט זיינע ביכער? אויף די-
דאָזיגע פראַגען האָט משה'לע יעדען טאָג געטראַכט און קיינ-
מאָל קיין תשובה נישט געפונען, אויסער ווען און בענקעניש.
אָט דער יוד מיט'ן דרייקאַנטיגען קנייטש צווישען די ברעמען און
מיט די קאַלטע גלעזער אויף די אויגען האָט דאָך געקענט אַריינ-
טראָגען פרייד אין שטוב און לייכטער מאַכען אַלעמענס געמי-
טער, ווען ער וואָלט געוואָלט זיין ווייכער, ריידעוודיגער, געהנ-
טער און בעהאַרצטער, ווי עס בעדאַרף זיין אַ טאַטע.

פאַרהאַן טאַטעס, וואָס מען קאָן זיי קושען, מען קאָן זיצען
ביי זיי אויפ'ן שויס, אָננעהמען זיי פאַר דער באָרד, שפּילען און
לאַכען זיי פרעהליך אין פנים אַריין. משה'לעס טאַטע איז אָבער
נישט פון די. און דערדאָזיגער אומשטאַנד פערשאַפט משה'לען
דעם שווערסטען און פיינליכסטען וועהטאָג אין האַרצען.

באָר אַזוי גוט איז ער יום-כפור אין שוהל און אין די טעג,
ווען עס ווערען צייטיג די גוטע עפּעל. בשעת עס ווערען ציי-
טיג עפּעל, הויבען זיך אָן ביסלעכווייז פונאַנדערציהען די כמאַר-
נע ברעמען זיינע, דאָס פנים ווערט איהם ליכטיגער, פונקט ווי
אַ שטראַהל וואָלט כסדר געשפּיעלט דערויף, און עפּטער שמייכעלט
ער און עפטער געהט ער אין גאַס, און אַז ער קומט אַהיים,
ברענגט ער די שענסטע און די טייערסטע עפּעל. אַליין עסט ער

זיי נישט. ער לעגט זיי אויס אויפ'ן טיש און קאָן זיך קיינמאָל נישט אָפּוואונדערן פון זייער שענקייט און ריח. נעהמט ער איי־נעם אין די הענד, אַ צווייטען, דרעהט זיי אום פאַר די אויגען, פאַר דער נאָז, לעגט זיי דערנאָך אַנידער און נעהמט זיי ווי־דעראַמאָל אין די הענד אַריין.

—נאַ, דיר אַ שענעם עפּעל, משה'לע...—הערט משה'לע פערקירצט זיין נאָמען אויף זיין טאַטענס ליפּען—עס, עס.

משה'לע עסט אַ גרויסען עפּעל, וואָס האָט אַ פאַרב פון פּו־טער מיט אַ רויטער באַק. באַלד גיט איהם דער טאַטע אַ צוויי־טען עפּעל אין דער צווייטער האַנד אַריין. מישט זיך אַריין די מאַמע און זאָגט, אַז דאָס קאָן איהם פערשאַטען, נאָר דער טאַ־טע פערשטעלט איהם ווייך מיט די הענד.

—זאָל ער עסען, ניש'קשה...—זאָגט דער טאַטע—אַזוינע עפּעל זענען אַ היילונג פאַר'ן מאָגען.

דער טאַטע איז אַ פרומער. אָבער די פרומקייט זיינע איז עפּיס אַ בעזונדערע, אַנ'אָבגעטיילטע, נישט עהנליך ווי ביי ליי־טען, פונקט ווי ער וואָלט זיך געהאַט זיין אייגענע אמונה. כאָטש אויף זיינע פּאָליצקעס שטעהט זיך זעהר געמיטליך אַ ש"ס, אין וועלכען ער קוקט גאַנץ אָפט אַריין, פונדעסטוועגען רעדט ער קיינמאָל נישט מיט קיינעם פון גאָט, פון יענער וועלט, פון גיהנם און גן־עדן, שטראָפט נישט קיינעם, מישט זיך נישט אַריין אין יענעמס ענינים, וואָס זענען שייך צו פרומקייט, און אַז עס מאַכט זיך אין שטוב אַ שאלה פון פליישיגס־מילכיגס און משה'לעס מאַ־מע געהט־אַרום אָהן אַ קאָפּ, שמייכעלט ער פערבאָרגען אין זיינע לאַנגע וואָנסען און קוקט זי אָן פון דער זייט מיט איראָניע, און אַמאָל וואַרפט ער איהר צו מיט גאַל:

—צדקות מיינע... ווען נישט די, וואָלט דער בורא־עולם שוין לאַנג זיך אָבגעזאָגט פון אונזער זינדיגען וועלטעל... אַ קליי־ניגקייט, דו האַלסט דאָך אונטער די הימלען מיט דיין פרומ־קייט... יודען זענען דאָך אַ פאָלק צוליב דיר...

אָנשטאָט אַנ'ענטפער, בויגט־איין די מאַמע דעם קאָפּ, רוקט זיך אָב פון איהם מיט פערביטערונג און פערדרוס און זיפצט־אָב

מיט אַ שטילען דערשטיקטען זיפץ. זי ווייס זעהר גוט, אַז מיט'ן טאַטען איז זיך נישט אָנצוהויבען, אַז ער וועט איהר אַלעמאָל בעסער ענטפערן, איידער זי איהם.

אָבער דער טאָג יום-כפור שפּילט ביי איהם אַ גרויסע ראָ-לע. צו יום-כפור איז ער זיך שטאַרק מכין. אָהן ווערטער און שטיל ענדערט ער זיך און מאַכט זיך גרייט צו דעמדאָזיגען טאָג, און עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געגאַנגען ריי-דען מיט גאָט אויג אויף אויג. דאָס איז אויך דער איינציגער טאָג, ווען ער וויל זעהן דאַווענדיג זיינע קינדער און אפילו זלמנ'ען. יום-כפור בעדאַרפען אַלע זיין אין גאָט און מיט גאָט. דאָס איז נישט אַ טאָג פון אויסבעטען און אויסהאַנדלען אַ גוט יאָהר, וואָס איז אַ קרעמערישע און אַ וואָכעדיגע זאַך, נאָר אַ היי-ליגער געטליכער טאָג איז דאָס, ווען דער מענש בעדאַרף פון זיך אַראָבוואַרפען דאָס מענשליכע און דאָס גשמיות'דיגע, און קיין שום קרעמערשע כוונות נישט האָבען. מיט אַ וואָך פריהער דינגט ער שוין אָן שטעדט פאַר די קינדער און פאַר זלמנ'ען, און די גאַנצע וואָך בעריהמט ער זיך ווי אַ שטיפעריש יונגעל ביי יעדער געלעגענהייט:

—וואוילע שטעדט געדונגען... אַ סך אָרט... בעסער ווי פאַראיאָהרען...

אָבער פאַראיאָהרען האָט ער דאָס אייגענע גע'טענה'ט.

מיט מחזורים איז ער אפשר דער רייכסטער יוד אין שטאָדט. ער האָט זיי צעהנדליגער, גרויסע, מיטעלע און קליינע, און ער האָט ליב, ווען די קינדער פערטראַכטען זיך אַ ביסעל, וואָסער מחזור צו נעהמען.

—ווילסט דעם—נעהם דעם, אַניט, נאַ דיר דעם—דרעהט ער די מחזורים אין האַנד און האָט הנאה פון דעם אויסוואַהל.

נאָך פאַרטאָג, ווען די זון שטעהט-אויף נישט קיין איינגע-וואַשענע און קוקט, ווי אַ פערשלאָפענע, אַ גרויליך-רויטע אויף דער וועלט, געהט שוין דער טאַטע אין שוהל אַריין. פון שטוב קלויבט ער זיך אַרויס שטיל, אַז קיינער זאָל נישט הערען, פונקט ווי עמיצער וואָלט איהם געוואָלט שטערען אין זיין הייליגען

גאַנג. משה׳לע וואָלט אויך געוואָלט געהן אַזוי פריה, נאָר דער טאַטע וויל איהם נישט מיטנעהמען. דער עלטערער ברודער, וואָס האָט זיך אָנגעלייענט מיט טריפה ביכלעך, קומט שפעט אין שול, נאָר דער טאַטע זאָגט איהם גאָרנישט. מעגליך, אַז דאָס געפעלט איהם נישט, אָבער ער איז דעמאָלט צו-גוט, אַז ער זאָל איהם אויסריידען. עס איז נישטאָ אַ מענש אין דער וועלט, וואָס זאָל קאָנען אין דעם טאָג אַרויסרופען אין איהם כּעס און פערדרוס, ווארים בויגט ער זיך צו דער באַנק און מאַכט פאַר איהם אָנאָרט. בשעת משה׳לע קומט אין שוהל אַריין, שטעהט שוין דער טאַטע אין טלית, מיט די ברילען אויף דער ברייטער נאָז, און קענטיג איז אויף איהם, אַז ער איז אַנ׳אָנגעדאַווענטער, אַנ׳אָבגעזאָגטער. עס שמעקט פון איהם פערלעגענער טלית, יוד און טאַטע. דאַוונען דאַווענט ער זעהר שטיל און קוקט קיינמאָל נישט אין מחזור אַריין: די תפילות קאָן ער אויסווענינ. אַ גאַנצען טאָג שטעהט ער אויף די פיס. אַמאָל שמייכעלט ער צו אַ בעקאַנטען יודען, וואָס שטעהט אין אַ וויטען ווינקעל, און אַמאָל שנעלט ער זלמנ׳ען אין דער נאָז און טרייבט איהם פרעהליך אונטער:

—דרעמעל נישט, זלמן, דאַווען!

און עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי דער טאַטע מיט אַלע יודען פון שוהל וואָלטען געפאָהרען אויף אַ גרויסער שיף, וואָס ציטערט און וויגט זיך אויף בייזע אונרוהיגע כוואַליעס פון ים, אָבער דער טאַטע איז מוטיגער און זיכערער, ווי די אַלע אַנדערע יודען, ווייל ער גלויבט, אַז די שיף וועט נישט אונטערגעהן. דער טאַטע, דאַכט זיך משה׳לען, האָט איצט גאָט נעבען זיך. ער האָט איהם נעהנטער, איידער דער הויכער מאָגערער רב, וואָס שאָקעלט זיך דאָרט, נעבען ארון-קודש, ווי אַ בוים. ער האָט איהם ביים הארצען און ביי די אויגען און זיין אָבשיין פאַלט איהם אויפ׳ן פנים, ווי אַ ווייכער שיין.

נאָר פאַרהאַן תפילות, וואָס דער טאַטע ווערט ביי זיי מאָדנע אומעטיג און אַמאָל פערפאַלט איהם אַ טרעהר אויף דער באָרד. און אַז משה׳לע קוקט זיך צו, זעהט ער, ווי דער טלית ציטערט אויף דעם טאַטענס גוף. דאָס גיט זיך איבער אויך

משה׳לען. נאָר ביי זיך פרעגט ער: וואָס וויינט דער טאַטע? וויינט ער טאַקי? און משה׳לע קוקט זיך אַרום: דער טאַטע וויינט גראָד ביי אַזוינע תּפילות, וואָס אַנדערע יודען זאָגען זיי גלייכגילטיג.

נאָך שחרית שיקט ער משה׳לען עסען. משה׳לען בעליידיגט עס, נאָר ער מוז געהן. משה׳לע איז אָבער זעהר פרום און וויל בשום אופן נישט עסען. ער וויל זיין ווי אַלע גרויסע פאַרטיגע יודען, וואָס פאַסטען ריין דעם טאָג און וואָס האָבען גאָט געבען זיך. אַ פּאָר שעה דרעהט ער זיך אַרום איבער די גאַסען, ווערט געוואָהר אין שטוב, וואו עס עקעלט איהם פון די שוועסטער, וואָס פאַסטען נישט און דאַרפען נישט דאַווענען, און קומט צוריק אין שוהל אַריין מיט אַ טויטען פנים, ווי קאַלך. דער טאַטע קוקט איהם אָן און שווייגט.

—זעץ זיך,—זאָגט ער שטיל,—זעץ זיך און זיץ...

משה׳לע זעצט זיך און ווידער פיהלט ער דעם בעקאַנטען איינגעוואַרימטען ריח פון פערלעגענעם טלית, יוד און טאַטע, און ער טראַכט ביי זיך, אַז נאָך קיינמאָל פיהלט ער זיך נישט אַזוי פּאַר אַ קינד פון אָט דעם יודען, ווי היינט. און דאָס גיסט איהם אָן מיט שטילען תּענוג.

צו נעילה דאַכט זיך, אַז די ליכט ברענען מיט אַ מידען פייער, אַז אויף די ווענד ליגט אַנ׳אָבגע׳חלש׳טקייט, אַז דעם חזן פערפעהלט אָטעם, און אַז נעבען יעדען יודען שטעהט גאָט און גלעט איהם—ער זאָל קומען צו די כּחות. גאָט איז אַזוי דייטליך אין שוהל, אַז עס פיהלט זיך זיין אָטעם און זיין אויג, און דאָס שרעקט עפּיס נישט. פערקעהרט, דאָס האַרץ, דאָס שוואַכע אויסגעפייניגטע האַרץ ווערט אָנגעזאַפט מיט ליכט און מנוחה, פּונקט ווי פערבלאָנזשעטע פער׳יתום׳טע קינדער האָבען פּלוצלונג געפונען זייער טאַטען. גאָט האָט זיך, אפנים, אַראָבגעלאָזט פון זיינע היכלע הימעלפּאַלאַצען און לעבט אויך איבער אַ שווערען טאָג אויף דער ערד, פּונקט ווי זיינע יודען. פאַר משה׳לען איז דאָס זעהר אַ וויכטיגער געדאַנק, אַרום וועלכען זיין קליין דענקאַפּאַראַטל לאָזט שטאַרק אין בעוועגונג די רעדלעך. אָבער

אין דער אייגענער צייט פיהלט ער עפּיס אַ פּיזישע נישט-גוטקייט, פּונקט ווי וואָלט געלעגען אין אַ היצקראַנקהייט. עס האַקט אין די שלייפען, עס דריקט אונטער׳ן האַרצען און עס טריקענען די ליפּען. איהם דאַכט זיך, אַז ער האָט קיינמאָל אויף זיין לעבען נישט געגעסען, אַז עס ווילט זיך גאָרנישט עסען און אַז זיין קערפּערל, וואָס ווערט אַלץ שוואַכער און שוואַכער, שווימט ער-געץ אין אַ וואַרימער און גרינער פינסטערניש. פּלוצלונג דערפיהלט משה׳לע דעם טאַטענס האַנד אויפ׳ן שטערען. די האַנד איז אַ וואַרימע, אַ ווייכע און אַ געטרייע.

— דיר טהוט וועה דער קאָפּ, מיין קינד?.. — פרעגט דער טאַטע מיט אַנ׳אונבעקאַנטער ווייכקייט, און משה׳לע דערפיהלט, ווי קאַלטע קיילעכלעך טאַנצען איהם אויפ׳ן רוקען.

דער טאַטע שפּרייט-אויס זיין גראָבען ווינטער-מאַנטעל און לעגט משה׳לען דערויף. ליעגענדיג, צוגיסט זיך אין משה׳לען די שוואַכקייט און עס דאַכט זיך איהם, אַז די גרינע פינסטערניש, אין וועלכער ער שווימט, הויבט איהם אויף ערגעץ זעהר הויך און וואַרפט איהם תיכף ומיד אַראָב אין אַנ׳איינגען דושנעם טהאָל, וואו עס דרעהען זיך מיליאָנען משונה׳דיגע פליגעלעך. נאָר פּלוצ-לונג קומט ווידער די האַנד צו זיין שטערען, און צוויי קליינע גרויע אויגען בעדעקט מיט גלעזער, דערנעהנטערן זיך צו איהם.

—אָט באַלד... אָט באַלד... האָסט מיך געַנאַרט, נישט גע-געסען...

און אין די ווערטער ליגט נישט קיין פאָרוואורף, נאָר רחמנות און ליעבע. נאָך עטליכע מאָל קומט די האַנד און נאָך עטליכע מאָל דערנעהנטערן זיך די קליינע גרויע אויגען מיט די גלעזער. און אַפּאָר מאָל פאַלען שטיל די ווערטער פון מויל:

—אָט באַלד... אָט באַלד...

אין שוהל ווערט שטילער, טונקעלער און דושנער, פּונקט ווי אַלץ איז לאַנגזאַם אָבגעשטאָרבען, דערשטיקט געוואָרען פון פערפעהלטען אָטעם. גאָס אַליין, דאַכט זיך, האָט זיך אַוועקגע-זעצט אָברוהען נעבען טהיר אויף אַ באַנק. ער האָט אַ פּנים פון אַ מענשען, מען קאָן אָבער נישט וויסען, וואָס דאָס איז פאַר אַ

פנים: עס איז לענגליך און קיילעכיג און טונקעל און העל, אַמאָל איז עס אַלט און אַמאָל איז עס יונג, און אויגען האָט ער אַמאָל שוואַרצע און אַמאָל גרויע און אַמאָל בלויע און פערהילט איז ער אין אַ לייכט ווייס רויבעלע, ווי אין אַ וואָלקענדעל.

אויף דער לעצטער באַנק זיצט ער. נעבען טהיר. נעבען יואל דעם וואַסערפיהרער און בערקע דעם מאַרקטרעגער. דער לעצטער, נישט דער ערשטער, נאָר דער בעסטער, דער בעסטער, דער בעסטער.

צווישען די ווייכע טליתים בעוועגען זיך שאָטענס, וואָס וואַקסען, ווי בערג, און אויפ'ן פענסטער ציטערן קאַלטע לבנה-שטראַהלען, פונקט ווי אין אַ ווינטער-נאַכט. קוקט מען אויף די דאַוונער, ווערט הייס און דושנע, קוקט מען אויף די שטראַהלען, שוידערט פון קעלט. נאָר אָט דערהערט זיך אַ פּאַטש אויפ'ן בע-לעמער, אַ שטים פון אַ מאַנסביל, וואָס וויל שטאַרק עסען, שרייט-אויס ענערגיש, איילינ און וואָלענדיג:

—והוא רחום יכפר עון!

און אַ געדיכטער געקויש צוטראָגט זיך איבער די דאַוונער, ווי אַ ווינד צווישען וואַלד-בוימער.

דאָס לעבען איז צוריק אַריינגעטראָטען, אָבער צוזאַמען מיט זיין נישט-פרומקייט און וואָכענדיגקייט, וואָס פיהלט זיך אין יעדען טאָן, אין יעדען קלאַנג פון מעריב, און גאָט, דאַכט זיך, איז שוין מעהר נישטאָ אין שוהל.

—משה'לע! — ציהט איהם דער טאַטע פאַר'ן העגדטעל — משה'לע, מען דאַוונט שוין מעריב...

גאָר משה'לע שלאָפט נישט—ער שווימט. און אַ שווימענדי-גען זעצט איהם דער טאַטע אַנידער, פערבינדט איהם מיט אַ טי-כעל דעם האַלז און פיהרט איהם אין קאַלטע לבנה-שטראַהלען אַהיים. דער טאַטע געהט צוזאַמען מיט זיין לאַנגען שאָטען, אונ-טער'ן אָרעם טראָגט דעם טלית-זעקעל און עס פיהלט זיך גוטער טאַטע אין זיין טראָט און גוטער טאַטע אין זיינע בעוועגונגען און אפילו אין די צויגטע פּאָלעס פון זיין מאַנטעל.

אָבער צומאָרגענס איז ער דער אייגענער, און דאָס שווע-

רע גרויע לעבען אין שטוב ווערט נאָך שווערער און גרויער אונטער דעם טאַטענס קאַלטע אוּנצופרידענע בליקען.

ווידער קומען אין שטוב קאַלטע שטומע טעג, וואָס ווערען נישט דערוואַרימט פון דעם טאַטענס שמייכעל, און עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געווען אַ פרעמדער קוואַרטיראַנט, וואָס צאָהלט נאָך דערצו נישט קיין דירה-געלד. און אויף דער מאַמען ליגט די גאַנצע נויט ווי אַ שוואַרצער וואָלקען: זי לויפט אין מאַרק, זי גרייט צום טיש, זי הייצט דעם אויווען, זי מאַכט הלוואות און צאָהלט דירה-געלד און ווישט זיך שטילערהייד די אויגען אין קיך און בעקלאָגט איהר מזל פאַר זיך אַליין, אַז קיינער זאָל נישט הערען. אָבער אויף דעם אַלעם בעקומט זי איין ענטפער פון טאַטען: אַ ניי ביכעל אין די הענד און אַ שאָרך פון די בלעטלעך מיט אַ ריח פון פרישען דרוק-פאַרב...

מיט'ן טאַטען אין וואַלד.

פערטעס קאַפּיטעל.

נאָך פסח, בשעת די ערד הייבט-אָן צו גרינען, געהט שוין משה'לעס טאַטע מיט פרעמדע קינדער אין וואַלד אַריין. אַ טאָג דערצו קלויבט ער אויס סאַמע אַ וואָכעדיגען, אַ געוועהנליכען, בשעת אַנדערע טאַטעס האָרעווען און לעגען-אַוועק דאָס געזונד פאַר פרנסה. די מאַמע טאָר דאָס נישט איבעררייידען. די מאַמע מוז שווייגען. וואָרום משה'לעס טאַטע האָט שרעקליך פיינט אַרבייט און פרנסה, און נאָך טויזענדער מאָל פיינטער, ווען מען דערמאָהנט עס איהם. ער קאָן אפילו נישט איבערטראָגען דידאָזיגע צוויי ווערטער. זיי רופען אין איהם אַרויס עפּיס אַ פּיזישען וועהטאָג, פון וועלכען ער פערקרימט זיך, פונקט ווי ער וואָלט אַראָבגעשלונגען אַ ביטערע רפואה.

— אָבער עפּיס פערדינען בעדאַרף דאָך אַ מענש, — זאָגט איהם אַמאָל די מאַמע מיט אַנ'אויסגעמאַטערטען קול און קוקט איהם נישט אין די אויגען אַריין פון שרעק און ערגערניש,—ווי לעבט עס אַ מענש אַזוי הפקר, פרעג איך דיך...

אָבער דער טאַטע ענטפערט איהר נישט און ער האָט בעת-

מעשה אַזאַ מינע, פונקט ווי אַ פליג וואָלט איהם איינבייסען.

בשעת דער טאַטע געהט מיט די קינדער אין וואַלד, מוז זיך משה׳לע לאַנג ביי איהם איינבעטען — ער זאָל איהם אויך מיטנעהמען. און אַז ער נעהמט איהם מיט, קומט עס ביי איהם ארויס פרעמד און קאַלט, ווי אַ שווערע און אַ געצוואונגענע טובה, וואָס אַן׳עלטערער טהוט אַן׳עלטערן און נישט ווי אַ טאַטע אַ קינד. משה׳לע געהט דער ווייטערסטער פון איהם און הערט זיך צו מיט אַ שטומען וועה, ווי ער דערצעהלט פאַר די פרעמדע קינדער, וואָס משה׳לע האָט זיי גאָרנישט ליב, פון גראָזען און בלומען און בוימער. דער טאַטע קאָן אַלע גראָזען און קרייטעכצער, אַלע בלומען און בוימער. ער ווייס, ווי זיי הייסען, ווי זיי וואַקסען און ווי אַזוי מען בעדאַרף זיך נוהג-זיין מיט זיי. נישטאָ אַזאַ בוים, אַזאַ גרעזעל, וואָס זאָל זיין דעם טאַטען נישט בעקאַנט. אפילו אַזוינע בוימער, וואָס וואַקסען אין ארץ-ישראל, צי אין אַנדערע ווייטע לענדער, קאָן ער אויך. וועגען געוויקסען דערצעהלט ער מיט אַזאַ לשון, פונקט ווי ער וואָלט ריידען וועגען לעבעדיגע מענשען: דער בוים האָט, צום ביישפּיל, ליב זיין צווייגעל, ווי אַ מאַמע איהר קינד; דאָס גרעזעל בענקט נאָכ׳ן צווייטען גרעזעל, וואָס איז נעבען איהם אויסגעריסען אָדער צוטראָטען געוואָרען; דאָס בלימעל טרינקט דעם טהוי און ביינאַכט מאַכט עס צו די בלעטלעך—שלאָפען בעדאַרף עס; אַן׳אָבגעהאַקטער בוים שטאַרבט-אַוועק—דאָס לעבען געהט פון איהם אַרויס, ווי דאָס בלוט פון אַ דורכגעשאָסענעם הארץ, און אַזוי ווייטער.

אַרויסגעהענדיג פון שטאָדט אויפ׳ן פעלד, וואו וואַרימע שטיפערישע ווינדטעלעך גלעטען די באַקען, און וואו דאָס פרייע ליכט פון דער ערד ביז׳ן הימעל גיט פרעהליך אַ זעץ אין די אויגען אַריין, אַרט שוין משה׳לען נישט, וואָס דער טאַטע האַלט זיך מיט פרעמדע קינדער און לאָזט איהם געהן אַ דערווייטערטען פון זיך. זאָל ער ריידען פאַר זיי, זאָל ער דערצעהלען. משה׳לע בעדאַרף איהם שוין נישט מעהר. ער האָט שוין איצט זיינע אייגענע, אונגעהויער-וויכטיגע רעיונות און שפּירונגען, וואָס מיט

זיי איז גוט צו פאַרבלייבן אַליין. עס איז דאָ אַזויפיל הימעל, אַזויפיל פעלד, אַזויפיל ליכט און פרייער שטח. און קליין און אייגן און שלעכט זעהט איהם אויס די שטאָדט אַנטקעגן דעם לעדיגען, אונענדליך-ברייטען, נישט-פאַרבויטען פעלד, וואָס צעהרט דאָס טאָג-ליכט און קאָן עס נישט פאַרצעהרן. און משה'לע קוקט אַרויף און אַראָב און ביי די זייטען און פרעגט זיך:

—פון וואַנען נעהמט זיך אַזאַ גרויסע, אַזאַ וואונדער-גרויסע ערד?

גאָט האָט זי בעשאַפען. גאָט בעשאַפט דורך אַ וואָרט, דורך אַ שפּרוך. ער זאָגט—און עס ווערט. אָבער ווי ווערט עס פון אַ שפּרוך אַזאַ אמת'ע ערד, אַזאַ שווערע, אַזאַ גרויסע, וואָס מען קאָן זי גראָבען און זייהען און בויען און געהן אויף איהר? אָט די זון האָט געוויס גאָט בעשאַפען. די זון איז ליכט...

אויפ'ן וועג פאָהרען פויערים און זייי שלאָגען-איבער משה'לעס געדאַנקען. די וועגעלעך סקריפּען, די פערדלעך געהען לאַנגזאַם, דער שטויב קנוילט זיך ביי די רעדער, די פויערים זיצען רוהיג מיט אַראָבגעהאַנגענע פיס, מיט בייטשען אין שוואַרצע הענד, מיט אַ פעסטען זיכערן קוק פון אונטער'ן שטערן, און משה'לע איז זייי שרעקליך מקנא. און בע'טעמ'ט איז דער ריח, וואָס דערטראָגט זיך פון זיי: פעלץ און פערד און דזיעגאַכץ און מאַכאָרקע. עס דאַרף זיין, לויט משה'לעס געדאַנקען, זעהר אָנגענעהם צו האָבען אַנ'איינזאַם שטיבעלע ערגיץ אין פעלד, געבען אַ וואַלד, מיט קליינע פענסטערלעך, מיט בהמות, מיט הינד און שעפּסעלעך, און זייהען און אַקערן די ערד און פאָהרען אַיצט אין שטאָדט אַריין צוזאַמען אין אַ לאַנגער שורה מיט אַנדערע פויערים פאַמעליך, רוהיג, אָהן דאגות און זיכער.

—ס'באַגאָם!—שרייט פרעהליך אויס צו זיי משה'לעס טאַטע מיט אַנ'אויפגעהויבענעם קאָפּ.

די פויערים דאַנקען רוהיג און שמייכלען, אָנקוקענדיג לאַנג דעם יודען מיט די קינדער.

די פעלדער זענען יונג-גרין, פריש-גרין ווי גרין פּאַפּיר. יונגע שפּיציגע גרעזעלעך פון שפּעטיגער תבואה שטעהען גלייך, ווי שפּיל-

קעלעך פוןביידע זייטען וועג, אויף פרישער מאַמעדיגער ערד. פון נאָהנט שטעהען זיי בעזונדער, פון ווייטען זענען זיי צונויפגעגאָסען, און עס דאַכט זיך, אַז די ערד איז דאָרט פערמאָהלט מיט גרינעם פאַרב. וואו-נישט-וואו גרויט אַ שטיבעלע מיט קליינע חנ׳עוודיגע פענסטערלעך, וואָס קוקען ווי קליינע קלוגע גרויע אויגען אין דער ווייטער וועלט אַריין. און דאָ און דאָרט שפּאַצירט-אַרויס אַ פרוכט-בוים, פונקט ווי ער וואָלט פריהער געוועלט בעהאַלטען, אָנגעטהאָן אין ווייסער בליהונג, ווי אַ כלה-מיידעל אין אַ ווייסען חופּה-קלייד, און הינטער איהם שפּאַנט שלאַנק אַ הויכער יעגלבוים פונקט ווי אַנ׳אויסגעפּוצטער חתן הינטער דער כלה. די אַלטע בעראָזע, וואָס שווימט-אַרויס פון דער זייט מיט צוצויגענע צווייגען, פונקט ווי פונאַנדערגעשפּרייטע הענד, זעהט-אויס ווי אַ מיוחס׳דיגע באָבע, וואָס בענשט דאָס פּאָרל. ווי אַ שוואַרץ-בלויער רויך ציהט זיך פון ווייטען דער וואַלד, און עס דאַכט זיך, אַז אַ ברעג הימעל פאַלט אין איהם אַריין ווי אַ ליכטיג וואַסער. די זון באָדט אין גאָלד די יונגע פעלדער, און עס שמייכעלט גרעזעל צו גרעזעל; בלימעל צו בלימעל, ווייס-וואָלקענדעל צו ווייס-וואָלקענדעל. ערגיץ שרייט פריידיג אויס אַ פויגעל, און אַז מען הויבט-אויף די אויגען, זעהט מען, ווי ער פליהט אונטער׳ן הימעל, ווי אַ שוואַרץ קיילעכעל מיט צוויי עקען ביי די זייטען.

עס דאַכט זיך, אַז די זון ווערט גאָלדענער און גאָלדענער. מעהר גאָלד און מעהר וואַרימקייט, מעהר ליכט און מעהר טאָג, פונקט ווי ווייסע מלאכים וואָלטען פון די ברייטע פריי הימלען צוגעגאָסען דעם טאָג מעהר ליכט. און, ווי לעבעדיגע שטיפען לייכטע ווינדטעלעך. עס דאַכט זיך, אַז מען קאָן זיי אָנכאַפּען, פערהאַלטען, צודריקען זיי צו דער באַק, אַריינלעגען אין אַרבעל, ווי אַ פויגעלע, ווי אַ שמעטערלינג. דידאָזיגע ווינדטעלעך שפּיעלען זיך מיט די יונגע גרעזעלעך, מיט משה׳לעס באַק, מיט׳ן שטויב אויפ׳ן וועג. מיט אַלן זענען זיי גוט און הבר׳ליך. אַז זיי קומען פאַרביי אויער, גיבען זיי עפּיס אויף דערגייך אַ זאָג, פונקט ווי זיי וואָלטען עפּיס פערשפּרעכען אַ גוטע

זאָך, נאָר מען ווייס נישט וואָס. צו־שנעל ריידען זיי. אָבער דער, וואָס פערשטעהט זייער לשון, דעם ווערט מקוים דאָס צו־געזאָגטע, און משה׳לע פערקנייטשט דעם שטערען און פרובט טרעפען.

לינקס פון וועג הויבען זיך אָן די ציגעלניעס מיט די צוויי הויכע קוימענס. דידאָזיגע ציגעלניעס זענען בעריהמט אין שטאָדט. לויט משה׳לעס ידיעות האַלטען זיך דאָ אויף גזלנים, מערדער, בייטעלשניידער, קאָרטענשפּילער, מכשפים, רוחות און ריזען, וואָס פערצוקען אַלע טאָג אַ הונדערט מענשען און מען קאָן צו זיי קיין שום תרופה נישט קריגען. די אַלע שרעקליכע אַרבייטען ווערען אָבער אָבגעטהאָן בייננאַכט, און בייטאָג איז נישט אַזוי געפעהרליך, נאָר פונדעסטוועגען קלאַפּט משה׳לען דאָס האַרץ און מיט אָנגעשראָקענע אויגלעך זוכט ער אויף דעם גרויסען שטח פון צוגראָבענער לייהמיגער ערד, וואו עס שטעהען אַלטע בנינים און שטאַהלען, אַ פּאָר ריזען אָדער עטליכע מכשפים. מכשפים און ריזען זענען אָבער נישטאָ, און אָנשטאָט זיי דרעהען זיך אַרום פערשמייעטע פערציגעלטע יודען צווישען לאַנגע שורות וועגלעך מיט קליינע פערדלעך, און עס הערט זיך ווי זיי שרייען איינער צום צווייטען:

—חאַצקעל, צעהל־אויס! די מאָס איז שוין דאָ. נישט געדאַכט זאָלסטו ווערען!..

עס וואָלט געווען העכסט אינטערעסאַנט צו פרעגען, וואו טהוען זיך אַהין בייטאָג די מכשפים מיט די ריזען, אָבער עס איז נישטאָ ביי וועמען צו פרעגען. אַ גרויסער דערוואַקסענער מענש וועט נישט וועלען געבען קיין געהעריגען ענטפער וועגען דעם און אַ יונגעל ווייס גאָרנישט. און משה׳לע בעשטימט ביי זיך, אַז זיי, די נישט־גוטע, מוזען איצט שלאָפען אין די צוויי הויכע קוימענס, וואָס קוקען צום הימעל מיט שוואַרצע מיילער, פונקט ווי זיי וואָלטען איהם וועלען איינבייסען. דידאָזיגע ציגעלניעס זענען אודאי שרעקליך, אָבער רעכטס פון וועג שפּי־

לעך אַזויפיל פעלד-פאַרבען און עס איז דאָ אַזויפיל ליכט און הימעל, אַז די האַצקעלס מיט די לייהמיגע גריבער, מיט די הויכע קוימענס, מיט די מכשפים און ריזען געהען באַלד אַרויס פון זכרון און זיי שרעקען נישט מעהר. אָדער, פערקעהרט, זיי זענען גאָר נויטיג דאָ, ווי עס איז נויטיג דער שאָטען דעם שטראַהל, די נאַכט דעם טאָג, דער טונקעלער הימעל דער לבנה.

פון די ציגעלגיעס לויפט דער וועג גלייך אין וואַלד אַריין. אויף דעמדאָזיגען וועג איז שוין וועניגער שטויב און וועניגער שפורען פון רעדער. קענטיג, אַז מענשען געהען דאָ אויך וועניג, און עפּיס אַ קדושה וועהעט שטענדיג פון די ערטער, וואו מענשען געהען וועניג. סאַמע איבמיטען וואַקסט גראָז, און עס קוקט פון ווייטען אַזוי יונג און זעפטיג, פונקט ווי עס וואָלט געוואַקסען ערגיץ אויף אַן'אָבגעהיטען פעלד און נישט אויף אַ מיטען וועג. דער מעכטיגער שיין פון טאָג שלאָגט אין די אויגען אַריין און עס ווערט הייסער צו געהן. אויפ'ן בלויען הימעל קומען פון ערגעץ צושווימען, פונקט ווי פון גאָטס כסא-הכבוד אַרויס, ווייכע קליינע קרייזעלדיגע וואָלקענדלעך. זיי בעוועגען זיך לאַנגזאַם אָדער בלייבען פלוצלונג שטעהן, ווי ווייסע טויבען פאַר אַ בלויען וואַסער. אַמאָל בעהעפטען זיך צוזאַמען עטליכע וואָלקענדלעך און רוקען זיך אַזוי איבער דער גלאַטער הימעל-בלויקייט פאַמעלעך-פאַמעלעך, קוים צום מערקען, פונקט ווי זיי וואָלטען זיך געהאַלטען פאַר די הענד און צוגעמאַכט די אויגען און אַזוי בעצויגען זייער ווייטע און ווייסע נסיעה.

נאָר פלוצלונג ווערען זיי זיס-אָבגעשוואַכט, לאָזען זיך איין, פערלירען זיך און שטאַרבען, ווי שניי, מיט אַ ווייס לייכט שמייכעלע אין דער געדיכטער הימעל-בלויקייט.

משה'לע ווערט נישט מיד צו קוקען אויפ'ן הימעל און אויף דער ערד. פערקעהרט, ער פיהלט בחוש, אַז צוויי אויגען זענען וועניג פאַר אַ מענשען. ער האָט נויטיג בעדאַרפט האָבען נאָך אַ צעהן אויגען. וואָרום בשעת מען קוקט אין איין זייט, איז זעהר טשיקאַווע צו וויסען, וואָס עס טהוט זיך אין דער צוויי-

מער זייט, און בשעת מען קוקט אויף די וואָלקענדלעך, ווילט זיך אויך זעהן, וואָס פאַר אַ פליגעלעך עס דרעהען זיך אַרום אינ׳ם יונגען גראָז אָדער ווי אַזוי זעהט-אויס דער פויגעל, וואָס האָט זיך פּלוצלונג צופייפט אויף אַ דערבייאיגען בוים. טיילמאָל דאַכט זיך, אַז דאָס סאַמע זיסטע, וואָס מען קאָן זיך ווינשען אין לעבען, איז געהן אין אַ הייסען טאָג צווישען פעלדער אין וואַלד אַריין. אָבער געהן נישט אויף איין טאָג, נאָר אויף שטענדיג, אויף אייביג, דאָס גאַנצע לעבען, אָהן אַנ׳אָבשטעל, אָהן אַנ׳אויפהער, כסדר, און קוקען אויף הימעל און ערד, אויף וואַלד און פעלד, אויף פויגעל און פליגעלעך. און מיטנעהמען שיינדעלען האָט מען בעדאַרפט. שיינדעלע פעהלט. זי האָט איהם בעדאַרפט געהן ביי דער זייט מיט די אויסגעשאָרענע ליפּלעך און מיט דעם קינדישען שנעלען טריט, אַ בעוועגליכע און אַ האַסטיגע. און פאַרוואָס האָט ער זי באמת נישט מיטגענומען? האָט ער עס נישט געוואָלט טהאָן צוליב די יונגלעך, וואָס לויפען אַרום, צופרידענע, אַרום טאַטען? אָדער ער איז נישט געוועזען זיכער, אַז דער טאַטע וועט איהם מיטנעהמען?

משה׳לען פערדריסט שטאַרק, וואָס שיינדעלע געהט נישט מיט איהם צוזאַמען און איז פערבליבען אין שטאָדט. דערדאָזיגער אומשטאַנד פערשאַפט איהם עפּיס אַ פיינליכע שפּירונג, פונקט ווי ער וואָלט האָבען אויפ׳ן געוויסען אַ גרויסע עולה. אָבער באַלד ווי ער דערזעהט דעם וואַלד, דעם אַלטען גרויסען סאָסנע-וואַלד, וואָס שטעהט פעסט אויף דער ערד מיט זיינע ריזיגע שטאַמען און לעבט זיך זיין בעזונדער לעבען, ווערט איהם צוריק לייכט אויף דער נשמה און ער פערגעסט אָן אַלץ און אַלעם. דער וועג, וואָס לויפט פון די ציגעלניעס אַהער, לאָזט זיך דאָ אַראָב אין אַ טהאָל, פונקט ווי ער וואָלט זיך געבוקט פאַר די שטרענגע שווייגענדיגע בוימער. משה׳לען טהוט אַ צאַפּעל דאָס הערצעל ביז וועהטאָג און שמחה צוזאַמען. ער וויל אויסשרייען, אָדער אַ שפּרונג טהאָן, אָבער ער איז שוין געוועהנט צו דיסציפּלינירען זיינע געפיהלען, נישט אויסדריקען זיי פאַר אַלעמען אין

די אויגען, לאָזען זיי שוימען בלויז ביי זיך אין די אייגנע קע-מערלעך פון זיין הערצעל, און מיט אָנגעשטרענגטע אויגען מאַכט ער שנעלע טריט צום וואַלד.

דער טאָג ברענט אויף די שפּיצען פון די הויכע סאָסנעס, נאָר אונטען ליגען שמעקעדיגע בעוועגליכע שאָטענס מיט פּאַ-סען און נעצען פון גאָלד. דידאָזיגע פּאַסען און נעצען פלאַטערן אויך אויף די שטאַמען און צווייגען פון די בוימער, און איבער'ן גאַנצען וואַלד געהט אַ שפּיל פון גאָלד מיט שאָטען: זיי בע-וועגען זיך, פלעכטען זיך איבער, רוקען זיך פונאַנדער און ציי-טער'ן פונקט ווי לעבעדיגע, און עס דאַכט זיך, אַז זיי יאָגען פּאָרזיכטיג איינאַנדער.

אַז מען קוקט אויף אַלע בוימער מיט אַמאָל, דאַכט זיך, אַז זיי געהען: די הינטערשטע בוימער שפּאַרען זיך, די זייטיגע לויפען, איבעריאָגענדיג איינער דעם אַנדערן, און די פאָדערשטע געהען. מאַנכע בויגען זיך אָן אין גאַנג, מאַנכע האַלטען מיט שטאָלץ הויך דעם קאָפּ און אַנדערע געהען געאָרעמט. ביי די זייטען זעהט זיך וואו-נישט-וואו דער הימעל אין בלויע פּאַסקע-לעך, פונקט ווי עמיצער וואָלט דאָרט אויסגעהאַנגען זיידענע בלויע סטענגעס, און אויבען קוקט ער אין רעדעלעך און קרייזעלעך. ביי די זייטען איז דער הימעל בלוי, אויבען—בלוי מיט גאָלד צוזאַ-מען. טיילמאָל פערשווימט אַ ווייס קינדיש וואָלקענדעל אין אַ רעדעלע הימעל און קוקט מיט ליכטיגען שמייכעל און נייגע-ריגקייט אין וואַלד אַריין, קוקט, קוקט, ווי אַ ווייס מלאכ'ל און שווימט זיך לאַנגזאַם אַרויס פונ'ם רעדעלע.

און אין וואַלד איז שטיל, און פונ'ם האַרטען גראָז, פער-לעגט מיט אַלטע נאָדעלבלעטער און צווייגען, געהט-אויף אַנ'-איינגעשלאָסענער געדיכטער וואַלד-אַראָמאַט, פון וועלכען עס שווינדעלט מחיה'דיג דער קאָפּ, ווי פון גוטען פסח'דיגען וויין. טיילמאָל דערהערט זיך אַנ'אונבעקאַנטער טשוויטשער פון אַ פוי-געל און אַמאָל דערטראָגט זיך פון ערגעץ אַ שאַרפער קנאַק,

פונקט ווי עמיץ וואָלט געגאַנגען איבער טרוקענע צווייגען. דער טשוויטשער מיט'ן קנאַק רופען זיך תיכף אָב אין אַנדער זייט, פונקט ווי אַ סיגנאַל, וואָס ווערט איבערגעגעבען פון איינעם צום צווייטען. נאָכ'ן סיגנאַל ווערט ווידער שטיל מיט יענער אָנגעשטרענגטער און סודות'פולער שטילקייט, וואָס נעסטיגט זיך שטענדיג אין אַ גרויסען געדיכטען וואַלד, אָדער אין אַ הייליגען אָרט, וואו עס שטעהען אַ סך מענשען מיט פערפרעסטע ליפען און שווייגען.

פונ'ם הארטען וואַלד-גראָז קוקען-אַרויס ווי פערוואונדערט קליינע ווייסע בלימעלעך, פונקט ווי שנייעלעך, און משה'לע הערט, ווי דער טאַטע רופט זיך אָן צו די נייגיריגע יונגלעך:

—פון דידאָזיגע בלימעלעך, קינדער, ווערען שפעטער ווערען יאַגדעס... רויטע יאַגדעס...

וואַלד־חלומות.

פינפטעם קאַפּיטעל.

אריין טיפער אין וואַלד, בלייבט משה׳לעס טאַטע שטעהן צו־זאַמען מיט די קינדער. ער קוקט זיך לאַנגזאַם אַרום, נעהמט אַראָב דאָס היטעל און ווישט זיך איבער דעם שוויס פון שטערען. פון זיין אָטעמען איז קענטיג, אַז ער איז מיד, אויפ׳ן האַלז, הינטער דער באָרד, צוקען איהם אָנגעצויגענע אָדערן, אָבער אין די אויגען און אין די וואָנסען שפּילט איהם אַ שמייכעל. פּלוצלונג גיט ער זיך אַ בויג־אויס מיט די הענד צו דער ערד, ציהט־צוזאַמען די קניה און גיט אַ פאַל אינ׳ם שמעקעדיגען וואַלד־גראָז, נעבען אַ דיקער הויכער סאָסנע.

—אַי, גוט, קינדער, אַי, גוט אין וואַלד...—רעדט ער אַרויס פונ׳ם גראָז און שמייכעלט מיט אַ מאָדנעם שמייכעל, ווי אַ קינד, ווי גאָר אַ ווייכער מענש, אפילו ווי אַ מאַמע, און זיין פּנים ווערט איהם אינגאַנצען געענדערט.

די קינדער לעגען זיך אויס אַרום איהם, ווי קליינע בערג־לעך אַרום אַ העכערן באַרג. די בעקלעך פלאַמען, די אויגלעך ברענען, די שטערענדלעך פערשוויצט. אויפ׳ן האַלז, אויף די

הענד און פיס—שטויב פון וועג, נאָר זיי ליגען גליקליכע און ווילען שטיפען. משה׳לע לעגט זיך אויך אַוועק, עטוואָס אין דער זייט פון עולם, אינ׳ם האַרטען שמעקעדיגען וואַלד-גראָז, מיט׳ן פנים אַרויף, די פיס אויסגעצויגען און די הענד פערלעגט הינ-טער׳ן קאָפּ. אַ זיסע מידקייט צוגיסט זיך איהם איבער די גלידער און עפּיס אַ גאַנצקייט פיהלט ער אין גוף, אַ גאַנצקייט פון קאָפּ ביז די פיס. אַ ווײלע בלייבט ער אָהן געדאַנקען, איבערגעבענדיג זיך דערדאָזיגער זיסער מידקייט, דערנאָך הויבט ער ווידער אָן קוקען אויף די בוימער און אויף די גאָלדענע שטראַהל׳ען-נעצען, וואָס רוקען זיך סודות׳דיג איבער׳ן וואַלד, און אויף די רעדעלעך הימעל, וואָס ברענען מיט אַ בלויען פלאַם הויך איבער די סאָ-סנעס. מען קאָן שעה׳נווייז לאַנג קוקען אויף אַלץ און נישט מיד ווערען, און אַז מען קוקט לאַנג אויף דעם אַל׳עם, דאַכט זיך, אַז מען ווערט אויך אַ בוים, וואָס איז אַרויסגעוואַקסען הויך אי-בער דער ערד און שטעהט מיט אַלע בוימער צוזאַמען אונטער דער זון. און דערנאָך ווערט וואונדערליך שטיל אויף דער נשמה און די בלוטען, מען ווערט צוריק א מענש, די אויגען מאַכען זיך צו און מען פיהלט זיך אַזוי זיס איינגעוויגט, פונקט ווי אין ווייכע זיידענע וואָלקענס... און די ערד ליגט שוין נישט אַזוי ווייט און נידעריג פון הימעל. פאַמעליך דערהויבט זי זיך צו איהם און זיי צוקושען זיך.

משה׳לע געדענקט נישט, ווי לאַנג ער האָט געהאַלטען צו-געמאַכט די אויגען און וואו איז ער געווען פאַר דערדאָזיגער צייט. אָבער שפּירען שפּירט ער, אַז דאָרט, וואו ער איז געווען מיט צוגעמאַכטע אויגען, האָבען געפלאַטערט גאָלדענע שטראַהלען און זונען האָבען געשמייכעלט און ווייטע בלויע שטערענדלעך האָבען געטאַנצט און פרייע ברייטע הימלען האָבען זיך געוויגט. און נאָכאַמאָל וויל ער עס איבערלעבען אין די זכרונות, נאָר דער וואַלד לאָזט נישט. מען מוז קוקען אויפ׳ן וואַלד, אויף אָט די מענגעס געהענדיגע בוימער, אַרום וועלכע עס פליסט די שטיל-קייט, ווי אַ ברייטער טיפער טייך. מען מוז קוקען אויף זיי און ווערען אויך אַזוי, ווי זיי. מען מוז אויך ווערען אַ בוים. נאָר

וואוהין געהען זיי? וואוהין געהען די געוואַלטיגע מענגעס בוי־מער אין אַזאַ שטילשווייגען? אַלץ געהט: דער הימעל געהט, די בוימער געהען, די גאָלדענע שטראַהלען געהען, די טונקעלע שאַ־טענס רוקען זיך, און דאָך איז אַלץ אַזוי שטיל און פערגלי־ווערט, פונקט ווי קיין איין זאַך וואָלט זיך נישט בעוועגט.

בעוועגונג אין שטילקייט און שטילקייט אין בעוועגונג, און עס איז שווער צו וויסען, ווער פון דיביידע איז שטאַר־קער, פאַר'ן אויג—בעוועגונג, פאַר'ן אויער—שטילקייט. און די הויכע שלאַנקע סאָסנעס שפאַנען ווי ריזען איינע אונטער די אַנ־דערע אין רויטע העמדער מיט גרינע מיצען אויף די קעפ, ווי אַנ'אונבעקאַנט פאָלק, וואָס לעבט נישט צוזאַמען מיט די מענשען אויף דער ערד, און עס דאַכט זיך, אַז זיי שפרייזען־איבער מיט ברייטע טריט איבער משה'לעס טאַטען מיט די יונגעלעך, וואָס ליגען אַרום איהם.

נישט וויט פון משה'לען שטעהען צוויי בוימער אַרומגע־נומען, געוויקעלט און געטוליעט איינער צום צווייטען. איין בוים איז אַ העכערער, דער צווייטער—אַ קלענערער און דער קלענע־רער ליגט אין די אָרעמס פון דעם העכערן. משה'לע קוקט אויף זיי און קאָן בשום אופן נישט געדענקען, צו וועמען זיי זענען עהנליך. עפיס אַזוינס האָט ער שוין געזעהן, אָבער ווען און וואו געדענקט ער נישט. ערשט נאָך אַ לאַנגען טראַכטען און אָנשטרענ־גען דעם זכרון דערמאָהנט ער זיך, אַז אַזוי האָט ער טיילמאָל געזעהן געהענדיג אַ בחור מיט אַ מיידעל אין גאַס. דער בחור איז געוועזען העכער, דאָס מיידעל נידעריגער און זי האָט זיך געטו־ליעט אין זיין אָרים.

אָבער פאַרהאַן אויך טויטע בוימער, ווי טויטע מענשען, די ליגען אויף דער ערד, פערטריקענט און פערוועלקט, אין אַנ'־אונבעהאָלפענער פאָזע: קענטיג, גלייך פון אָרט געפאַלען און מעהר וועלען זיי זיך שוין קיינמאָל נישט אויפהויבען. אַמאָל ליגט טויט איב'ם גראָז אַ גרויסע לאַנגע סאָסנע. און אַז מען קוקט אויף איהר, בעפאַלט עפיס אַ רחמנות... דאָס אונבעוועגליכע ליגען איז אויך אַזוי שרעקליך, ווי דאָס ליגען פון אַ טויטען

מענשען. פון וואָס איז געפאַלען דערדאָזיגער בוים? האָט איהם עמיץ אומגעוואָרפען אָדער ער איז קראַנק געווען? דער טאַטע זאָגט, אַז בוימער ווייטען אויך פון קראַנקהייטען, פונקט ווי מענשען. אָבער די בוימער קוקען נישט אויף זייער געפאַלענעם ברודער. זיי שפּאַנען זייער וועג און באָדען פרעהליך די קעפּ אין די וואַרימע גאָלדשטראָמען פון דער זון.

און משה'לע פיהלט, אַז דער רייך פון וואַלד איז איבער זיין שכל, אַז דער וואַלד האָט אַזאַ כשוף'דיגע מאַכט, וואָס לאָזט זיך נישט דערקלערן, ווי עס לאָזט זיך נישט דערקלערן, פון וואַנען שטאַמט גאָט. און עס קומט איהם אויפ'ן זכרון דער מערדער ריכאַרד און זיין באַנדע, וואָס הויערן טאָג און נאַכט אין די וועלדער, און עס ווערט איהם קשה, ווי אַזוי קאָן מען לעבען אין אַ וואַלד און זיין אַ שלעכטער מענש, אַ מערדער? ווי אַזוי קאָן מען איינאָטעמען די לופט אין וואַלד און וועלען בעת-מעשה עמיצען שלעכטס טהאָן? און ער בעשליסט ביי זיך, אַז ווען ער וואָלט איצט אָנבעגעגענט דעם שרעקליכען מערדער רי-כאַרד, וואָלט ער זיך פאַר איהם נישט דערשראָקען, וואָרום דאָ, צווישען די גוטע בוימער, וואָלט איהם ריכאַרד זיכער גאָרנישט געטהאָן.

— אַז איך וועל זיין אַ גרויסער, — טראַכט משה'לע, — וועל איך דאָ אויסבויען אַ קליין הייזעלע און וואוינען צוזאַמען מיט... שיינדעל'ען. און אַלע טאָג וועל איך אויפשטעהן פריה און זעהן, ווי עס געהט-אויף די זון.

און דערדאָזיגער געדאַנק טראָגט משה'לען אַוועק ווייט אין עתיד-אַריין און ער זעהט זיך ווי אַ גרויסער שטאַרקער מענש, וואָס וואוינט אין אַ שען הייזעלע, אין וואַלד. דאָס היי-זעלע האָט קליינע ליכטיגע פענסטערלעך, און אַז מע קוקט אַרויס פון איין פענסטערל, זעהט מען, ווי עס געהען אָהן אויפהער מענגעס בוימער, אויבען בעגאָסען מיט גאָלדענער זון, ווי מיט קרוינען. און עס ווערט איהם אַזוי לייכט, אַזוי העל און אַזוי האַרציג-גוט אויף דער נשמה, אַז אַ פייכטקייט טרעט איהם צו צו די אויגען, און, אַ פערשעמטער, אַ פערדרויטעלטער, פערבאָרגט

ער דאָס געזיכט, פונקט ווי עס וואָלט זיין אַ זינד צו פיהלען זיך אַזוי גוט.

— ר׳ שמעון, בוימער ריידען?... — פרעגט אַ יונגעל משה׳לעס טאַטען.

—בוימער ריידען, מיין קינד...—הערט משה׳לע דעם טאַטענס ענטפער, און דער קול זיינער איז אַזאַ געלייטערטער, אַזאַ ריינער, פונקט ווי ביי אַזאַ איינעם, וואָס האָט קיינמאָל נישט געלעבט צווישען בייזע מענשען אין אַן אָרימער גאַס.—בוימער ריידען און גראָז רעדט און וואַסער רעדט, נאָר שטיינער שווייגען...

—אָבער ווער פערשטעהט זייער לשון?...

—דער, וואָס האָט זיי ליב...

די יונגעלעך פערקוקען זיך אויף די בוימער און פרובען בעגרייפען דעם ענטפער.

—בוימער,—זאָגט ווייטער דער טאַטע,—ריידען אויף דעם שטילסטען לשון, אָבער אין שטורם שרייען זיי... אין אַ שטורם ווערען זיי בייז, די בוימער...

—און אַזוי זענען זיי גוטע?

—גוטע, גוטע, מיין קינד...—און דער טאַטע פערטראַכט זיך עטוואָס:—בעסערע פון מענשען...

דער טאַטע שמועסט לאַנג מיט די קינדער, און פאַמעלעך טהוט-אויס דער טאָג פון זיך דאָס גאָלד. ברייטער און ברייטער ווערען די שאָטענס אין וואַלד, און די רויטליכע שטראַהלען אויף די בוימער פלאַטערן נאָר אויף איין זייט שטאַם. די אַלע גאָלדענע שטראַהלען פאָהרען, קענטיג, אַוועק אויף דערנאַכט אַהיים. דאָרט, ווייט, טיף אין וואַלד, האָבען זיך אַלע פערזאַמעלט. דאָרט ברענט און גליהט אַ פייערדיגע רויטקייט מיט צושפרייטע גאָלדענע סטענגעס, און די בוימער, שוואַרצע און פערכשופ׳טע, שטעהען אין איהר ווי אין אַ פייער. מחנות גאָלדענע שטראַהלען זענען געקומען אַהין, זיך איבערגעטהאָן אין רויטע העמדער און פאָהרען אַהיים שלאָפען. זיי פאָהרען פרעהליכע, שפילענדיגע, און אַז מען זאָל פון דאָסניי צומאַכען די אויגען, דאַכט זיך, אַז זיי זינגען שטיל און לאַנגזאַם, פונקט ווי זיי

וואָלטען זיך מיט עמיצען פון דערווייטענס געזעגענט. גוט איז איצט צו זיין אַ רויטער שטראַהל און, זינגענדיג, אַוועקפאָהרען שלאָפען אין הימעל אַריין צוזאַמען מיט אַ מחנה שטראַהלען. נאָר אין דער אַנדערער זייט וואַלד איז שוין רעכט טונקעל און די טונקעלקייט איז אַ בלויע, פונקט ווי אַ רויך וואָלט זיך געשפּרייט צווישען די בוימער. גנבישׁ און אָהן אַ שום קלאַנג שליסען זיך שאָטענס צו שאָטענס, שאָטענס צו שאָטענס. און פון די בוימער רייסען זיך אָב די לעצטע רויטע שטראַהלען און פערשווינדען, פונקט ווי זיי וואָלטען מורא-געהאַט צו פערבלייבען מיט די שאָטענס.

די קינדער וויקלען-פונאַנדער זייערע קליינינקע פּעקעלעך און זעצען זיך עסען. זיי גיבען אויך משה׳לען פון זייערע פּעקעלעך אָבער משה׳לען שמעקט נישט דאָס עסען איצט. עס פערכאַפּען איהם ביידע זייטען וואַלד: איין זייט שטעהט אין פייער, די צווייטע אין בלויליכען שאָטען. און עס דאַכט זיך, אַז זיי געהען איינע צו די אַנדערע: פייער געהט צו שאָטען און שאָטען געהט צו פייער, נאָר דער שאָטען איז שטאַרקער און די בוימער וויקלען זיך אין איהם ווי אין טונקעלע מאַנטלען און נעהמען-אָן טויזענדער געשטאַלטען: דאָ ווערען זיי הויך ביז׳ן הימעל, דאָ נידעריג און געבויגען און דאָ גיסען זיי זיך צוזאַמען אין אַ שוואַרצער וואַנד מיט שפּעלטעלעך הימעל.

טיילמאָל נעהמט אַן׳איינצעלנער בוים און מאַכט סתם משונה׳דיגע תנועות, ווי אַ צולאָזען יונגעל: שטעקט-אויס אַ צונג פערקרימט די נאָז, גלאָצט מיט די אויגען, פערבויגט אַ פוס און שפּרינגט ווי אַ הינקענדיגער אדער ער מאַכט זיך פאַר אַ הארבאַטען בעטלער, וואָס ציהט-אויס די האַנד נאָך אַ נדבה. און ערשט איצט דערשפּירט משה׳לע, אַז אַ וואַלד האָט אין זיך שרעק...

—אָבער אַז איך וועל זיין אַ גרויסער, וועל איך זיך נישט שרעקען...—בעשליסט משה׳לע ביי זיך און הויבט זיך אויף אויף די פיס.

די טונקעלקייט וואַקסט אין די אויגען. דער פאַרנאַכט לאָזט זיך אַראָב אויף דער ערד, ווי אַן׳אונגעהויער גרויסער טונ-

קעלער פויגעל מיט אונענדליכע פליגלעך, און ער פּאַכט מיט זיי קיהל און ברייט אונטער דעם מידען הימעל. און דאָרט, אויף דעם מידען הימעל לעשט זיך דער לעצטער שמייכעל פון טאָג די ווייס-גרויע וואָלקענדלעך, וואָס בלאָנקען-אַרום אָהן אַ תכלית, פערקעהרט עמיץ אויפ׳ן הימעל אין לאַנגע פערטראַכטע וואָלקענדלעך-שורות און טרייבט דידאָזיגע שורות צום הימעל-ברעג. מען רייניגט, מען פיילט און מען פוצט איצט דעם הימעל. מיליאָנען אונגעזעהענע הענד טהוען דידאָזיגע אַרבייט, און אָט ווערט דער הימעל טונקעל-בלוי, ווי בלוי גלאָז, און עס פיהלט זיך, אַז ער טראָגט שוין אין זיין זיידענעם בוזים נייע, גאָלדענע, נאָר-וואָס אויסגעשליפטע לאַכענדיגע שטערענדלעך...

אָבער משה׳לע קוקט זיך אַרום אין וואַלד, און איהם דאַכט זיך, אַז נעבען יעדען בוים וואַקס-אויס אַ פערבאָרגען שטיל בעשעפעניש, וואָס לויערט אויף עמיצען מיט שאָטענדיגע אויגען. דידאָזיגע בעשעפענישען קוקען זיך איבער, בעוועגען זיך מיט אַ שטילען שאָרך און האָבען אַ שייכות צום מערדער ריכאַרד, וואָס מוז געוויס געהן אַהער מיט זיין באַנדע גזלנים.

— הוק...— דערטראָגט זיך אַ טונקעלער קנאַק פון די ווייטע בוימער.— הוק... הוק... הוק...

— צאָללל!— שרייט-אויס אַנ׳אונבעקאַנטער פויגעל סאַמע איבער׳ן קאָפּ, און אויף אַ ווייטען בוים ענטפערט איהם אַ צווייטער.

— פלי... פלי... פלי...— וואָרקעט עפּיס אַ ווילד פַּלש פויגעלע אין אַנ׳אַנדער ווינקעל וואַלד.

— דער וואַלד שרעקט...— קומט משה׳לען פון דאָסיי אויף דער מחשבה. דאָס האַרץ טהוט איהם עטוואָס אַ צאַפּעל, און איהם דאַכט זיך, אַז ער וועט באַלד דערזעהן ריכאַרד׳ן.

נישטאָ מעהר קיין שטראַהלען אין וואַלד. אַ וואַרימע פינסטערניש רוקט זיך מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס און וויל אַלץ שטיל און גנב׳יש אַרומנעהמען און אונטער איהר רוקען זיך פּאַוואָליע די מאָדנע בעשעפענישען, וואָס קוקען מיט טיפע שאָטענדיגע אויגען.

משה׳לעס טאַטע הויבט זיך אויף פון גראָז מיט אַ שטיק

וואַלד-פינסטערניש אויפ׳ן פנים און גיט אַרויף די קינדער אין וועג אַריין. פון זיינטוועגן האָט מען אפילו געקאָנט אַ גאַנצע נאַכט פערברענגען אין וואַלד, אָבער ער פערשטעהט, אַז די קינדער שרעקען זיך עטוואָס און ער איז זיך מכין אַוועקצוגעהן. די קינדער רינגלען איהם אַרום און נעהמען איהם אָן פון ביידע זייטען פאַר די הענד. ער מאַכט דעם ערשטען שריט, און אין דערפינסטער דאַכט זיך, אַז ער טראָגט צוויי שווערע שוואַרצע זעק אין ביידע הענד. אָבער עס איז אַנגענעהם אַרויסצוגעהן פון וואַלד אין דערפינסטער, ווען די בוימער געהען-צו צו דער נאָז אונבעמערקטערהייד און קלאַפּען זיך לייכט אָן, פונקט ווי זיי וואָלטען געמאַכט אַ שפּאַס, און אויבען, אויפ׳ן בלויען הימעל, פינטלען און טאַנצען זייערע שפּיצען.

צו נאַכט ווערט געדיכטער די וואַרימקייט און דער ריח פונ׳ם טרוקענעם וואַלד-גראָז, וואָס קנאַקט אונטער די פיס, פונקט ווי ער וואָלט געלאַכט, און דערפון שווינדעלט עטוואָס דער קאָפּ, ווי פסח נאָכ׳ן סדר אָדער ווי פאַרטאָג נאָך אַ חתונה. דער געדיכטער וואַלד-ריח פילט-אָן נישט בלויז די לונגען, נאָר אויך דעם קאָפּ, די הענד און פיס, ער שפּרייט זיך אויך אין בלוט, און עס דאַכט זיך, אַז מען איז אַ טייל פון וואַלד און מען טראָגט אין זיך דאָס שווייגען פון די בוימער און די טונקעלקייט פון דער לופט.

אָבער משה׳לע געדענקט נישט, ווען ער איז אַרויס פון וואַלד. עס דאַכט זיך, אַז דער וואַלד איז מיט איהם מיטגעגאַנגען סאַמע ביז דער שטאָדט. ער האָט דעם וועג צוריק נישט געזעהן: פעלד פון איין זייט, פעלד פון דער צווייטער זייט, אויבען אַ קיהלער פריהלינגס-הימעל, וואָס לעשט פאַמעלעך אויס די לעצטע פאַרנאַכט-רויטקייט, און אַ בלאַסער וועג, וואָס לויפט פאָראויס ווי אַ נעבעלדיגער טייך. אין די יונגע תבואות שלאָפט שוין דער ערשט-געקומענער אָווענד, אַרומגענומען מיט וואַרימע גרויע נעבלען. און אַ שטילקייט איז צוגאָסען פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטען.

משה׳לע שטעלט ברייטע טריט. פון די מחשבות, פון נישט

עסען און פון געהן אַזויפיעל צופוס ווערען איהם שאַרפער די געזיכטס-שטריכען, און אין דעם אָווענד-ליכט זעהט ער אויס יונג און אַלט צוזאַמען. צייטענווייז קלאַפּט זיך איהם אָב אַן שטערען אַ גרויסער שוואַרצער זשוק, ווי אַ האַרט שטיינדעל, און רייסט איהם איבער די מחשבות, און אַז ער לאָזט-אַראָב די אויגען, זעהט ער, ווי פון אַ וועג-גרעזעל פאַלט-אַראָב אַ ליכטיג טראָפּעלע טהוי, ווי אַ ווייס פּייערל און אויפ'ן בלאָסען שטויב ווערט דערפון א שוואַרץ פּינטעלע.

און אָט הויבט זיך אויף אין דערפינסטער די שטאָדט, די אַלטע גרויסע שטאָדט, מיט די בעקאַנטע געסלעך און גאַסען, מיט די פערשלאָפענע ווייבער און יודען, מיט'ן שווערען שטויב, מיט די געלע פייערלעך, מיט'ן נמאס'דיגען גערויש פון פוהרען, מיט דער איינגער דושנער לופט און מיט די קוויטשיגע געשרייען פון אָרימע צולאָזענע קינדער. און אָט איז ווידער די לאַנגע טאָטערשע גאַס מיט די גרויע פאַרקאַנעס און קליינע הייזלעך, מיט די וויסטע אומעטיגע קרעמעלעך און צובראָכענע גאַספאָנאַרען, וואָס ברענען קיינמאָל נישט, און נאָך דעם פרייען גרויסען וואַלד, וואָס איז געבליבען ערגעץ פון הינטען, ווי אַ לעבעדיגער מענש, דערשפירט איצט משה'לע אויף דער לאַנגער אָרימער טאָטערשער גאַס עפּיס אַ טיפען שטאָך אין האַרצען און עס ווילט זיך כמעט ווי וויינען.

אַז זיי געהען-אַרויף אויפ'ן הויף, ברענען שוין גאָלדענע ציטריגע קליינטשקע לעמפּעלעך אויפ'ן טונקעלען אָווענד-הימעל. אפּנים, אַז דאָרט, אויפ'ן הימעל איז איצט אַ פּאַראַד, אַ באַל, אַ גרויסער יום־טוב, און מלאכים מיט ווייסע פליגלען אויפ'ן רוקען בעוועגען זיך לייכט און שטיל אַרום לאַנגע ווייסגעדעקטע טישען... נישט אומזיסט ברענען אַזוי העל דידאָזיגע לעמפּעלעך און נישט אומזיסט זענען זיי אין אַזאַ גרויסער צאָהל צוזייהט און צושפּרייט איבער אַלע ווינקעלעך פון הימעל. און איבער'ן הויף דרעהען זיך אַרום יודען מיט אָפענע הערצער, ביי די שוועלען זיצען מידע ווייבער, וואָס זעהען-אויס ווי זקנות, און זויגען קינדער, אין די פענסטער קוקען געלבע פייערלעך פון פער-

רויכערטע קליינע לעמפּלעך, ביי אַ טהיר קריגט זיך דער הויף־בעל־הבית מיט אַ שכן פאַר דירה־געלד, אויף אַ גאַניק מיאַאוקעט אַ הונגעריגע קאַץ און אַ קליין יונגעל מיט אַנ׳אַרויסגעשטעקט העמדעל פון די הויזלעך, קויקעלט פער׳עקש׳ענט אַ רויף אין דערפינסטער און פאַלט פלוצלונג אַנידער צוזאַמען מיט׳ן רויף.

אָבגעלאָזט די קינדער, קומט דער טאַטע אַריין אין שטוב אַ קאַלטער און אַ זויערער. שוין נישט דער פריהערדיגער יוד, פונקט ווי עמיץ וואָלט איהם שטאַרק בעליידיגט. איצט הענגען איהם ביז די ברעמען אויף די אויגען, און עס איז געפעהרליך זיך אָנצוהויבען מיט איהם. די מאַמע קוקט איהם אָן פון דער זייט און שווייגט מיט פערדריקטע ליפּען. אָבער אַז זי געהט־אַריין אין קיך, זאָגט זי, כמעט אַ וויינענדיגע, צו זיך אַליין:

— וועה צו מיר! איך האָב צרות און ער געהט־אַרום איבער די וועלדער...

משה׳לע ווייס נישט אַקוראַט, ווער איז גערעכט פון זיי ביידען, נאָר ער האָט שטאַרק רחמנות אויף דער מאַמען. ווען זי וואָלט נישט געקוקט אַזוי קרום אויפ׳ן טאַטען און נישט גע־האַט אַזוינע פערדריקטע ליפּען און וואָלט נישט געווען אַזאַ שטיק וואָכעדיגקייט, וואָלט מען זי בעדאַרפט אַרומנעהמען און אַ קוש טהאָן פאַר איהר שלעכט לעבען, פאַר איהר נויט און צער, פאַר׳ן יאָך, וואָס זי טראָגט אויף זיך און פאַר דאָס, וואָס זי איז היינט נישט געווען אין וואַלד און נישט געהאַט אַזויפיל וואַלד־פערגעניגען. וואָרום זי בעדאַרף דאגה׳ן פאַר אַלעמען און פאַר איהר דאגה׳ט קיינער נישט. די מאַמע איז אַ פרוי און דאגות האָט זי מאַנסבילשע אויפ׳ן קאָפּ.

אַ הונגעריגער און אַ מידער, וואָלט איצט משה׳לע געוואָלט עסען ביי אַ ווייס־געדעקטען טיש, אין אַ ליכטיגער גערוימער שטוב און צווישען אַ טאַטען און אַ מאַמען, וואָס האָבען זיך ליב. אָבער אין שטוב איז האַלב־טונקעל, אויף דער אַלט־געקאַלכטער וואַנד ברענט אַ רויכערדיג לעמפּעל, פון די ווינקלען קוקען־אַרויס גרויע שאָטענס, ווי הונגעריגע בעטלער, אין דער לופט שמעקט מיט אָרי־מער וועטשערע און טאַטע־מאַמע שווייגען מיט אַ שווערען בליי־

אויגען שווייגען. קוקט משה׳לע אַ ווייל׳ע אויף די וואַנט, אויפ׳ן באַלקען און רוקט זיך דערנאָך אַרויס פון שטוב, ווי אַ גנב, וואָס האָט נישט געפונען וואָס צו גנב׳ענען. אָבער דאָ, סאַמע ביי דער שוועל, אַרויסגעהענדיג, טרעפט ער זיך אָן מיט שיינדעלע׳ן אויג אויף אויג.

—משה׳לע!—גיט זיך שיינדעלע אַ ריס פאָראויס און כאַפּט איהם אָן ביי די הענדטלעך.

— איך בין געווען אין וואַלד, שיינדעלע... — רוימט ער איהר איין אויפ׳ן אויער און ביידע קינדער קוקען זיך אָן שטום, טיף און לאַנג.

— משה׳לע—לאָזט זי אַראָב די אויגען — פאַרוואָס האָסטו מיך נישט מיטגענומען... ביזט אַ שלעכטער...

משה׳לע ווייס נישט וואָס צו ענטפערן: פאַר אַ ליגען איז ער צו-ריין, פאַר אַ תירוץ — צו-יונג.

דער טאַטע!..—שטאַמעלט ער—איך האָב געמיינט, אַז ער וועט געהן אָהן מיר. דו ווייסט דאָך, מיין טאַטע...

אָבער שיינדעלע׳ן בערוהיגט עס נישט. זי האַלט נאָך אַלץ אַראָבגעלאָזט די אויגען און דאָס גאַנצע פיגורל איהרס דריקט-אויס אָנגריף און פערדרוס.

—דו האָסט מיך געקאָנט אַ רוף טהאָן... דו ביזט אַ שלעכ-טער...—זאָגט זי מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, פונקט ווי זי וואָלט גערעדט צו דער ערד.

—שיינדעלע...

—ניין, דו ביזט אַ שלעכטער...

— איך וועל דיך ווייטער מיטנעהמען, שיינדעלע...—פער-ענטפערט ער זיך ווייך.—נאָר דו ווייסט?—בויגט ער זיך אָן צו איהר און זאָגט מיט אַ טאָן פון אַ סוד — פאַרנאַכט שרעקט דער וואַלד...

דאָס וואָרט ש ר ע ק ט דערנעהנטערט זיי ביידען, שיינדע-לע פערגעסט די בעליידיגונג און ציהט איהם פאַר׳ן הענדטעל צו איהר אין שטוב אַריין, און משה׳לע געהט איהר נאָך, ווי אַ בלינדער.

און ביי שיינדעלע׳ן אין שטוב איז ליכטיג און ליב און היימליך, עס שמעקט מיט ערשט-געבאַקענעם ברויט, פון ערגעץ אַ ווינקעל קוקען-אַרויס פייעס אויגען מוטערליך און האַרציג און פון הינטען וואַקסט-אויס דער משוגענער ברודער, פלוצלונג און אָהן אַ שום שאָרך, מיט אַ צוגאָסענעם שמייכעל אויפ׳ן פּנים און ער מורמעלט ווייך און שטיל זיין שטענדיג מורמלען:

—איז אַז איז... איז אַז איז...

און פון ערגעץ שווימט-אָן פייעס גוטער גלעטענדיגער קול:

— זעץ זיך, מיין משה׳לע, צום טיש. מיר וועלען באַלד אַלע עסען. איך האָב פאַר דיר אַ גוטע זאַך...

אָבער ביז וואַנען מען געהט צום טיש, געהט משה׳לע מיט שיינדעלע׳ן אַוועק אין יענעם קאַמערל, וואו מען קאָן בייטאָג זעהן פון פענסטער כמעט אַלע דעכער פון שטאָדט; דאָס איז אַ געמיש פון אַ סך דעכער צוזאַמען מיט שפּיצען פון קלויסטערס: הויכע און נידעריגע, ברייטע און שמאָלע, פערשפּיצטע און פלאַכע. סאַ-מע אין דער-מיט שטאָדט הויבט זיך הויך און שטאָלץ, גאָרנישט יודישלעך, דער קופּאָל פון גרויסען בית-המדרש, און רעכטס, אויף אַ בערגעל, קוקט פעסט, טרוקען און האַרט די ווייסע טור-מע מיט די קליינטשקע אַריינגערוקטע פענסטערלעך און מיט די פיר קיילעכיגע טורמס ביי אַלע פיר זייטען. נאָר איצט זענען אַלע הייזער צונויפגעגאָסען אין איין הויז, וואָס ליגט אונטער׳ן פענסטער, ווי אַ טונקעלער באַרג און פינטעלט מיט טוי-זענדער פייערן, ווי מיט אויגען.

ביידע קינדער שטעלען זיך ביים פענסטער, און משה׳לע לעגט-אַוועק אַ הייסע באַק אויף שיינדעלעס שמאָלען אַקסעל. ער מאַכט צו די אויגען און זעהט פון דאָסניי די געהענדיגע בוימער פון וואַלד און די פאַסען גאָלד, וואָס שפּילען מיט די שאָטענס. דאָס אַלץ קומט-אויס אין דמוין שענער, העלער און ציהענדיגער, און עס גלויבט זיך שוין נישט מעהר, אַז דער וואַלד האָט געקאָנט שרעקען. און קליין ווערט אין דמיון דער וואַלד אַזוי, אַז מען וואָלט איהם געקאָנט נעהמען אויף דער האַנד און אַוועקטראָגען.

—משה'לע...—רופט שיינדעלע שטיל.
—וואָס, שיינדעלע?...
—גלאַט אַזוי...
—משה'לע...
—וואָס?
—איך בין שוין נישט בייז...
—נו, זעהסטו...
—אָבער...
—שיינדעלע,—שלאָגט ער איהר פלוצלונג איבער,—אַז מיר וועלען זיין גרויסע, וועלען מיר וואוינען אין אַ וואַלד... מיר וועלען האָבען אַ קליין הייזעלע מיט פענסטערלעך... די בוימער וועלען רוישען און אַריינקוקען צו אונז אין די פענסטערלעך אריין... הויכע, רויטע בוימער... און אויפשטעהן וועלען מיר פריה... געפעלט דיר?
—יאָ, געפעלט...
—און נאָר מיר אַליין וועלען וואוינען... הערסט?
זי לעגט-צו איהר שטערען צו זיינעם און פרעגט זעהר קינדיש:
—און איך וועל זיין דיין וויב?...
—און דו וועסט זיין מיין וויב...—זאָגט משה'לע מיט אַ הייסען אָטעם און דערפיהלט ווי עס שווינדעלט איהם דער קאָפּ.
אין דערפינסטער דערשפירט ער אַ קוש אויף דער באַק און ער זעהט נעבען זיך צוויי קינדערשע שטראַהלענדיגע אוי-געלעך, וואָס קוקען איהם אָן מיט אַזויפיל ליבע און גליק, אַז קיין איין מאַמע אין דער וועלט קאָן אַזוי נישט קוקען. און אין די פייערלעך פון דידאָזיגע אויגען, דאַכט זיך, זיצט איהר נשמה און שמייכעלט.
—אָבער, משה'לע, ווען וועלען מיר זיין גרויסע?...
משה'לע ענטפערט נישט און מאַכט-צו די אויגען. פון אונ-טער די פיס רוקט זיך אַוועק די פּאָדלאָגע, און איהם דאַכט זיך, אַז ער שווימט איבער אַ גרויסען ליכטיגען שטח צווישען טויזענדער פייערן און פאַרבען, און ביי די זייטען רוישען אַל-

טע רויטליכע סאָסנע-וועלדער. און אינ׳ם רוישען פון די וועלדער פיהלט ער אַ שפּראַך, וואָס ער הויבט ערשט אָן צו פערשטעהן. דער טאַטע איז גערעכט: וועלדער האָבען זייער לשון. און אַ מאָדנע זאַך: אַזוי, מיט אַזאַ טאָן, דאַכט זיך משה׳לען, בעדאַרף ריידען גאָט. דער לשון פון וואַלד, דאָס איז דער לשון פון גאָט.

אַלעמאָל, בשעת משה׳לע זיצט ביי שיינדעל׳ען אין שטוב, לויפט זעהר שנעל די צייט, פונקט ווי פאַר דערדאָזיגער שטוב וואָלט אַ בעזונדער צייט געווען—אַ קורצע, אַ האַסטיגע, אַ שנעלע, און אָט געפינט זיך שוין משה׳לע אויף זיין געלעגערל און קוקט מיט אָפענע אויגען אין דער דושנער פינסטערניש אַריין.

דער טאַטע לייענט הייבט נישט, און משה׳לע קאָן נישט איינשלאָפען: דער וואַלד, דער גרויסער אַלטער סאָסנע-וואַלד האָט איבערגעגעבען דעם יונגעל איינעם פון זיינע סודות און דאָס יונגעל פערבלייבט שוין אויף אייביג אין זיין מאַכט, פונקט ווי אין דעם מעשה׳לע מיט דער פרינצעסין, וואָס האָט אויף אייביג פער׳כשופ׳ט אַ יונגען פרינץ. משה׳לע קאָן זיך שוין מעהר קיינמאָל נישט בערוהיגען. ער טראָגט שטענדיג וואַלד-וועה אין זיין האַרצען און אַז ער דערזעהט אַ סאָסנע-בוים און דערפיהלט פון ווייטען דעם ריח און די בעוועגונג פון אַ וואַלד, פערגעסט ער אָן דער גאַנצער וועלט און אָן זיך און ער דערפיהלט זיך באַלד ווי אַ קליין טיילכעלע פונ׳ם גרויסען ריז, ווי אַ בוים צווישען ביימער און פערשטעהט און שפירט דעם לשון פון וואַלד, פונקט ווי ער וואָלט זיך מיט איהם צונויפגעוואַקסען אויף אייביג.

זלמן.

זעקסטעס קאַפּיטעל.

אַלעדיג ווייבעריש פּנים אָהן בּרעמען מיט אַ גרוי שיטער בּערדעל, וואָס וואַקסט בּלויז אויפ'ן האַלז; בּרייטע שיטער-הויטיגע בּאַקען, וואָס טרויסלען זיך אין גאַנג; קליינע שטאַרע אויגלעך, ווי צוויי גרויע פּעררוילערטע גלעזלעך, טיף אַריינגעשטעלט אונטער'ן שטערען; אַ נאַקעטער קאָפּ אָהן האָהר מיט אַ הויכען שטערען, צואַקערט אין קנייטשען, מיט שוואַרצע שנירעלעך בּלאָטע אין דידאָזיגע קנייטשען; אַ נאָז, וואָס זיצט אויפ'ן פּנים, ווי אַ קליין ווענדטעל אָדער ווי אַנ'אָפען טהירעל אין אַ שאַפע און איז אומעטום איין בּרייט און לענג; אַנ'אַלטער אָבּגעבּליאַקירטער מאַנטעל, וואָס טויג זיך סיי ווינטער, סיי זומער; גרויסע קלעצערדיגע שטיוועל, וואָס זעהען-אויס ווי געמאַכט פון בּלעך; אַ גרויסער סוקעוואַטער שטעקען אין אַ בּרייטער שווארצע האַנד—דאָס אַלץ איז זלמן.

זינט משה'לע געדענקט זיך, געדענקט ער אויך זלמנ'ען. נישטאָ אַ ליכטיגער טאָג אָדער אַ בּין-השמשות, אָדער אַנ'אָווענד אָהן זלמנ'ען. דערדאָזיגער יוד האָט אפילו זיין שטענדיגען אָרט

וואו צו זיצען: אין ווינקעל, ביים ראָג טיש, וואו עס איז פינ־סטערליך און וואו זיין ווייבעריש גרויע פנים קוקט־אַרויס פון דאָרטען טויט און שווייגענדיג, ווי אַ מצבה.

זלמן האַלט, אַז שווייגען איז זעהר אַ גוטע זאַך און אַז די צונג איז געגעבען געוואָרען צום ריידען בלויז דאָס סאַמע נויטיגסטע, דאָס סאַמע קירצסטע, ממש אַ פּאָר געצעהלטע ווער־טער אַ טאָג, נאָר אויסער מעשה׳לעך. פאַר מעשה׳לעך בעדאַרף געמאַכט ווערען אַ אויסנאַהם. וואָרום מעשה׳לעך זענען דאָס סאַ־מע נויטיגסטע, דאָס סאַמע וויכטיגסטע, אפשר בילכער פון עסען, פון טרינקען, אַזוי טייער ווי דאָס לעבען.

אונטער זיין הויכען טיף־געקנייטשטען שטערען נעסטיגען זיך טויזענדער העלע זוניגע מעשה׳לעך וועגען בלויע ים׳ען, וועגען ליכטיגע הימלען, וועגען גאָלדענע טעג, וועגען גן־עדן־פויגעלעך, וועגען שלאָפענדיגע פּרינצעסינס, וועגען שמייכלענדי־גע קינדער, וואָס האָבען געהאַט ווייסע פליגעלעך אויפ׳ן רוקען און האָבען געקענט פליהען פון די הימלען צו דער ערד און פון דער ערד צו די הימלען; וועגען פער׳כשופ׳טע אָקרענטען, וואָס האָבען געפיהרט דעם מזל פון דער וועלט און דער מזל האָט זיך אַרויסגע׳גנב׳עט און אין ים פערזונקען; וועגען אַ מיליאָן שמייכלען, וואָס אַ מלך האָט אַרויסגעפאָדערט, צו ראַטעווען זיין בת־מלכה און נאָך און נאָך און נאָך.

אָבער זלמן האַלט דידאָזיגע זוניגע אָדער האַרציג־טרויערי־גע מעשה׳לעך פערשלאָסען אין זיין נאַקעטען קאָפּ, ווי אין אַ טורמע און גישט גערן לאָזט ער אַרויס אויף גאָטס וועלט איינס אָדער צוויי פון זיי. ער האָט זיי ליב צו טראָגען מיט זיך, ווי אַ קאַרגער עושר זיינע גאָלדשטיק, פונקט ווי זיי וואָל־טען, חלילה, וואָכעדיג ווערען און פערלאָרען די פאַרבען דורכ׳ן דערצעהלען, אָדער זיי וואָלטען זיך שוין מעהר נישט אומגע־קערט צוריק צו איהם אין קאָפּ—אין זייער נעסט אַריין.

מעגליך, אַז צוליב דידאָזיגע ליכטיגע מעשה׳לעך איז ער אַ שווייגער: ער הערט זיך איין און קוקט זיך צו צו זיי, צו זייערע שפּילענדיגע רעגענבויגען־פאַרבען, פונקט ווי ער וואָלט

איבערגעדרעהט די אויגען מיט'ן זעה-נערוו צו זיך אין קאָפּ
אַריין און נישט צום דרויסען, ער בעוועגט זיי, שטעלט זיי אי-
בער, פלעכט זיי צוזאַמען, מאַכט אין דמיון אַ זוניגע מעשה'לע-
זאַווערוכע, אַ געדרענג, אַ ליכטיגען שטורם-ווינד פון מעשה'לעך
ווי פון שנייעלעך—און ער וויל זיך אָט דעם תענוג נישט איבער-
שלאָגען דורך רייד מיט מענשען. ער וויל זיך אויך נישט איבער-
שלאָגען דורך עסען. עסען האָט ביי איהם אויך קיין בעטרעף נישט.
דאָס האָבען מענשען אויסגעטראַכט און דערנאָך קאַליע געמאַכט.
אייגענטליך איז גענוג פאַר אַ מענשען אַ גלאָז טיי, האָבען זיי
אָבער גענומען און מסדר-געווען דעם טאָג אויף פרישטיקען, מי-
טאָגען און אָווענדברויטען. אַ גאַנצען טאָג האַלט מען נאָר אין
איין עסען, טרינקען און ריידען אַזוי, אַז עס איז נישט אויס-
צוהאַלטען. וואו מען זאָל זיך נישט קעהרען און ווענדען, הערט
מען שטענדיג אַ מענשענס קול און וואו מען זאָל נישט וואַרפען
אַן אויג, זעהט מען נאָר מענשען עסענדיג. עסען און ריידען—
דאָס זענען די גרעסטע צוויי פעהלערן, פון וועלכע מען וועט
זיך שוין מסתמא קיינמאָל נישט קאָנען בעפרייען, כל-זמן די
וועלט וועט זיין וועלט.

און זלמן עסט טאַקי נישט. פאַר איהם איז גענוג אַ גלאָז טיי
מיט אַ שטיקעל צוקער פאַר אַ טאָג. טרינקט ער אויס אַ גלאָז טיי,
זעצט ער זיך אַוועק אין אַ ווינקעל און קוקט ווי פערגליווערט
מיט זיין ווייבערשען פנים אין שטוב אַריין, איינהערענדיג זיך
ערגעץ אין זיך, דאָרט, וואו עס טאַנצען די זוניגע מעשה'לעך
און פליהען-אום, ווי גאָלדענע פונקען, אייגע איבער די אַנדערע.

פאַרהאַן אָבער נאָך אַ פעהלער ביים מענשען, וואָס זלמן
האָט איהם נישט וועניגער פיינט, ווי די ערשטע צוויי, און נאָך
אפשר מעהר. דאָס איז חתונה-האָבען, נעהמען אַ ווייב, בכלל אַ
ווייב, אַ בריאה אין אַ קליידעל, אַ מענש מיט לאַנגע האָהר, וואָס
קאָן מעוברת-ווערען און וואָס איז בעשאַפען געוואָרען בלויז דע-
רויף צו קוויטשען און צו פלוידערן און צו שרייען און צו שעל-
טען און צו וואָגלען. דאָס איז גאָר אַ מכה מין השמים, אַן אָנ-
שיקעניש, אַ גזר, אַ קלאָג, אַ נאָבשלעפעניש, נאָר ערגער פון עסען 58

און ריידען, וואָס פון דעם וועט מען שוין זיכער נישט קאָנען פאַר-ווערן, כל-זמן די וועלט וועט בלייבען וועלט. אָבער זלמן, וואָס איז בנוגע צו עסען און ריידען געווען אַזוי אויסגעהאַלטען, איז גראָד דאָ זעהר מאוס געשטרויכעלט געוואָרען און האָט אויף זיין לעבען געהאַט גאַנצע פיר ווייבער. שווער צו וויסען, פאַר-וואָס איז ער גראָד דאָ געווען אַזוי שוואַך און שווער צו וויסען, וואָס איז געשעהן צווישען איהם און די ווייבער. צי האָט ער זיך געפּרובט ווירקען אויף זיי, איבעראַנדערשען זייער כאַראַק-טער, געבען זיי צו פערשטעהן, אַז זיי זענען נישט קיין מענשען און אַז זיי בעדאַרפען גאָר געהאָרכען, נישט עסען און שווייגען — דאָס אַלץ בלייבט אַ רעטעניש. מען קאָן אויך נישט וויסען, צי האָט ער זיך צו'גט מיט זיי, צי זיי זענען איהם אַוועקגעשטאָר-בען מיט אַ נאַטירליכען טויט. אין אַ שענעם פריהמאָרגען קומט ער פּלוצלונג אַ פרייער, אָהן אַ ווייב, פונקט ווי ער וואָלט נאָר-דאָס אַראָבגעוואָרפען אַ שווערע משא פון פּלייצע און אָטעמט זיך אָב פריי, ווי נאָך אַ קאַלטען שווייס. אָבער אויך אַזוי פּלוצ-לונג קומט ער אַ מרה-שחורה'דיגער, אַ בייזער און אַ בעלאָדע-צער, מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, מיט אָנגעבלאָזענע ליפּען, און אין שטוב ווייסען שוין אַלע, אַז זלמן האָט זיך פון דאָסניי פאַרפּלאָנטערט מיט אַ ווייב.

זלמן האָט זיך געפּלאָנטערט אין די ווייבער, ווי אין אַ צעץ, און עס איז שווער צו וויסען, צי ער איז פרייוויליג גע-צויגען אין נעץ אַריין, צי מען האָט זי איהם אונטערגעשטעלט. איינס איז אָבער קלאָר, אַז זיי אַלע האָבען איהם געשאָלטען און געשלאָגען און אין שטוב נישט אַריינגעלאָזט. איצט דערקוטשעט איינס שטאַרק דאָס פערטע ווייב. דאָס איז אַ נידריגע יודענע מיט רויטע אויגען און נאַקעטע פיס אין צוריסענע שטעק-שיך. איין מאָל אין וואָך קומט זי צו משה'לען אין שטוב אַריין נאָכ-שפרעגען זיך אויף זלמנ'ען. אויב ער איז בעת-מעשה דאָ אין שטוב, שפּריצט זי איהם אָב מיט איהרע רויטע אויגען און גיט איהר אַ זאָג בלויז איין וואָרט:

— נו?..

הויבט זיך זלמן תיכף-ומיד אויף פון אָרט און רוקט זיך אַרויס פון שטוב, ווי אַ וואָלקען, אָהן אַ וואָרט צו ריידען. אַז זלמן איז אָבער אין שטוב נישטאָ, לאָזט זיך איבער עטליכע שווערע קללות, ווי שטיינער, און געהט-אַוועק. אַמאָל לויערט אויף זלמנ׳ען זיין שטיפזוהן פון דער פערטער ווייב, אַלע וויסען, אַז דערדאָזיגער שטיפזוהן איז אַ גנב, וואָס איז שוין צעהנדליגער מאָל געזעסען אין טורמע און אַז ער קאָן דערהרג׳ענען אַ מענשען אין מיטען העלען טאָג. ווייזט ער זיך ביי משה׳לען אין שטוב, נעהמען אַלע ציטערן, ווי שעפסען פאַר אַ וואָלף און די לויפענ־דיגע אויגען שפּילען איהם בעת-מעשה מיט בייזע אכזריות׳דיגע פייערלעך. ער האָט שאַרפע אַרויסגערוקטע קינבאַקען און סאָ־פּענדיגע נאָזלעכער. אַז ער רעדט, פערדריקט ער די צייהן און שטעלט-אויס די פויסטען.

—ביי מיר איז אַ מעסער—און אין האַרץ אַריין!...—סאָפּעט ער מיט די נאָזלעכער, שטעהט אויף פונאַנדערגערוקטע פיס און קוקט-אָן זלמנ׳ען, ווי אַ קאַץ, וואָס דערזעהט אַ מויז.

נאָר זלמן שרעקט זיך נישט פאַר איהם. די קליינע קורצ־זיכטיגע אויגען זיצען איהם רוהיג אונטער׳ן שטערען און ער שמייכעלט קוים צום זעהן. איינער שמייכעלט און איינער רוקט זיך מיט די פויסטען, אָבער עס ענדיגט זיך שטענדיג דערמיט, וואָס דער גנב צולאַכט זיך סאַמע אין מיטען רציחה, כאַפּט-אָן זלמנ׳ען פאַר׳ן האַנד און שלעפּט איהם צו דער טהיר, שרייענ־דיג:

—פּעטער, קומט, מיר וועלען מאַכען אַ שנאַפּס, זאָלען מיר ביידע אַזוי לעבען...

נאָר אַז זלמן קומט צוריק, זאָגט ער מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען צו משה׳לעס טאַטען:

— שמעון, אויף יענער וועלט איז דאָך פאַראַן אַ גיהנם האַ? — און עס פיהלט זיך אין זיין קול, אַז ער גלויבט נישט דערין.—אסור, אויב מען קאָן איהם גלייכען צו דעם גיהנם פון אַ ווייב...

און אַז משה׳לעס מאַמע מאַכט אַ בעמערקונג דערויף, אַז

אַ מאַן איז מעהר גיהנם ווי אַ ווייב, קעהרט זיך זלמן אָן צו איהר גוטמוטיג און זאָגט ווייך אַרויס, ווי מען רעדט צו אַ קינד:

—דו שווייג, דו ביזט דאָך נישט קיין ווייב, נאָר אַ כפרה-הינדעל...

משה׳לעס מאַמע איז די איינציגע פרוי אין דער וועלט, פאַר וועלכער זלמן האָט עטוואָס דרך-ארץ.

—אָבער אַז דו האָסט פיינט ווייבער, וואָס האָסטו צו טהאָן מיט זיי?—פרעגט משה׳לעס מאַמע מיט אַ שטאָך.

—איך האָב צו טהאָן מיט זיי?—זאָגט זלמן מיט אַזאַ טאָן, פונקט ווי עמיץ וואָלט איהם פּלוצלונג אַ קלאַפּ געטהאָן איבער׳ן קאָפּ—איך האָב צו טהאָן מיט זיי? פון מיינטוועגען, הערסטו, מעג אַראָב אַ פייער און זיי אַלעמען פערברענען, קיין שריד ופליט זאָל פון זיי נישט בלייבען... איך האָב צו טהאָן מיט זיי...

אָבער דער מאַמען איבערצייגט עס ווייניג. זי קאָן איהם צו-גוט און צו-לאַנג, און דעריבער גרייפּט זי איהם אָן נאָך האַר-בער, נאָך װטעכיגער, מיט דער גאַנצער גאַל פון אַ דערשלאָגע-נער און בעליידיגטער ווייב:

—איינע איז איהם ווייניג געווען... פיר ווייבער האָט ער בעדאַרפט... דער גרויסער בעל-פרנסה און דער געשטעלטער מענש... שעמען מעגסטו זיך...

דעמאָלט ווערט זלמן אַנטשוויגען, גיט זיך אונטער איינגאַנ-צען און בעט אַ גלאָז טיי מיט אַ פערשולדיגטער מינע, פונקט ווי אַן׳אָבגעשמיסענער יונגעל.

אויב זלמן איז אויפגעלעגט און ד׳ערצעהלט נישט קיין מעשה׳לע, שפּילט ער אויף אַ קעמעל. ער שפּילט מאַרשען, מיליטערישע מאַרשען, האַרטע, לאַנגע און שווערע, וואָס פּאַסטען זיך גאָרנישט צו די חנ׳עוודיגע שמייכלענדיגע מעשה׳לעך. זיין שפּילען דערמאָנט ווירקליך אָן די קלאַנגען פון אַ מיליטערישען אָרקעסטער, אָבער דאָך איז עפּיס לעכערליך, וואָס אַן׳אַלטער יוד בלאָזט מיט די באַקען און האַלט ביי די ליפּען אַ קעמעל מיט אַ שטיקעל דינעם פּאַפּיר. משה׳לע לאָזט דעמאָלס אַראָב די אויגען און שעמט זיך איהם צו קוקען אין פנים אַריין.

—פערשטעהסטו נישט, וואָס אַ מאַרש איז...—זאָגט דער אַלטער צום יונגעל, זעהענדיג, ווי דעם יונגעל נעהמט נישט זייז שפּילען.

—וואָס איז אַ מאַרש?—פרעגט משה׳לע.

—אַ מאַרש?—זאָגט זלמן און קוקט איהם אָן אַ לאַנגע צייט אָהן ווערטער.—אַ מאַרש איז גבורה... דו פערשטעהסט?

צייטענווייז איז זלמנ׳ען שווער צו פערשטעהן, ווי עס איז שווער צו פערשטעהן פאַרוואָס איז אַ מאַרש גבורה. נאָר אַז מען בעט איהם, ער זאָל פערטייטשען, וויל ער שוין גאָרנישט ענטפערן.

—דו ביזט אַ נאַר, פערשטעהסט?—און ער שטעלט-אָן די שטאַרע אויגען אויפ׳ן מיטען שטוב מיט אַ מינע פון אַ בלינדען.

ער האָט ליב צו קאָקעטירען מיט זיין קורצזיכטיגקייט, און אויפ׳ן זייגער, וואָס הענגט אויף דער וואַנד, קוקט ער דורך אַ רעהרל, וואָס ער מאַכט מיט דער האַנד און זאָגט שטענדיג אַ פערקעהרטע שעה.

—שוין גאָר בלינד... שוין גאָר בלינד...—קלאָגט ער זיך פאַר משה׳לעס מאַמען מיט הנאה און גאוה,—איך זעה שוין גאָרנישט... ווייסט, פייע, ווען איך וואָלט געהאַט געזונדטע אויגען, וואָלט איך נאָך געגאַנגען קיין קיעוו...

אין קיעוו האָט זלמן אַמאָל געאַרבייט סטאָלעריי. סטאָלעריי איז אייגענטליך זיין פאַך, אָבער ער אַרבייט קיינמאָל נישט. אין קיעוו האָט ער עפּיס יאָ אַ לענגערע צייט געאַרבייט און נישט שלעכט געלעבט. ערינערונגען פון קיעוו האָט ער אַ סך, אָבער אַז ער דערצעהלט זיי אַמאָל, קומען זיי אויס ווי מעשה׳לעך און נישט ווי לעבען. זיין קאָפּ איז שוין, וואַהרשיינליך, אַזוי געבויט געווען, אַז אַלץ איז דאָרט פערוואַנדעלט געוואָרען אין מעשה׳לעך, אפילו זיין אייגען לעבען אויך. אין זיין קיעוו-פעריאָד האָט ער איינמאָל, לויט ווי ער דערצעהלט, בענעכטיגט אַ גאַנצען חודש צייט אין אַ געדיכטען וואַלד, ווייט פון קיעוו, אויפ׳ן שפּיץ פון אַ הויכען בוים און איבער זיין קאָפּ האָט אַלע נאַכט זיך אומגעדרעהט אַ סאָווע. און אין אַ צווייטען פאַל האָט

ער איינמאָל אַ כאַפּ געטהאָן אַ ריזיגען קאַצאַפּ, וואָס האָט איהם דערעסען, און איהם שיער נישט דערשטיקט. ביים קאַצאַפּ זענען אַרויסגעשפּאַרט געוואָרען די אויגען און די צונג און ער האָט אויפגעהערט צו אָטעמען, און דריי רובל האָט זלמן שטילערהייד בעצאָהלט אַ פעלדשער, וואָס האָט איהם אָבגעראַטעוועט מיט הייסען אַרבעס.

אויף משה׳לען האָבען דידאָזיגע מעשיות געמאַכט אַ שטאַרקען רושם, ווי אַלץ, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ שייכות צו דעמדאָזיגען יודען. נאָכדעם פלעגט איהם שוידערן פון זיי און דער צושפּילטער דמיון פלעגט איהם נעהמען מאָהלען די שרעקליכסטע סצענעס און בילדער, פערוועבט מיט זלמנ׳ס געשטאַלט.

פון זלמנ׳ס סטאָלעריי פלעגט משה׳לע גענ־סען פורים אַ גראַגער און די מאַמע אַ וואַלגערהאָלץ. משה׳לעס טאַטע פלעגט נאָר פאַרבייגעהענדיג, פון דער זייט, אַ קוק טהאָן אויף זיי און פלעגט שטענדיג זאָגען איינס-און-דאָסזעלבע:

—דאָס האָט געמאַכט אַ פאַרטאַטש.

צו אַכט יאָהר האָט שוין משה׳לע אונבעוואוסטזיניג געשפּירט, אַז דער ענין פון שלאָגען המנ׳ען איז עפּיס נישט קיין אָנגענעהמער. שלאָגען קאָן מען בלויז אַ לעבעדיגען און דאָס נישט אַלע יאָהר, נאָר איין מאָל. ווי אַזוי-זשע אָבער שלאָגט מען אַ טויטען, אַ געהאַנגענעם, און נאָך אַלע יאָהר דערצו?

און אויף זיין אייגענער פעראַנטוואָרטליכקייט פלעגט ער שטילערהייד אַרייַנוואַרפען דעם גראַגער אין אויווען אַריין און זיך בעת מעשה קוויקען מיט׳ן פייער, וואָס פלעגט לאַנגזאַם אַרומלעקען דאָס האַרטע אָלכע-האָלץ.

פון אַלע דערוואַקסענע מענשען אין שטוב איז זלמן דער איינציגער, וואָס גיט זיך אָב מיט משה׳לען, וואָס געהט מיט איהם שפּאַצירען און דערצעהלט איהם מעשה׳לעך. אין אַ געוויסען זין איז ער זיין מדריך, זיין דערציהער, אָבער עס קאָן זיין, אַז דער יוד מיט׳ן ווייבערשען פּנים האָט איהם עטוואָס קאַליע געמאַכט, ווייל ער האָט אין איהם פערשטאַרקט די אָנגעבוירענע בייגונג צו חלומות, צו מעשה׳לעך, צו איינזאַמע מחשבות און

האָט געמאַכט אַ מחיצה צווישען איהם און דער לעבעדיגער וועלט. ער האָט איהם איינגעגעבען דעם פיינליכען געדאַנק, אַז אויף מענשען איז נישטאָ וואָס צו קוקען, אַז ריידען און עסען זענען איבעריגע זאַכען, אַז ווייבער זענען ערגער פון חיות און אַז אַ מענש דאַרף לעבען נאָר מיט זיך אַליין, איינזאַם, בעזונדער, אָבגעטיילט און אָבגעשיידט פון אַלץ און אַלעמען. ער האָט איהם צו-פריה בעקאַנט געמאַכט מיט'ן רייץ פון דמיון, וואָס בעדאַרף זיין אַ לייכט און מחיה'דיג שיפעלע אויף די קאַלטע גרויע וואַסערן פון לעבען, און דעריבער, אַז משה'לע פלעגט טיילמאָל נישט קאָנען איינשלאָפען ביינאַכט און פלעגט קוקען מיט אָפענע אויגען אין דער דושנער פינסטערניש אַריין, פלעגט איהם עפּיס צוטרעטען צום האַלז און איהם פלעגט זיך וועלען וויינען. איהם פלעגט זיך וועלען וויינען דערויף, וואָס עס איז דאָ אַזאַ גרויסער אונטערשיד צווישען לעבען און חלום, צווישען מענשען און מעשה'לעך. אַלץ, וואָס עס איז דאָ אין דמיון, איז ליכטיג און שען און אַלץ, וואָס מען קאָן זעהן מיט די אויגען, איז מאוס און שלעכט. און דעמאָלט פלעגט ער שטומערהייד בעטען גאָט, ער זאָל איהם אָהן וועהטאָג צונעהמען צום ווייסען זיידען אברהם אבינו און צו דער וואַרימער האַרציגער מוטער רחל—די סאַמע ליבסטע געשטאַלטען פון זיין הערצעל—אויף יענער וועלט, אויפ'ן הימעל, וואו עס איז דאָ אַ גן-עדן מיט די שענסטע בוימער און די שענסטע זינג-פויגעל און עס ווערט דאָרט געלעבט לויט'ן דמיון. דאָרט איז דאָ בלויז דמיון, דאָס הייסט ליכט און שטראַהלען, געזאַנג און שמחה, און אַלץ איז פערגאָסען מיט גאָטס שמייכעל. קיין ערד איז דאָרט נישטאָ. און אָט די בקשה צו גאָט איז געווען איינער פון זיינע גרעסטע סודות, וואָס ער האָט אפילו שיינדעלע'ן קיינמאָל נישט דערצעהלט, וואָרום ער האָט דאָך געפיהלט, אַז אַ מענש בעדאַרף בעסער וועלען לעבען, איידער שטאַרבען.

דער אַלטער האָט דעם יונגעל געגעבען דעם שליסעל צום דמיון—צו יענעם גאָלדענעם פּאַלאַץ, וואָס באָדט זיך אין אַ ים פון ליכט און פאַרבען, און דאָס יונגעל איז פערבליבען דער

טרייעסטער דינער פון דעמדאָזיגען פּאַלאַץ. אָבער די ליבע פון׳ם יונגעל צום אַלטען איז געשטיגען פון שעה צו שעה און ער האָט שוין געקאָנט יעדע קלענסטע בעוועגונג זיינע, יעדע קלענ-סטע תנועה און יעדען פערבאָרגענסטען פערלאַנג, ווי דאָס קאָן נאָר אַ מענש אָדער אין גרויס ליבע אָדער אין פיינטשאַפט.

דאָס יונגעל דערקאָנט שוין אָן זלמנ׳ען, ווען ער איז נוטה צו דערצעהלען אַ מעשה׳לע. די סימנים זענען, איבעריגענס, גאַנץ איינפאַכע: זלמן, דער רוהיגער פערגליווערטער זלמן, הויבט זיך אָן שטאַרק בעוועגען און די שטאַרע קורצזיכטיגע אויגען זוכען עפּיס אַרום זיך. אפנים, אַז דאָס מעשה׳לע אַליין בעט זיך, וויל אַרויסלויפען פון תפיסה און געניסען אַביסעל פרייע לופט, און זלמן קאָן עס שוין מעהר נישט איינהאַלטען. ער מוז עפענען די טהירלעך פון קאָפּ און אַרויסלאָזען עס, ווי מען לאָזט-אַרויס אַ טויב. על-פּי-רוב געשיהט עס פאַרנאַכט, בשעת קיינער איז נישטאָ אין שטוב און די רויטע הימלען גליהען ווי מידע פייערן איבער די ווייטע הויכע דעכער פון שטאָדט. דעמאָלט לויפט משה׳לע נאָך שיינדעלע׳ן, פיהרט זי איילינג אַריין אין שטוב און רוימט איהר איין אויפ׳ן אויער:

—זלמן האָט עפּיס... ער וועט באַלד דערצעהלען...

אין שיינדעלעס גרויע אויגעלעך פאַלען-אַריין אַ סך גלאַנ-ציגע שפּיזעלעך, אַ קינדיש-ווייבער שמייכעל צוקט איהר די ראָזע אויסגעשאָרענע ליפּלעך אויף די יונגע ווייסע צייהנדלעך און זי פרעגט מיט אַ פערהאַקטען אָטעם:

—משה׳לע, ער וועט דערצעהלען מיט פּערל און ברילייאַנ-טען, צי מיט אַ שפּאַרבער אַ פערדאַרבער?..

—שוויג...—ריהרט זי משה׳לע אָן ביי דער האַנד.—ער וועט שוין אַלץ דערצעהלען...

און דער אַלטער זלמן פערשטעהט שוין די קינדער. דאָס איז אַ שטומער אָבמאַך: זיי ווילען הערען און ער בעדאַרף דער-צעהלען. און אָט זיצט שוין אַ גרופּע: זלמן ביים ראָג טיש מיט אַ טיפען קורצזיכטיגען בליק, וואָס געהט צוריק אין אויג און קוקט-אַריין אין זיך, און די צוויי קינדער אַנטקעגען, מיט אַראָפּ-

געהאַנגענע דינע פּיסלעך, מיט אויפגעהויבענע אָנגעשטרענגטע פּנים׳לעך, בלאַס פון נייגיריגקייט און אויפרעגונג. פּונקט אַנטקעגן, אויף דער וואַנד, זיצען דריי שאָטענס, וואָס זענען ענליך צו בערען: איין בער אַנ׳אַלטער און זעהר אַ האַריגער און צוויי קלייניטשקע.

נאָר זלמן שווייגט פריהער אַ לאַנגע צייט מיט יענעם מין שווייגען פון אַ מענשען, וואָס זעהט גאָרנישט אַרום זיך. אַפּנים אַז דאָס מעשה׳לע שפּאַרט זיך און פערשאַפּט איהם אינערליכע אַנגסטען. דערנאָך אָבער דערצעהלט ער זעהר שטיל און געצויגען, פּונקט ווי ער וואָלט ריידען צו זיך אַליין:

—אויפ׳ן גרויסען ים אַנ׳אָקרענט, און דער אַקרענט טרינקט זיך...

און ווידער שווייגט ער ווײלע, פּונקט ווי דאָס לעצטע טהירעלע אין קאָפּ וואָלט נאָך אויפגעהאַלטען אויף אַ רגע דאָס מעשה׳לע. נאָר אָט פליהט עס שוין אַרויס לייכט און פריי און אַנ׳אָבשטעל:

—...יאָ, אויפ׳ן גרויסען ים אַנ׳אָקרענט און דער אָקרענט טרינקט זיך...

און מיט בלויע אויגען און מיט גאָלדענע האָהר זיצט אַ בת-מלכּה אין אָקרענט.

און בלאַס איז זי און קינדיש איז זי און אין איהרע בלויע אויגען, ווי בלויע קאָרנבלימלעך ידער ווי הימעל, שווימט-אום אַ קלייז וואָלקענדעל שרעק...

פון אַלע זייטען—ים און געוויטער, אינדען שפּרינגען איבער אינדען, ווי ווייסע ווילדע פערד מיט צולאָזענע גריוועס, און תהומות פלעכטען זיך מיט תהומות, ווי די ערד וואָלט אויפגעעפענט טויזענדער דורשטיגע מיילער

סאַמע ביז׳ן טונקעלען הימעל דערגרייכט דאָס וואַסער-פּאַטשעריי, דאָס וואַסער-געלעכטער, דער ווילדער וואַלען-טאַנץ, און עס דאַכט זיך, אַז שדים, רוחות און נישט-גוטע פון אַלע וועלטען פראַווען אַ חתונה...

אָבער דאָס איז געווען די לעצטע מינוט פון הימעל, ערד און לעבען.

ווארום דער בורא-עולם האָט צוגענומען זיין קרוין, געהייסען פערפאַקען זיין כסא-הכבוד און די אַלטע ערד מיט'ן אַלטען לעבען האָט ער אָבגעגעבען דעם רוח.

—נאַ, האַלט דיר דאָס, אויב דו ווילסט.

דערנאָך האָט ער צונויפגערופען זיינע ליבסטע מלאכים און האָט זיך איבערגעצויגען אויף אַ נייעם הימעל איבער אַ נייער ערד, נעהנטער צו דער זון, און דאָ האָט זיך דער רוח ווילד צולאַכט דורך אַלע ימים.

ער האָט געוואָרפען ימים אויף ימים, וואַסער-בערג אויף וואַסער-בערג, ער האָט זיי צעוויגט, צושאָקעלט און צוטרויסעלט אין דער טונקעלער לופט, צושאָטען אויף מיליע-מיליאָנען טראָפעלעך און בעת-מעשה ווילד און הילכיג אַריינגעלאַכט אין דער מורא'דיגער וואַסער-פּאַטשעריי...

און אָט האָט זיך דער אָקרענט אַנידערגעלעגט אויף אַ זייט און דער שפּיץ האָט גענומען זינקען. נאָך אַ מינוט, נאָך אַ רגע— און אַ וואַסער-מויל וועט איהם איינשלינגען, ווי אַ שפּאַרבער אַ פויגעלע.

די מענשען אויפ'ן אָקרענט זענען צוגעפאַלען מיט'ן פנים צום דעק. אַנדערע האָבען גענומען געהן מיט'ן קאָפּ אַראָב און מיט די פיס אַרויף און מאַנכע האָבען זיך געצאַפּעלט אויפ'ן רוקען, מיט אויפגעהויבענע הענד און פיס, פונקט ווי איבערגעקעהרטע שרצים, און האָבען זיך נישט געקאָנט אויפשטעלען. אַלט און יונג, קליין און גרויס האָבען געיאָמערט און געשריען, און דידאָזיגע קולות האָבען, ווי קליינע נאָדעלעך, דורכגעשטאָכען דעם אימה'דיגען וואַסער-גערויש.

נאָר אָט האָבען פּלוצלונג אַ פּאָן-געטהאָן צוויי שניי-ווייסע פליגלען, און די בת-מלכה מיט די גאָלדענע האָהר האָט דערזעהן אַ מלאך, וואָס איז געשטאַנען אַקוראַט איבער איהרע אויגען, עטוואָס העכער פונ'ם שיפדעק.

לויט זיין אָטעמען מיט די קליינע ראָזע נאָזילעכער און לויט

די שפּיצען פון זיינע שניי-ווייסע פליגלען, איז געווען קענטיג, אַז ער האָט איילִיג דורכגעמאַכט אַ לאַנגע און אַ שווערע נסיעה פון הימעל אויף דער ערד.

„זעץ זיך אויף מיינע פליגלען,—האָט ער געזאָגט,—איך וועל דיך מציל-זיין. איך וועל דיך אַוועקטראָגען אין אַ נייער וועלט מיט אַ ניי לעבען, און גאָט זיצט דאָרט אויף אַ נייעם הי-מעל. דידאָזיגע וועלט איז נאָהנט צו דער זון... צו פינף זונען... צו צעהן זונען... צו טויזענד זונען...

נאָר דער בת-מלכה׳ס קינדיש געזיכט איז בעצויגען געוואָ-רען מיט אַ טרויער:

—פאַרוואָס נאָר מיך?—האָט זי שטיל געפרעגט.—און די אַלע זאָלען דערטרונקען ווערען?

און איהרע אויגען, ווי צוויי קליינינקע רעדעלעך הי-מעל, זענען פערוואָלקענט געוואָרען.

—קלויב דיר אויס דעם בעסטען. מעהר ווי צוויי נעהם איך נישט.

די בת-מלכה האָט אַ ווײַלע געטראַכט און דערנאָך שטיל געזאָגט:

—דעם ערגסטען.

דער מלאך האָט געשוויגען.

דער ערגסטער מענש איז געווען אַ קליינינקער און אַ שוואַרצער, מיט שפּיציגע אויגען און האַרטע בייניגע הענד. די-דאָזיגע הענד האָבען אַמאָל די אייגענע מוטער דער׳הרג׳עט.

ער האָט נישט געקאָנט ריידען—ער האָט נאָר געקאָנט לאַכען מיט אַ הייזעריגען דראָבנעם געלעכטער און בשעת-מעשה האָט זיך געדאַכט, אַז אַ גזלן שניידט ערגעץ עמיצען דעם האַלז...

און אָט האָבען זיך ביידע געזעצט ביים מלאך אויף די שניי-ווייסע פליגלען: איינער שוואַרץ, ווי דער אָבגרונד אין ים, דער צווייטער קלאָר, ווי גאָטס שמייכעל; איינער מאוס, בע-וואָקסען און שוואַרץ, ווי אַ פערלאָזטע חיה, דער צווייטער לייכט און לופטיג ווי אַ וואָלקענדעל, ווי אַ שבועות-ווינדטעלע, ווי אַ שוועלבעלע.

דער מלאך האָט זיך אויפגעהויבען און רעכטס און לינקס איז זיי דורכגעלאָפען אַ ווינד ביי די באַקען. זיי האָבען צוגעמאַכט די אויגען און זיך לייכט, אָהן געריוש, געטראָגען צווישען נעבעל און ערד, אָבער פון אונטען איז זיי נאָכגעלאָפען דאָס וואַסער־פּאַטשעריי, פּונקט ווי אַ בייזע חיה און דעם רוח׳ס געלעכטער האָט געקלונגען אין די אויערן, ווי אַ ריזיגע גלאָק.

זיי זענען לאַנג געפלויגען מיט צוגעמאַכטע אויגען, אָבער דערנאָך, אַז זיי האָבען די אויגען געעפענט, האָבען זיי דערזעהן אַ נייע וועלט מיט נייע מענשען און אַ הימעל מיט נייע פאַרבען.

פון דעמדאָזיגען הימעל האָבען אַרויסגעלויכטען בלויע, רויטע און גרינע זונען...

אויף דער נייער ערד זענען געוואַקסען אומבעקאַנטע הויכע צוצווייגטע בוימער, בעלאָדען מיט די שמעקעדיגסטע פּירות און אונטער זיי זענען געזעסען ראָז־הויטיגע מענשען מיט ליכטיגע אויגען און געלאַכט מיט אַ זילבערנעם געלעכטער.

ביי מאַנכע אויף די קעפּ איז געשטאַנען אַ ווייס פויגעלע מיט צוגעמאַכטע אויגען, און פון זיין שנאָבעלע האָט אַזוי ווי געקאַפּעט מיט ליכטיגע טראָפּענדלעך אַ ווייך, האַרציג זמר׳ל...

אויף דער ערד זענען געלעגען רויטע, גרינע, בלויע שטראַהלען, וואָס האָבען זיך געפלאָכטען אין איינאַנדער, און זי, די ערד, האָט אויסגעזעהן ווי פאַרביג גלאָז געגען אַ פייער.

אָבער אויף דערדאָזיגער נייער ערד איז אפילו די לופט געווען אַ נייע: זי האָט געזעטיגט, ווי גוטע שפּייז און פער׳שפור׳ט, ווי טייערער ווייך.

און אפילו שטיינער האָבען אויסגעזעהן גליקליך. אויף אַלץ איז געלעגען אַ שטראַהל פון גליק: פון אַ מענשען ביז אַ בוים, פון אַ פויגעל ביז אַ גראָז, פון אַ קינד ביז אַ שטיין.

די שטראַהלען פון גליק האָבען זיך געהאַלטען אויף דער ערד אַזוי זיכער און פעסט, ווי דאָס ליכט פון טאָג, ווי דער בוי פון די הימלען.

און צאַרטע שטילע קלאַנגען זענען געפאַלען אויף דער ערד, ווי אַ זון־רעגענדעל, און מען האָט בשום אופן נישט געקאָנט

וויסען פון וואַנען זיי געהען און וואו איז זייער קוואַל.

זלמן האָט נאָר אויף איין רגע אָבגעצויגען דעם אָטעם אַ פינטעל געטהאָן מיט די אין זיך פערקוקטע אויגען און ווייטער דערצעהלט:

דער מלאך איז אַרויפגעפלויגען אויף די פאַרביגע הימלען־אָבגעבען גאָט אַ ראַפּאָרט פון זיין שליחות, און די בת־מלכּה מיט'ן גזלן האָבען זיך אַנידערגעזעצט אונטער אַ בוים מיט גאָל־דענע פּירות.

די בת־מלכּה האָט זיך פערקוקט אויף די בייע זונען, וואָס האָבען געשאָסען פון הימעל מיט פייערדיגע פאַרבען, און דער גזלן איז לאַנגזאַם איינגעשלאָפען.

לאַנג האָט די בת־מלכּה געקוקט אַנ'אומעטיגע צו די זונען און לאַנג האָט דער גזלן געשלאָפען. און דערנאָך, אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער געהאַט אַ בלאַס איידעל געזיכט.

—קינד, האָט ער פלוצלונג געזאָגט צו דער בת־מלכּה— איך האָב אַמאָל מיין אייגענע מוטער דער'הרג'עט און אַ קינד פערברענט... אָבער יענער, וואָס האָט עס געטהאָן, איז געווען אַנ'אַנדערער, נישט איך. איך בין איצט אַרויס פון יענעם, ווי אַ שטראַהל פון אַ וואָלקען. און מיר איז גוט. דיר איז אויך אַזוי גוט?

די בת־מלכּה האָט איהם נישט געענטפערט. אָהן ווערטער האָט זי אָנגעשפאַרט דעם קאָפּ אויף זיין אַקסעל און געווען איז זי נאָך בלאַסער, ווי אויפ'ן אָקרענט. די בלויע אויגען האָבען זיך איהר געשאָטענט פון אומעטיגע מחשבות און אויף די ליפּלעך האָט זיך איהר געלעגט אַ רחמנות'דיג וויין־קנייטשעלע.

שפּעטער, אַז אויפ'ן נייעם הימעל האָט זיך בעוויזען דער ערשטער גאָלדענער שטערען, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ גרויסע קרוין אויף אַ ריזיג־גרויסען טיש פון בלויען גלאָז, איז ווידער געקומען דער מלאך. די בת־מלכּה האָט פון דאָסניי דערשפּירט דעם קיהלען פאָך פון די צוויי שניי־ווייסע פליגלען.

ער איז געבליבען שטעהן אַנטקעגען זיי, עטוואָס העכער פון דער ערד.

—גאָט האָט מיך געשיקט פרעגן, וואָס פעהלט אייך. פוי

יענער פערשאָלטענער ערד זענען געקומען צוויי: דער בעסטער און דער ערגסטער. אָבער דער ערגסטער איז שוין איצט אויך דער בעסטער. ער איז אַזוי ווייט פון שלעכטס און זינד, ווי די נייע ערד פון דער אַלטער. נו, וואָס פעהלט אייך?

דער געוועזענער גזלן האָט אַרויפגעלעגט די הענד אויפ'ן האַרצען, אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און אַרויסגעזאָגט שטיל, ווי אַ תּפילה:

—מיר פעהלט גאָרנישט. איך בין גליקליך.

אָבער דער בת-מלכּה זענען די אויגען פערלאָפּען געוואָרען פלוצלונג מיט קינדישע טרעהרען, זי האָט זיך אויפגעהויבען און ציטריג געזאָגט:

—פיהר מיך צוריק צו דער פערשאָלטענער ערד... מלאך ליבער, מלאך קרוין, איך וויל אויף דער ערד...

—צו וואָס?—האָט איהר דער מלאך אָבגעווישט מיט אַ שניי-ווייסען פעדער די טרעהרען.—דאָרט געוועלטיגט איצט דער רוח. ער האָט שוין די ערד אויף שטיקלעך צובראָכען. שוין אודאי קיין זכר נישטאָ פון דער ערד. פאַרוואָס ווילסטו צוריק אַהין, אין טויט און וויסטעניש און רוח-געלעכטער. הויב-אויף די אויגען, און זאָלען זיי דיר ליכטיגער ווערען און בעדאַנק גאָט דערפאַר, וואָס דו ביזט אויסגעלייזט געוואָרען פון דער פערשאָל-טענער זינדיגער ערד.

—אָבער איך וויל אויף דער ערד... נעהם מיך צוריק אויף דער ערד,—האָט די בת-מלכּה געבעטען און נייע קינדערשע טרעהרען האָבען זיך איהר געוויזען אויף די בלויע פערשאָטענטע אויגען.

—בעדאַכט זיך,—האָט דער מלאך געזאָגט.

—ניין,—האָט זי געמאַכט אַ פּאָר טריט און האָט פונאַנ-דערגעשפּרייט דעם מלאך די פליגלען אויפ'ן רוקען.

אָבער ער האָט זיך איהר לייכט אַרויסגעגליטשט פון די הענד, ווי אַ ווינדטעלע, און איז אַוועקגעפליגען אויפ'ן הימעל.

און די מענשען, וואָס זענען דערביי געזעסען אונטער די בוימער, האָבען איינאַנדער געפרעגט:

—וואָס האָט דאָ געטהאָן דער מלאך, וואָס פאַר אַ שליחות האָט ער געהאַט?

און מאַנכע האָבען געענטפערט:

—וועניג מלאכים זעהען מיר אַ טאָג? וואָס חדוש'ט אייך דער איינער?

דער מלאך איז באַלד צוריקגעקומען, און נאָך איידער ער האָט זיך צוגעשטעלט, האָט ער שוין געהאַט אויסגעשפרייטע פליגלען.

—זעץ דיך,—האָט ער געזאָגט.

און אָט איז די בת-מלכה געפלויגען צוריק פון דער שע-נער נייער וועלט צו דער זינדיגער שוואַרצער ערד.

און ווידער האָט זיך געטראָגען אַ ווינד רעכטס און לינקס ביי די באַקען און ווידער האָט זי געהאַלטען צוגעמאַכט די אוי-גען. נאָר איצט האָט זי נישט דערקאָנט די ערד: נישט געווען קיין וועלדער, נישט קיין טייכען, נישט קיין בערג און נישט קיין שטעדט. אַלץ איז געווען צונויפגעוואָרפען אינאיינעם, ווי אַ גרויסע בעל-הבית'ישקייט נאָך אַ שרפה. און אויבען איז קיין הימעל נישט געווען.

ערגעץ אין אַ ווינקעל האָבען זיך געטוליעט די לעצטע צעהן מענשען מיט אַרויסגעשפאַרטע אויגען פון שרעק. אַרום און אַרום האָט געפלאַצט און געקנאַקט די ערד און אין די אויערן האָט געקלונגען ווי אַ ריזיגע גלאָק דעם טייוועלס ווילדער גע-לעכטער.

דערדאָזיגער געלעכטער איז געווען דער טויט, דער פיינ-ליכסטער סוף פון אַלץ און אַלעם.

די בת-מלכה האָט געציטערט פון קעלט און שרעק, אָבער זי האָט זיך צוגערוקט צום הייפעלע מענשען, צוזאַמענגעדריקט ווי שאָף אין אַ ווינד. זי האָט אַריינגעשטעלט איהר שמאָל אַקסע-לע צווישען זיי און דערמאָלט האָבען זיי זיך היימליכער בעוועגט, און איינער האָט געזאָגט:

—שטעה מיט אונז, אונז איז וואַרימער געוואָרען. אַ לייכ-טערן טויט וועלען מיר כאָטש האָבען.

אונטער די פיס האָט זיך געבראָכן דאָס לעצטע שטיקעל ערד און עס האָט זיך געהערט, ווי איין ים פערטרינקט דעם צווייטען.

ימים מיט ימים ראַנגלען זיך, דער רוח האָט אַריינגעלעגט אין זיי זיין בייזען גאַל, און אָט האָבען די ימים געעפענט די מיילער און ווילען איינשלינגען איינאַנדער.

און פון דער ערד האָט זיך אָבגעטראָגען דאָס לעצטע בי-סעל וואַרימקייט פון גאָט, פון די הימלען, פון דער פערלאָשע-נער זון...

נאָר אין דער אייגענער רגע, בשעת די פּאַטשעריי פון די וואַסערן און דער ווילדער געלעכטער פון רוח האָבען דערגרייכט די העכסטע מדרגה, האָט זיך דערטראָגען אַ ווייטער בת-קול, וואָס האָט ווי אַ וואַרימער גאָלדענער פּאַס דורכגעשניטען דעם שוואַר-צען גערויש פון דער איינגעפאַלענער ערד:

—רוח דו רוח, זאָל אויפהערען דיין געלעכטער און ווער אַנטרונען פון דער צוריסענער אויסגעמאַטערטער ערד!... גאָט קומט צוריק אויפ'ן אַלטען הימעל און זאָל פון דאָסניי אויפבלי-הען די ערד, ווארום דאָס שענסטע, וואָס גאָט האָט אין זיין אייביגקייט בעשאַפען—די בת-מלכה, טאָר נישט אומקומען מיט די לעצטע מענשען... רוח דו רוח, שטעל-אָב דיין שוואַרצע אַרבייט...

און אָט איז איבערגעריסען געוואָרען דעם רוח'ס געלעכ-טער, און אין דער ליכטיגער איינגעשטילטער לופט האָבען זיך פּלוצלונג בעוויזען מלאכים מיט לאַנגע טרומייטען אין די ראָזע מיילעכלעך: זיי האָבען געשפּילט גאָטס קומען צוריק אויף דעם אַלטען הימעל.

דער אַלטער הימעל האָט זיך פון דאָסניי אויפגעהויבען, ווי אַ בלויער פּרוכת איבער דער ערד, און אויף דער ערד האָ-בען זיך בעוויזען בערג און טהאָלען און טייכען און ימים און וועלדער, נאָך שענער, ווי פריהער.

און גאָטס וואַרימקייט האָט זיך פון דאָסניי דערשפּירט אויף דער אויסגעמאַטערטער ערד...

זלמן ווערט מיט אַמאָל אַנטשוויגען, פּונקט ווי דאָס טהי-רעלע אין קאָפּ, וואו עס וואוינען זיינע מעשה׳לעך, וואָלט זיך פּלוצלונג צוגעמאַכט. אין שטוב איז שוין פינסטער, און אין דער-דאָזיגער פינסטערניש איז איינגעפּאַסט זיין בלייך ווייבעריש פּנים, ווי אַ קאָפּ אָהן אַ גוף. און דאָס פּנים קוקט מיט שוואַרצע אוי-גענלעכער, אָנגעשטאָפּט אויגען. אין שטוב דערהערען זיך טריט פון געקומענע מענשען. עס הערען זיך דעם טאַטענס בייזע ברייטע טריט און דער מאַמעס פער׳דאגה׳ט טופּען ערגעץ אין אַ ווינ-קעל. אָבער די דריי זיצען אונבעוועגט: אַנ׳אַלטער און צוויי יונגע. ביי די קינדער ליגען די הענדטלעך איבערגעוואָרפען אויף די אַקסעלעך, די הייסע בעקלעך צונויפגערוקט, די מיילעכלעך אָפען און די מחשבות טראָגען זיי האַסטיג און שנעל אויף יענער בייער שענער וועלט, וואו מענשען זיצען אונטער הויכע בוימער און עסען גאָלדענע פּירות.ביידע קינדער פערשטעהען נישט דעם זין פון׳ם מעשה׳לע, אָבער דאָך פיהלען זיי, אַז די בת-מלכה האָט גוט געטהאָן, כאָטש ביידע האָבען צער דערפון, וואָס זי האָט אַזוי געטהאָן...

משה׳לע האָט טויזענדער קשיות צו שטעלען זלמנ׳ען, אָבער זלמן זיצט ווי אַ גרויסע קאַלטע אויסגעלאָשענע קויהל. עס דאַכט זיך, אַז ער איז אַ טויטער, און אַז ווען מען זאָל איהם אַ שטויס טהאָן, וועט ער אומפאַלען, ווי אַ זאַק, אויף דער פּאָדלאָגע.

—וואָס צינדט מען נישט אָן קיין פייער און וואָס מאַכט ער דאָרט משוגע די קינדער מיט זיינע מעשיות...—זאָגט משה׳-לעס טאַטע און זיינע טריט דערנעהנטערן זיך צום טיש.

אין זיינע הענד דערהערט זיך אַ בייזער קריץ פון אַ זאַ-פּאַלקע איבער אַ קעסטעלע, און באַלד צולויפען זיך, ווי גנבים די שאָטענס פון די וועגד און עס ווערט אונהיימליך ליכטיג אין שטוב.

די קינדער זענען אָבגעגאָסען געוואָרען מיט קאַלטער ביי-זער ווירקליכקייט און אין שטוב האָט זיך דערשפּירט דער אָטעם פון דער זינדיגער ערד אָהן אַ גאָט.

שבת.

זיבעטעס קאַפּיטעל.

אַ ליבער, אַ זיסער, אַ מחיה'דיגער טאָג איז שבת! שבת רוהען ערד און הימעל, וואַלד און טייך, גראָז און בוים, מענש און חיה און אפילו דער בורא-עולם רוהט. שבת איז אַ לאַנגער און אַ גאָלדענער טאָג, פונקט ווי גאָט וואָלט איינגעפּאַסט אין הימעל אַ נייע זון, אַ שבת'דיגע זון מיט נייעם ליכט און וואָלט צוגעגעבן דעם טאָג נאָך שעה'ן. שבת קלינגט אַ זיסע שטילקייט פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטען, אַ שטילקייט, וואָס מאַכט ווייך אויף דער נשמה און ציהט-אַרויף אַ לייכט-פריינדליכען שמיי-כעל ביי אַלעמען אויף די פּנים'ער, אפילו ביי די גוים. שבת זעהען-אויס די גוים, ווי יודען, און אָרימעלייט, ווי נגידים. שבת זענען בישטאָ קיין גנבים און קיין שלעכטע מענשען און אין אַ פרעמדער שטוב קאָן מען אַריין, פונקט ווי אין אַנ'אייגענער. שבת ווייזט-אויס די שטאָדט, ווי איין הויז מיט איין משפחה און די גאַס—ווי אַ לאַנג צימער אין דעמדאָזיגען הויז. שבת קאָן מען פיהלען דאָ, אויף דער וועלט, ווי עס איז געוואָרען לעדיג און האַלט דער גיהנם אויף יענער וועלט, און אַז מען זאָל אויפהוי-

בען די אויגען, קאָן מען זעהן, ווי רשעים שפּאַצירען-אַרום מהנות׳וויז איבער די בלויע וועגען פון הימעל און ציהען-אַב דעם אָטעם און רוהען זיך אויס פון זייערע גיהנם-יסורים. שבת גלעט די זון די באַקען און זי בעהעפט זיך מיט דער נשמה, און עס ווילט זיך נישט שרייען און עס ווילט זיך נישט בייזערן און עס ווילט זיך נישט טראַכטען קיין האַרבע און שווערע מחשבות, ווי זונטאָג, אָדער אַנ׳אַנדער טאָג אינדערוואָכען. רוהיג, מנוחה׳דיג, האַרציג, שבת׳דיג ווילט זיך זיין, ווי דער בוים, ווי דאָס גראָז אָדער ווי דאָס שבת-וועלכעלע אין טייך. אַלץ איז בעצויגען מיט אַ שבת-שמייכעל און מיט שטילען שבת-ליכט. שבת, שבת, שבת—טריפט פון די בוימער און פון אַלע פיר עקען וועלט. שבת, שבת, שבת—גלעט די לופט, און די שטראַהלען צו-לעגען זיך אין דער נשמה, ווי די העלסטע און דינסטע מאַי-קלאַנגגען.

אָבער אויף דעמדאָזיגען גאָלדענעם טאָג מוז מען וואַרטען גאַנצע זעקס טעג, און משה׳לען פּלאַצט טיילמאָל די געדולד. אין זיינע קינדערשע פּרעטענזיעס צו גאָט איז אפשר די סאַמע גרעסטע פּרעטענזיע די,—פאַרוואָס האָט גאָט בעשטימט בלויז איין טאָג שבת? וואָלט דען נישט גלייכער געווען, אַז שבת זאָלען זיין צוויי טעג אָדער דריי און אפשר די גאַנצע וואָך? וואָרום וואָס פאַר אַ רעה וואָלט גאָט געהאַט דערפון, ווען אַלע מענשען זאָלען רוהען און איבער דער וועלט זאָל זיין צוגאָסען איין שבת-לופט און איין שבת-שמייכעל?

שווער צו פערשטעהן גאָטס דרכים און מען מוז שווייגען. מסתמא ווייס גאָט בעסער וואָס ער טהוט. אָבער פאַרוואָס קאָן זיך נישט בערוהיגען דאָס הערצעל און פאַרוואָס בונטעוועט דאָס יונגע מח׳ל? זעקס שלעכטע טעג האָט גאָט געגעבען און בלויז איינעם אַ גוטען. פאַרוואָס? וואו איז דער ענטפער דער-רויף?

אויף דערדאָזיגער פּרעטענזיע קריגט ער אָבער קיין ענ-טפער נישט, און ער מוז זיך בענוגענען מיט דעם איין טאָג, ווי עס בענוגענען זיך, נישט-ווילענדיג, אַלע דערוואַקסענע. באַלד

נאָך וואַרמעס שיטען זיך אַרויס פון די קליינע הויפלעך יודען, ווייבער און קינדער, און אַלע שפּאַצירען אויף די הילצערנע טראָטואַרען, פאַרביי די הויפלעך, לאַנגזאַם און שטיל, אָהן ווער-טער, פערטראַכט מיט שטילע שבת-מחשבות, און עפּיס עהנליכעס איז פאַרהאַן צווישען זיי און די הייזלעך און די איינציגע בוימ-לעך, וואָס זעהען זיך וואו-נישט-וואו: אַלץ איז צונויפגעגאָסען אין איין מנוחה. און לאַנגזאַם שיטען זיי זיך אָהן אויפהער פון די הויפלעך אויף די שמאָלע טראָטואַרען און רוהיג פינטלען זיי אין דער לענג פון גאַס, אין דעם גאָלד פון טאָג.

און לאַנגזאַם שפּאַצירט אויך משה'לע מיט שיינדעלע'ן. זיי געהען ווייטער און ווייטער מיט דער אייגענער טאָטערשער גאַס, וואָס ליגט הינטער די פרייע ברייטע פעלדער, ווי אַנ'אָרימע קיך נע-בען ליכטיגע גרויסע זאַלען. פון די זייטיגע פעלדער, אַרומגעצוימט מיט לאַנגע הילצערנע פּאַרקאַנעס, וועהעט אויף זיי דער קיהלער ריח פון ראַסאַדע און יונגע מעהרעלעך. הויך אונטער'ן הימעל דרעהען זיך שוועלבעלעך, פייפען אַזוי ווי מיט מעטאַלישע פּיי-פעלעך און מאַכען דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטען נישט גע-פלויגען, נאָר לייכט געשליידערט געוואָרען, ווי קיילעכלעך, פון אַ נישט-געזעהענער האַנד. אויף זיי קוקענדיג, צולאָזען זיך אויך די גרויע צובלאָזענע ווערבייטשיקעס: זיי וואַרפען זיך אויך אין לופטען אַריין, ווי גוטע שווימער אין אַ טיפען וואַסער, האַסטיג און פרעהליך, און שיקען פון וועג איינציגע ליכטיגע טרעלען.

ביים טייך בלייבט שטעהן די טאָטערשע גאַס און געהט נישט ווייטער. ביי די גאָלדיג-זאַמדיגע ברעגען ציהט זיך דאָס וואַסער פון טייך, ווי צוויי שנירעלעך און אינמיטען געהען קליינע, זילבערנע וועלכעלעך, פּונקט ווי געשלייפטע און שטויסען איינע די אַנדערע און שפּילען מיט פּאַסיקלעך זון, פּונקט ווי זיי וואָל-טען געשלונגען שטיקעלעך גאָלד.

דאָ, אַז מען געהט-אַריבער דעם טייך, הויבט זיך אָן דאָס שענסטע, וואָס משה'לע האָט ביז אַהער געזעהן אין זיין לעבען: עס הויבט זיך אָן ל ו ד אַ מ ע נ ט. דאָס איז אַ גרויסע וויזע, בע-שאָטען מיט אַלערליי בלימעלעך, פּונקט ווי אַנ'אויסגענייהטע דע-

קע. איבער דער וויזע הענגט אַ גאָלדענער שבת און איבער׳ן שבת — אַ בלויער הימעל מיט אַ זון אינמיטען. רעכטס שטעהט דעם גלח׳ס גאָרטען מיט אַ לאַנגער שורה ליפּעס ביים שוואַרצען פּאַרקאַן, און דידאָזיגע ליפּעס זענען אַזוי הויך, אַז זיי צוטיילען דעם הימעל אויף צוויי העלפט. און דאָרט, ווייט, לינקס, פּונקט געגענאיבער דעם גלח׳ס גאָרטען, ליגען בעגראָזטע ערד-הייזלעך, און אַ קליינטשיק סאָלדאַטעל, פּונקט ווי אַ צאַצקע, אין אַ ווייסען העמדעל, שפּאַצירט-אַרום מיט אַ ביקס אויפ׳ן אַקסעל. דער דערבייאיגער טייך געהט רוהיג און שטרענג זיין וועג מיט אַ קיהלען אָטעם און דער בלויער הימעל שוועבט-מיט מיט זיינע קלאָרע וואַסערן. אויבען הימעל, אין טייך הימעל, אוןביידע קוקען זיך איבער ווי אַ טאַטע מיט אַ זוהן: דער הימעל—טאַטע, דאָס טייכעל—זוהן.

משה׳לע מיט שיינדעלע׳ן געהען ווייטער און ווייטער אין דער וויזע אַריין. פון יעדען בלימעל שלאָגט אַ בעזונדער ריח און דאָס גראָז דערגרייכט ביז צו די קניה. זיי זענען מיד פון זון-ליכט, פון בשמים-ריחות און פונ׳ם גרינעם גראָז-פאַרב. זעצען זיי זיך אַנידער און דערשפּירען אַ מחיה׳דיגע וואַרימקייט, וואָס געהט פון דער ערד דורך די גראָזען און בלומען. און מיט יעדען טראָפּעלע בלוט פיהלען זיי, אונבעוואוסטזיניג, אַזוי ווי חיה׳לעך, אַז אויף דער וועלט איז גוט צו לעבען, אַז זיי זענען אַ טייל פון הימעל, פון טייך און פון די גראָזען און אַז זיי זענען אויך אַ טייל פון גאָט, וואָס האָט עס אַלץ בעשאַפען.

גוט איז צו זיין אַ משה׳לע און אַ שיינדעלע אין אַזאַ שבת, אויף אַזאַ וויזע, נעבען אַ לאַנגען זילבערנעם טייך, וואָס ציהט זיך ווי אַ לעבעדיגער, אַ שטיל-ריידענדיגער, מיט שטיקער הימעל אויף זיינע קליינע שפּילענדיגע וועלכעלעך. דאָס קינדער-פּאָרעל פינטעלט לייכט און בעוועגליך אין דעם גרויסען דרויסען גאָלד, און אין זייערע אויגעלעך שלאָגט זיך אָב די זון און די מנוחה [פון שבת. גאָט אַליין, וואָס רוהט אַ גאַנצען שבת, קוקט-אַרויס פון זייערע אויגעלעך. ביידע לעגען זיך אינ׳ם שמעקעדיגען גראָז און קוקען, ווי ביהנען לויפען מיט אַ באַסיגען ברומען

פון איין בוימעל צו אַ צווייטען, ווי מהנות פליגען שטיפען אין זון און ליכט און ווי הויך אונטער'ן הימעל דרעהען זיך שוועל-בעלעך, ווי אין אַ טאַנץ, און פייפען ווי מיט מעטאַלישע פייפע-לעך. סאַמע איבער זייערע קעפ שווימען-אַרום קרעם-פאַרביגע שמעטערלינגען, פונקט ווי געמאָלטע און זייערע פליגעלעך זענען ענהליך צו אַ האַלזבאַנד. פון ווייטען טרינקט זיך אין'ם גראָז און בלומען אַ קורצפיסיגער הונד און זיינע צוויי שוואַרצע פייכ-טע גליקליכע אויגען, מיט וועלכע ער קוקט זיך אַרום, וואו אַ שפרונג צו מאַכען, ברענען פון ווייטען, ווי צוויי שוואַרצע פיי-ערלעך. צו אַ קליין הילצערן בריקעל, ביים טייך, איז צוגעבונדען אַ ווייס שיפעלע און לאַנגזאַם גליטשט עס זיך אַוועק פון ברעג און קומט צוריק, גליטשט זיך אַוועק און קומט צוריק, פונקט ווי אין אַ שפיל, און נישט ווייט שטעהט אַ יונג גימנאַזיסטעל, אָהן אַ היטעל, אין אַ ווייס העמדעל, און האַלט אונבעוועגט אַ לאַנגע ווענדקע אין דער האַנד. פון צייט-צו-צייט ציהט ער אַרויס אויף זיין דינעם פאָדים אַ צאַפּעלדיג פאַסיקעל זילבער און באַלד נאָכ-דעם טהוט אַ פייף דער פאָדעם אין לופטען און פאַלט צוריק אין וואַסער אַריין. טריט-ביי-טריט, פונקט ווי איבער אַ גלאַט שמאָל ברעטעל, געהט פון בערגעל, נעבען גלח'ס גאָרטען, אַ הויך בלאָנד קריסטליך מיידעל מיט אַ האַנטוך אויף די אַקסלען: אין לייכטע שוואַרצע שיכעלעך און שניי-ווייסע זאָקען געהט זי, מיט געמאָ-סטענע טריט, צו יענעם ווייסען הייזעלע, וואָס שטעהט אויף שי-טערע פאַליעס אין טייך. עטוואָס שפעטער דערהערט זיך אַ לייכט וואַסער-גערויש, און אַז מען קוקט זיך צו אַהין, זעהט מען ווייסען שוים און אַ ראָז שטיקעלע לייב...

—משה'לע,—זאָגט שיינדעלע פלוצלונג,—פערמאַך די אויגען, וועסטו זעהן גאָלדענע פויגעלעך...

און אַז משה'לע ענטפערט נישט, רוקט זי צו איהר בע-קעל צו זיינעם און פרעגט:

—משה'לע, מיר וועלען שטענדיג זיין אַזוי גוט?

—ווי?

—ווי איצט.

—מיינסט, ווי אַ שוועסטער מיט אַ ברודער?
—ווי אַ שוועסטער מיט אַ ברודער.
—שטענדיג.
—און אַלעמאָל וועלען מיר זיין צוזאַמען?
—אַלעמאָל.

שיינדעלע מאַכט-צו די אויגעלעך און לעגט-אַוועק דאָס וואַרימע בעקעלע אויף זיין האַלז.

—און, משה'לע,—פרעגט זי ווייטער מיט צוגעמאַכטע אויגען און אָטעמט איהם אויפ'ן האַלז,—וואָס וועלען מיר טהאָן, אַז מיר וועלען זיין גרויסע?

—מיר וועלען... מיר וועלען וואוינען אין אַ וואַלד.
—אַליין?
—אַליין...
—גאָר אַליין?
—אַליין. ניין, מיר וועלען מיטנעהמען זלמנ'ען...
—און דער מאַמען...
—און דער מאַמען.
—און דעם טאַטען...
—און דעם טאַטען.
—און אפילו חייקל'ען... דעם משוגע'נעם...
—און חייקל'ען.
—אַלעמען?..
—ניין, מיר וועלען זיין אַליין...
—האָסט דאָך ערשט געזאָגט, אַז אַלעמען?
—ניין, אַליין...
—בלויז מיר ביידע?
—מיר ביידע... שיינדעלע, מיר ביידע...

שיינדעלע הויבט-אויף דעם קאָפּ און פערטראַכט זיך מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג. דער גאַנצער הימעל ווערט קליין, ווי אַ פּינטעלע און פערקלייבט זיך צו איהר אין די אויגען אַריין.

—משה'לע,—פרעגט זי,—איז נאָך לאַנג צו וואַרטען?
—ניין...

—וויפיל יאָהר?

—וויפיל יאָהר?—משה׳לע פערטראַכט זיך און קאָן בשום אופן נישט בערעכענען.—אָבער דו ווייסט?—רוימט ער איהר איין אויפ׳ן אויער,—מיר וועלען זלמנ׳ען פאָרט נעהמען צו אונז. ער וועט וואוינען מיט אונז צוזאַמען און וועט אונז דערציילען מעשה׳לעך... ער האָט אַזויפיל מעשה׳לעך... זלמנ׳ען מוזען מיר נעהמען.

—אָבער ווען וועט עס זיין?—צוקען שיינדעלען די ליפּלעך פון אונגעדולד.

דער גימנאַזיסט ציהט-אַרויס פון וואַסער אַ צאַפּלענדיג פּאַ-פּיקעל זילבער, דאָס הויבע בלאָנדע מיידעל געהט-צוריק פון באַ-דען זיך מיט׳ן האַנדטוך אויפ׳ן אַקסעל און מיט דיזעלבע גע-מאָסטענע טריט; דאָרט, ווייט, אַרום די בעגראָזטע ערד-הייזעלעך שפּאַצירט נאָך אַרום דאָס קליינינטשקע סאָלדאַטעלע, פּונקט ווי אַ צאַצקע, אין אַ ווייס העמדעל מיט אַ ביקס; אונטער׳ן הייסען ליכ-טיגען הימעל דרעהען זיך שווּעלבעלעך, ווי אין אַ טאַנץ, און באָהנט צו דער ערד פלאַטערן אין לופטען קרעם-פאַרביגע שמע-טערלינגען, מיט פליגעלעך עהנליך צו האַלזבענדלעך. נאָר אַז מען מאַכט-צו די אויגען, זעהט מען באמת גאָלדענע פויגעלעך, דערנאָך רויטע, בלויע, גריגע און דערנאָך טויזענדער פייערלעך, וואָס צוקען און לעשען זיך און צינדען זיך אָן פון דאָסניי. און אויפ׳ן האַרץ איז לייכט, וואַרים און ליכטיג, פּונקט ווי דאָרט וואָלט געזעסען אַ שטיק זון, אַ טייל פון דער זון, וואָס גליטשט זיך איבער דעם בלויען שבת׳דיגען הימעל.

אַז די קינדער הויבען זיך אויף פון גראָז, רויטעלט זיך שוין דער הימעל, און די זון, ווי אַ גרויסער טעלער, אָנגעגאָסען מיט בלוט, נידערט פּאַמעליך אַראָב, פּונקט ווי זי וואָלט זיך גע-וואָלט אַרונטערגליטשען אונטער דער ערד. און וואָס ווייטער זי נידערט, אַלץ רויטער ווערט דער הימעל, וואָס זעהט-אויס ווי רויט גלאָז, הינטער וועלכען עס פלאַקערט אַ העליש פייער. אָבער אין דער פערטראַכטער לופט פּאָכען שוין די טונקעל-זיידענע פליגלען פון פאַרנאַכט.

די קינדער געהען-אַרויס פון דער וויזע, וואָס ענדיגט זיך מיט איין ברעג ביים סאַמע הימעל, דאָרט, וואו עס פערגעהט די זון. דערדאָזיגער ברעג איז פערגאָסען מיט רויטען ליכט, ווי מיט רויטען וויין. איבער׳ן קאָפּ טראָגען זיך שוין די ערשטע פלעדערמייז מיט אַזאַ אימפּעט, פּונקט ווי געוואָרפענע שטיינדלעך פון אַ שרעקליכער הויך. אָבער אויך אַזוי שנעל בעוועגען זיך אונטער׳ן הימעל די שוועלבעלעך, וואָס דערפּייפען איצט זייער לוסטיג און פרעהליך ליד. זיי פּייפען און טאַנצען אין דערלופטען, ווי קליינע שוואַרצע מלאכים׳לעך אַנטקעגען דעם הייסען דורכזיכטיגען בלוט פון דער אונטערגעהענדיגער זון.

שיינדעלע געהט משה׳לען ביי דער זייט, און אין איהרע ברוינע שוואַרצאַפּלען ברענען צוויי רויטע פּינטעלעך. רויטע שטראַהלען פלאַטערן איהר אויפ׳ן קליידעל, אויף אַ באַק און אויף איין זייט העלזעל. משה׳לע קוקט זי שווייגענדיג אָן און דאָס ערשטע מאָל פאַלט איהם איין, אַז זי איז שענער פון די וויזעבלימעלעך און נאָך שענער פון דעם זונאונטערגאַנג. דאָס דערשרעקט איהם עטוואָס. איהם דאַכט זיך, אַז זי אונגאַטירליך שען און אונבעוואוסטזיניג שפּירט ער, אַז דידאָזיגע שענקייט קאָן אַמאָל זיין אַ רעה פאַר איהם.

—שיינדעלע...—זאָגט ער—לאָמיר געהן פּאַמעלעך... וואָס איילסטו זיך?

איהם דאַכט זיך, אַז זי איילט, אַז עס ציהט איהר פאָראויס און אַז ער קאָן פערבלייבען הינטערשטעליג. אָבער איהם בערוהיגט איהר שמייכעל און די צוויי גרויע אויגען מיט די רויטע פּינטעלעך. דידאָזיגע אויגען קוקען אויף איהם מיט גרויס ליבע און דער שמייכעל גלעט איהם נישט בלויז די באַק, נאָר אויך די נשמה. און ער פיהלט, אַז דאָס איז אַ שוועסטערל, אַ שוועסטערל נישט פון איין טאַטען און מאַמען, וואָס איז אָבער אונפערשטענדליך ליבער פון אַ טאַטען און מאַמען און ליבער פון אַלץ אין דער וועלט. דאָס איז אַ שוועסטערל, וואָס איז אַ טייל פון איהם. איהר בלוט, איז זיין בלוט, איהר האַרץ, איז זיין האַרץ און אַז ווען ער זאָל זי פערלירען, וואָלט ער אויך פאַר-

לוירען דאָס טאָג-ליכט פון די אויגען. ער וואָלט דעמאָלט בלינד געוואָרען אויף די אויגען און אויפ'ן האַרץ.

—שיינדעלע...—זאָגט ער—אויב דו ווילסט, וועלען מיר מאָרגען אויך געהן אַהער.

—אָבער מאָרגען איז דאָך נישט שבת,—קוקט איהם שיינ-דעלע טיף אין די אויגלעך אַריין, ווי אַ גרויסע.

—נו, איז וואָס? זונטאָג טאָר מען דען נישט?—געהמט ער זי אָן ביים הענדטעל.

—אָבער זונטאָג זענען דאָך שלעכט די גוים...—רוקט זי זיך נעהנטער צו איהם.

משה'לע ווייס נישט וואָס צו ענטפערן דערויף, אָבער באַלד שפּרינגט זי איבער גאָר אויף אַן'אַנדער ענין און גיט אַ פרעג מיט אַן'אינערליכען שמייכעל, ווי אַ מענש, וואָס וויל לאַ-כען פון גליק און האַלט זיך איין:

—משה'לע, וואָס האָסטו ליבער פון אַלץ אין דער וועלט?..

—דיך...—ענטפערט משה'לע מיט אַמאָל, האַסטיג און פער-שטעהט נישט דאָס, וואָס ער ענטפערט, פונקט ווי דאָס בלוט וואָלט אין איהם געענטפערט אָהן דער דעה פון זיין שכל.

—און איך האָב דיך אויך ליבער פון אַלץ,—עפענט זיך ברייטער דער קוואַל פון איהר אינערליכען שמייכעל און זי בע-וועגט זיך, געהענדיג, מיט יונגע האַלבע בעוועגונגען און תנועות'-לעך פון אַ שפּעטערדיגער גרויסער פריילין.—אָבער זאָג מיר, וואָס האָסטו נאָך ליב?

משה'לע פערטראַכט זיך עטוואָס און ענטפערט שטיל:

—שוועלבעלעך...

—שוועלבעלעך,—חזר'ט שיינדעלע איבער און זוכט זיי אויפ'ן הימעל,—שוועלבעלעך... נאָך מיר האָסטו ליב שוועלבעלעך...—זאָגט זי מיט אַזאַ מינע, פונקט ווי זי וואָלט געווען אייפערזיכ-טיג צו זיי.

אָבער אין אַ ווײַלע אַרום פערטראַכט זיך משה'לע און זאָגט מיט אַ טאָן פון אַ בעל-תשובה:

—אָבער גאָט האָב איך ליבער פון דיר, שיינדעלע...

דאָס בעליידיגט זי נישט: זי ווייס, אַז גאָט בעדאַרף מען ליבער האָבען פון אַלץ, דאָך אָבער שטעלט זי דעם פּוס שוין נישט אַזוי האָפערדיג, ווי פריהער.

נאָך דער לוראַמענט-בריק, אַז זיי געהען-אַריין אין דער לאַגגער טאָטערשער גאַס, וואָס ליגט שוין אין קיהלע שאָטענס, שטעלט איהם שיינדעלע פלוצלונג אָב און זאָגט אַרויס ערנסט, מיט אַראָבגעלאָזטע אויגלעך:

—שווער מיר...

—צו וואָס שווערען?—דריקט ער מיט די אַקסלען.

—אַז דו האָסט מיך ליב...

—שיינדעלע...—קוקט ער זי אָן פערוואונדערט.

—אָבער אין די ביכלעך, וואָס דו לייענסט,—זאָגט זי מיט ברוגז׳דיגע ליפּלעך,—שווערט מען זיך אויך...

ערשט איצט פערשטעהט משה׳לע, וואָס זי מיינט, אָבער איהר שטימונג האָט זיך אַזוי ווי געענדערט. צי איז דאָ שולדיג גאָט אָדער די שוועלבעלעך—איז שווער צו וויסען. אין איהר, אין דער קליינינקער שיינדעלע׳ן, שלייפט זיך שוין דער כאַ-ראַקטער פון אַ פרוי, וואָס די ווערטער ליב, ליבער ווירקען אויף איהר, ווי אַ היפּנאָז, וואָס קאָן קיינמאָל גלייכגילטיג נישט פאַרביילאָזען פאַרביי אויער די קלאַנגען פון דידאָזיגע ווערטער.

—שווער מיר...—חזר׳ט זי איבער נאָכאַמאָל, אָבער מיט אַזאַ טאָן, ווי מען מאָהנט ביי אַ מענשען אַ חוב.

שיינדעלעס ליב, שען און גוט פּנים׳ל האָט פערלאָרען יע-דען שפּור פון גוטסקייט און איצט זעהט עס אויס שאַרף און ענטשלאָסען.

—אָבער... שיינדעלע...—פּרובט זיך משה׳לע ווערהען און לאָזט אַראָב די אויגען.

—ניין, ניין, שווער!—הערט ער קלאָרע ווערטער אין דער פּאַרנאַכט-לופט, פּונקט ווי אַן׳אַנדערע, נישט שיינדעלע, וואָלט עס געזאָגט.

משה׳לע פערקנייטשט עטוואָס דעם שטערען און ווייס נישט וואָס פאָרצונעהמען. אָבער סוף-כל-סוף שווערט ער איהר מיט הי-

מעל און ערד, לויט'ן מוסטער פון אַ ביכעלע, וואָס ער האָט ערגעץ געלייענט, און ערשט דעמאָלט לאָזט זיך שיינדעלע פובאַנדער מיט איהר שטענדיגען קלינגענדיגען געלעכטערל, מיט קלייניטשקע אויגען-שפּעלטעלעך, וואָס זענען איינגעזאַנצען בעשאָטען מיט פייער-שפּיזעלעך, און די גאַנצע משא פון איהר פריהערדיגען ערנסט פאַלט פון איהר אַראָב ווי אַ שטיין. איצט איז זי פון דאָסנייע די אייגענע לייכטע שיינדעלע, וואָס פריהער. זי נעהמט איהם פאַר'ן הענדטעל און שטעלט האפּערדיג ברייטע טריט, ווי אַ יונג גליקליך חיה'לע.

פערטראַכט און פּאַמעליך לעשט זיך דער שבת, ווי אַ גרויס הויך ליכט, וואָס דערברענט ביז'ן סוף. דער לעצטער פלאַם, דער לעצטער שיין ציטערט אין דער פערטראַכטער לופט. אין די ווינקעלעך הימעל טוקט ער זיך בלאַס, ווי ער וואָלט זיך געזעגענט מיט דער ערד, פּונקט ווי אַ בלאַס מיידעלע וואָלט זיך צוזעגענט מיט אַ הייסער און רוישיגער משפּחה. נאָך אַ קוק, נאָך אַ קוק און—אַדיע אויף אַ גאַנצע וואָך. אַהין, וואו די זון איז אַוועק, געהט אויך אַוועק דער הייליגער שבת. אין גאַס שפּירען זיך שוין די האַרבע סימנים פון נישט-ניחא'דיגען אינדערוואָכען. אַנדערש זעהען-אויס די יודען און ביין און ערב-שכור'לעך איז דער גוי, און אַז מען הויבט-אויף די אויגען, זעהט מען, ווי אויף די גרויע אומעטיגע וועגען פון די הימלען געהען-אום מחנות'ווייז רשעים. זיי געהען, ווי אַרעסטאַנטען, אין גיהנם אַריין מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ, ווי פער'משפּט'ע, מיט פערדריקטע ליפּען, ווי מענשען, וואָס דאַרפען באַלד איבערלעבען די גרעסטע און שווערסטע יסורים, און אַז מען זאָל גוט אָנשטרענגען דאָס אויער, קאָן מען הערען ווי עס גריילצען שווער די גרויסע גיהנם-טהירען. צי וועט אַמאָל משה'לע אויך אַריין אין דידאָזיגע גרויסע גיהנם-טהירען? עס בעפאַלט איהם אַ שוידער איבער'ן גאַנצען לייב.

געהענדיג לאַנגזאַם מיט שיינדעלע'ן אַקסעל צו אַקסעל, מיט דער וויזע אין האַרצען און מיט דעם גאָלדענעם שבת-הימעל אין דמיון, פערגעסט משה'לע, אַז מען בעדאַרף דאַוונען

מעריב, ווי ער פערגעסט, אַז מען בעדאַרף עסען, און אָט זעהט ער, ווי עס לויפען יודען פון מעריב—גרויע, שטומע, איילינע און וואָכעדיגע, און פערשווינדען אין די שמאָלע טונקעלע הויפען, ווי אין טיפע אָפענע מיילער. און באַלד לויפען זיי צוריק פון די הויפלעך, פונקט ווי אויסגעשפייטע, מיט קלינגענדיגע שלי-סלען אין די הענד, און איבער דער גאַנצער לענג פון דער גאַס ווערען מיט אַמאָל געעפענט קליינינשקע קרעמעלעך, בעלויכטען מיט קליינע פעררויכערטע לעמפלעך, און אין דעם מאָגערן שיין פון דידאָזיגע לעמפלעך קוקען נעבעכדיג אַרויס שטיקלעך קעז, אַלטע בויגעל, הערינג...

דאָס זענען די סאַמע שווערסטע און ביטערסטע מינוטען אין משה׳לעס יוגענד, מינוטען, וואָס מאַכען איהם וואונדען אין דער נשמה, און זיין אומעטיגע מחשבה פרעגט מיט ווער: צו וואָס בעדאַרף מען איינגאַנצען דעם שבת, וויבאַלד אַז ער לאָזט זיך אויס אַזוי וואָכעדיג, גרוי און אומעטיג?

אין די קליינע הייזלעך פינטלען, ווי געלע פלעקען, די אָנגעצונדענע לאָמפען, אויפ׳ן הימעל רוקען זיך כמאַרעס, ווי שוואַרצע בערג און אַ קאַלטער ווינד שניידט ראַפּטום דורך די לופט. פלוצלונג הויבט-אָן פאַלען אַ רעגען, אָהן הכנות, אָהן זו-מערדיגע דונערן און בליצען, אַ דראָבנער הערבסט-רעגען מיט קאַלטע טראָפּענס, וואָס שיטען זיך פויל אויף דער ערד מיט איין קלאַנג—זיפּ-זיפּ-זיפּ... נאָכ׳ן הייסען גאָלדענעם שבת קומט עפּיס אויס משונה אָט דער קאַלטער ווינד מיט די שוואַרצע כמאַרעס אויפ׳ן הימעל און מיט׳ן דראָבנעם איינטעניגען הערבסט-רעגענדעל, פונקט ווי זיי אַלע צוזאַמען וואָלטען זיך פון ערגעץ אָבגעריסען און געקומען אַהער אָהן שום צוזאַמענהאַנג מיט דער נאַטור. צי האָט עמיץ אויפ׳ן הימעל נישט קאַליע געמאַכט די מאַשין פון ווינד און רעגען אויס פערדרוס, וואָס דער ליבער שבת ענדיגט זיך? צי האָט עס נישט געטהאָן אַמאָל אַ רשע, וואָס איז געגאַנגען מיט אַ פערביטערט האַרץ אין גיהנם אַריין? אָדער אפשר איז דער בורא אַליין אומעטיג געוואָרען און האָט אַוועק-געמאַכט מיט דער האַנד די וואַרימקייט, מיט דער שענער זו-

מערנאַכט און האָט אָנגעשיקט אויף דער וועלט קאַלטען ווינד און הערבסטרעגען?..

נאָר משה'לע ראַטעוועט זיך פון די אָפענע קרעמעלעך און פון בייזען אינדערוואָכען און פון הערבסטרעגענדעל און פון דער אייגענער שווערער עבירה, וואָס ער האָט נישט געדאַוונט, ביי פייע'ן אין דער ליבער היימליכער שטוב, וואו עס שמעקט שטענדיג מיט דעם וואַרימען אָנגענעהמען ריח פון פרישען ברויט.

—איז אַז איז...—וואַקסט פּלוצלונג אויס דער משוגע'נער ברודער מיט שיינדעלעס אויגען און שמייכעלט ווי אַ מענש אָהן אַ גאַל.

און ביי פייע'ן איז, ווי אַלעמאָל, פערלאָפען דאָס קליינע פנימ'ל מיט פריינדליכע קנייטשעלעך. זי האָט נאָך נישט אויסגעטהאָן דאָס שבת'דיגע קליידעל און דאָס טיכעל אויפ'ן קאָפּ מיט די צוויי עקען און דעם קנופּ אונטער דער גאָמבע מאַכען זי אונגעוועהנליך מוטערליך און האַרציג.

—אַ, משה'לע איז דאָ!—שרייט זי אויס און פערמעהרט נאָך בעת מעשה די אונצעהליגע פריינדליכע קנייטשעלעך אויפ'ן פנים און דערנעהנטערט זיך צו איהם מיט יונגע גרויע אויגען, ווי ביי שיינדעלע'ן און מיט אַ געדיכטען ריח פון וואַרימען ברויט.—זעהר גוט! זעהר גוט! וועסט אונז עפּיס לייענען און דערנאָך—רוימט זי איהם איין אויפ'ן אויער—וועלען מיר עסען גוטע זאַכען...

משה'לע לויפט באַלד אַהיים, כאַפּט דאָרט עפּיס אַ ביכעלע, וואָס ער האָט נישט לאַנג געקויפט און לויפט צוריק צו פייע'ן. און אָט זיצט ער שוין פאַר'ן לאַנגען טיש, בעדעקט מיט דער ווייסער שבת'דיגער סערוועט און איז זיך מכין צו לייענען. אין דרויסען פאַלט דאָס דראָבנע הערבסט-רעגענדעל, וואָס ווערט פּלוצלונג איבערגעריסען פון אַ שטאַרקען ווינד אַזוי, אַז מען הערט ווי אין קוימען נעהמט קלאַפּען דאָס דעקעל, אָבער אין שטוב איז ליכטיג און וואַרים און היימליך און עס שפּירט זיך שוין דער אָנהויב פון יענער געשפּאַנטער שטילקייט, וואָס קומט אַלעמאָל פאַר משה'לעס לייענען.

—אָבער דו האָסט מיר געשוואָרען...—דערמאָהנט איהם פלוצלונג שיינדעלע אויפ׳ן אויער, מיט ברייט-אָפענע ערנסטע אויגלעך און ריהרט איהם אָן שטיף ביי די הענדטלעך.

משה׳לע הערט נישט איהרע ווערטער, אָבער פון איהרע ליפּען פערשטעהט ער, וואָס זי זאָגט, שאָקעלט ער איהר צו מיט׳ן קאָפּ און קוקט זי אָן טיף און אָנגעשטרענגט, פּונקט ווי ער וואָלט זי געוואָלט אַדורכקוקען ווי גלאָז:

—געשוואָרען... שיינדעלע, געשוואָרען... אודאי געשוואָרען...

שוין נאָכ׳ן לייענען און נאָכ׳ן עסען בעפאַלט משה׳לען פון דאָסניי דער פּחד, וואָס ער האָט נישט געדאַווענט—נישט קיין מנחה און נישט קיין מעריב. פון ערגעץ פאַלט אויף איהם גאָטס אַ שווערער קוק און ער פיהלט, אַז ער איז זעהר זינדיג. אַמאָל, אַז ער וועט שטאַרבען, וועט ער אויך געהן שבת-צו-נאַכט מיט די גרויסע רשעים אין גיהנם אַריין. אויפ׳ן שטערען טרעטען איהם אַרויס קאַלטע טראָפּענס שווייס, און ער זאָגט-אָב שטיל און גיך, מיט גרויס התמדה, פּונקט ווי ער וואָלט זיך וועלען ראַטעווען, זיין יודישע תפילה, וואָס קיינער ווייס זי ביי איהם נישט.

„רבונו-של-עולם! זיי מיר מוחל. איך האָב דיך ליב ווי מיין טאַטען און מאַמען און נאָך ליבער, און איך האָב פאַר דיר מורא. היינט האָב איך נישט געדאַווענט, אָבער ווייטער וועל איך אַלע טאָג דאַווענען פּינקטליך צו דער מינוט. גאָטעניו, איך האָב דיך ליב, ווי דער ווילנער גאון האָט דיך ליב געהאַט“.

אָבער דידאָזיגע תפילה, וואָס פלעגט איהם פריהער אַזוי בערוהיגען, און ער פלעגט פיהלען, אַז זי געהט גלייך צום הימעל אַרויף, ברענגט איהם שוין היינט נישט קיין מנוחה אין האַרצען. זי ווערט אַ געוועהנהייט, און צו-אָפט, ווידער, דאַווענט ער נישט. אָבער אין אַ ווייליע אַרום ווערט איהם דאָס הערצעל פּאָר׳ט צוגעפּאַסט צו גאָט, ווי עס ווערט צוגעפּאַסט אַ קלאַנג צו אַ קלאַנג אָדער ווי אַ קינד צו דאָס האַרץ פון זיין מוטער. וואָס דאָס קינד זאָל נישט טהאָן, איז דאָס אַלץ אַנ׳אייגען קינד און די מוטער בלייבט אַלץ אַ באַרמהאַרציגע און אַ גוטע, וואָס וועט

פערלירט דערביי, און די בעליידיגונג ווערט נאָך גרעסער.

—וואָס שטעהסטו דאָ געבען מיר?—זאָגט דער טאַטע מיט אויפגעהויבענע ברעמען, אַ סימן, אַז מען מוז תיכף אָבטרעטען פון איהם—איך האָב דאָך געזאָגט: זאָל ער פאָהרען... בעי קאָ־טאַ, ניע בעי קאָטאַ...

די מאַמע רעדט שוין מעהר נישט, אָבער משה׳לע ווייס שוין איצט זיכער, אַז ער פאָהרט צו דער באָבען. דידאָזיגע באָ־בע, דעם טאַטענס מוטער, איז אַן׳אומבעקאַנטע, משה׳לע האָט זי קיינמאָל נישט געזעהן, און דאָס ערשטע מאָל אין לעבען פאָהרט ער צו איהר. לויט משה׳לעס ידיעות, איז זי אַלט דרייאונצוואַנציג יאָהר, מען רופט זי שרה און זי וואוינט ביי אַ פעטער אינ׳ם שטעדטעלע ראַקובקע, פינף מייל פון משה׳לעס שטאָדט. אויב מען זאָל הערען דעם טאַטען, איז די באָבע שרה זעהר אַ וואוי־לע און זעהר אַ קלוגע יודענע, אָבער אַז מען זאָל הערען דער מאַמען, איז זי אַ שלעכטע און אַ פערביסענע, פונקט ווי דער טאַטע.

נאָר משה׳לען ווילט זיך פאָהרען נישט צוליב דער באָבען. די באָבע איז בלויז אַן׳אויסרייד. משה׳לע וויל פאָהרען צוליב הימעל און פעלד, צוליב זון און וואַלד, צוליב דערפעלעך און ווינדמיהלען, צוליב דעם בעל־עגלה און זיין פערד און צוליב די פינף מייל, וואָס האָבען אין זיין דמיון קיין סוף און קיין אויסלאָז נישט אַזוי, אַז אין דידאָזיגע פינף מייל מוזען אודאי איינגעפאַסט זיין ארץ־ישראל און מצרים און אַמעריקאַ. פאָהרען גאַנצע פינף מייל אַליין, אַ פרייע יונגעלע, אָהן טאַטע און מאַמע, אָהן שטרענגע השגחה־אויגען, בלויז אין רשות פון הימעל און ערד—דאָס איז דער גרעסטער תענוג, וואָס אַ מענש קאָן זיך פאָרשטעלען.

פאַרהאַן אפילו איין ווערה אין דעמדאָזיגען תענוג: ער וועט זיך בעדאַרפען שיידען מיט שיינדעלע׳ן. איז אָבער פאַרהאַן אויף דער וועלט אַזאַ שמחה, וואָס זאָל נישט האָבען אַ שטיקעלע צער אין זיך? פאָהרען פאָהרט ער אינגאַנצען אויף צוויי וואָכען און אויב ביי דער באָבען וועט איהם זיין פרעהליך און היימליך

און ליב, וועט מסתמא די צייט זעהר שנעל אַדורכלויפען, ווי ער ווייס עס פון זיין קינדערשער פראַקטיק, און אָט וועט ער ווידער זעהן שיינדעלע׳ן.

דאָס זעגענען זיך, דאָס ערשטע מאָל אין לעבען זעגענען זיך, וואָס דאָס טהוען אַזוי אָפט און מיט אַזאַ גאוה אַלע גרויסע, געהט-צו זעהר געשווינד: פון טאַטען—אַ פרעמדע האַנד מיט אַ קורצען בליק, אָהן שהיות, אָבער ביי דער מאַמען צוקט די אויבערשטע ליפּ, ווי זי וואָלט זיך מכין-געווען צו וויינען. דער מאַמען איז שטענדיג שלעכט. זי האָט שטענדיג גרייט אַ שטומען קוואַל טרעהרען אין די אויגען און ביי דער קלענסטער געלעגענהייט פערנעבעלט ער איהר די טרויעריגע שוואַרצאַפּלען, ווי דער אָטעם אַ שפּיגעל...

—פאָהר געזונד, מיין זוהן...—דערהערט ער הינטער זיך איהר קול, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט אַזויפיל וועה, פונקט ווי משה׳לע וואָלט געפאָהרען קיין אַמעריקע.

מיט שיינדעלע׳ן איז דאָס זעגענען זיך אַנ׳אמת׳ע פערשלעפעניש. זי לאָזט איהם נישט אָב, פונקט ווי אַ פרוי, וואָס איז אויפערזיכטיג, און לויפט מיט איהם צו די בעלי-עגלות. און דאָרט צוזעגענט ער זיך מיט איהר ערשט דעמאָלט, ווען ער בעדאַרף שוין אַרויפשטעלען דעם פוס אויפ׳ן אַקס, וואָס איז גראָב אָנגעשמירט מיט דזעגאַכטס. פריהער גיט איהר משה׳לע די האַנד, דערנאָך נעהמט ער זי אַרום, לעגט-אַרויף זיינע ליפען אויף איהרע, מאַכט-צו די אויגען און דריקט זיך צו איהר צו מיט אַ לאַנגען און אַ הייסען קוש. אָבער אַז ער עפענט די אויגען, זעהט ער, ווי אַ גרויסער ווייסער הונד מיט שוואַרצע פלעקען, קוקט זיך משונה צו צו דערדאָזיגער סצענע, פונקט ווי ער וואָלט קאָמיש געשמייכעלט. אויפ׳ן הויף איז אַ טאַראַראַם און אַ מהומה, ערגעץ שרייען האַלב-דערשטיקטע היהנער, אין אַ צווייטען אָרט פילדערן גענז מיט זייערע וואַסער-קולות; אין אַ דריטען אָרט קנאַקען יונגען מיט די בעלי-עגלה׳שע בייטשען; די פערד קאָפען מיט די פיס אין דער ערד און שמייסען מיט די עקען אַרום די בייכער; צושויבערטע ווייבער מיט בלויע ליפען

עס קיינמאָל נישט פערלאָזען. מיט קיין שום עבירה אין דער וועלט—פון קיין גרויסע עבירות וויים משה'לע נישט—קאָן מען זיך נישט אָבשיידען פון גאָט, ווי מען קאָן זיך נישט אָבשיידען פון דער אייגענער נשמה, און ער וועט שטענדיג און אַלעמאָל מוחל-זיין. ווארום גאָט אָהן מחלה און גוטסקייט לאָזט זיך קיינמאָל נישט פאָרשטעלען, ווי עס לאָזט זיך נישט פאָרשטעלען, אַז מען איז נישט גאָטס, אַז מען איז נישט זיינס אַ קינד.

און נאָך אַנ'עבירה שלאָפט משה'לע איין נאָך רוהיגער און לייכטער, פונקט ווי ער וואָלט געשפירט אויף זיך גאָטס מחילה און וואַרימקייט. און נאָכמעהר ווי אַנ'אַנדערש מאָל פיהלט ער זיך דעמאָלט אין דער לייטזעליגער שוץ פון גאָט, ווי אין אַ גאָלדענער שייד, ער בעקומט אין זיך עפּיס אַ זיכערקייט, אַז גאָט וועט איהם שוין אָבהיטען, אַז ער וועט אָבשוואַכען אין איהם דעם יצר-הרע, ער זאָל מעהר קיין עבירות נישט טהאָן און ער זאָל זיך מעהר נישט בעדאַרפען פייניגען דערפון.

די ערשטע נסיעה.

אַכטעם קאַפּיטעל.

פון מיינטוועגען זאָל ער פאָהרען...—זאָגט דער טאַטע, שטעהענדיג ביים פענסטער און אַריינקוקענדיג אין אַ נאָר-וואָס געקליפּטען ביכעלע מיט ראָזע פּאָדערבלעטלעך.

—דאָס ווייס איך, אַז פון דיינטוועגען מעג ער פאָהרען. זאָג, וואָס מעג ער נישט פון דיינטוועגען, וואָלט איך געוואָלט וויסען,—זאָגט די מאַמע מיט אַ טאָן פון פערביטערונג.

צי יום-טוב, צי שבת, צי אינדערוואָכען, צי גוט, צי שלעכט, צי פרעהליך, צי אומעטיג—די מאַמע רעדט שטענדיג מיט'ן טאַטען אין אַ טאָן פון פערביטערונג, פונקט ווי עס וואָלט זי שטענדיג געדריקט עפּיס אַ נישט-געשטילטע בעליידיגונג. דער טאָן איז אייגענטליך אַ צווייענדיגער: פאַרהאַן אין איהם פאָרוואורף, פאַרהאַן אָבער אויך שרעק. זי שרעקט זיך פאַר'ן טאַטען און קאָן קיינמאָל נישט אַרויסזאָגען אינגאַנצען, מיט אַ פול מויל דאָס, וואָס זי וויל. דער טאַטע איז שטענדיג שטאַרקער פאַר איהר, און אויב זי הויבט אויף אַמאָל העכער דעם טאָן, האָט זי שטענדיג חרטה דערויף, ווייל נישט זי געווינט, נאָר זי

און מיט קוויטשיגע קולות רייסען איינע פון די אַנדערע עפּיס אַ קויש; אַ גאָראָדאָוואָי, אין אַ ווייס העמדעל מיט אַ רויט רעוואָלווער-שנירעלע איפ'ן האַלז, שלעפּט מיט דער רוסישער ברכה אַ יודען אין צירקעל אַריין און צוויי יודען מיט אָנגעבויגטע קעפּ צעהלען איינאַנדער קופּערגעלד פון האַנד אין האַנד; אַ בעל-עגלה לויפט מיט אַן עמער וואַסער גלייך צו דער נאַרישער מאָרדע פון זיין פערד, פונקט ווי אויף אַ שרפה; פון אַ דערבייאיגען שפּייכלער וואַרפט מען שווערע קאַסטענס אויף דער ערד, און יעדער קאַסטען איז בעצייכענט מיט צוויי שוואַרצע פעטע אותיות: G. H.; דער געפּלעקסטער הונד קריגט פלוצלונג מיט אַ שטעקען איבער די פיס און אַ קליין מאָגער העהנדעל כאַפּט זיך ראַפּטום אַרויף אויף אַ פּאַרקאַן, פּאַטשט-אָן מיט די פליגלען און לאָזט-אַרויס אַ לאַנגען קוקערעקו סאַמע ביז דער לעצטער נאָטע. אין דער רעכטער מהומה וואַקסט-אויס אַן אַלטער יוד מיט אַ קאָלטונעוואַטער באָרד, וואָס עפּענט אַ ברייט מויל אָהן צייהן און צוגנעצט זיך מיט פערמאַכטע אויגען און מיט אַ ציטערן איבער'ן גאַנצען לייב. קושע דער בעל-עגלה, מיט וועלכען משה'לע בעדאַרף פאָהרען, אַ געלער יוד מיט אַ גרויסען רימענעם טייסטער איפ'ן בויך, נעהמט-אַראָב די טאָרבע האָבער פון זיין פערדס אויערן און בעת-מעשה רעדט ער צו די בעלי-עגלות מיט אַן אָבגעקעהרטען קאָפּ אַהינטער:

—נו, עולם, אין וועג אַריין. שוין שפּעט.

דער עולם ריהרט זיך אָבער נישט פון אָרט, און עס דויערט אַ שטיק צייט ביז עס נעהמט אַ סוף צו זייערע בעלי-עגלי'שע שמועסען און קריגערייען, ביז אַלע סחורות ווערען פערפּאַקט אין די לאַנגע וועגענס, ביז די פערד ווערען איינגעשפּאַנט און די פּאַסאַזשירען זעצען זיך אַוועק. ערשט דעמאָלט קריכט קושע אַרויף איפ'ן ברעג וואָגען, גיט אַ דרעה אין דער לופטען די בייטש מיט אַזאַ געשריי, אַז די לופט צוטרייסעלט זיך ווי פון אַ דונער, און די רויטע שקאַפּע, וואָס איז געוועהנט צו שווערע משאות, בויגט-איין דעם קאָפּ, ציהט-אויס די הינטערשטע פיס, ווי צוויי קרומע שטעקענס, און דער ערשטער הויזעריגער

סקריפּ פון די רעדער זאָגט-אָן, אַז דער לאַנגער בעלי-עגל׳ישער קאַראַוואַן לאָזט זיך אין וועג אַריין.

משה׳לע קעהרט-אָב דעם קאָפּ און וואַרפט אַ לעצטען בליק צו שיינדעלע׳ן. אויף איהרע לאַנגע ברעמען ציטערן קליינינקע פּערל, און אַז דידאָזיגע פּערל פאַלען-אַראָב און עס קומען אַנדערע — גרעסערע אויף זייער אָרט, פּערדעקט זי מיט׳ן הענדטעל דאָס פּנים, גיט זיך אַ דרעה-אויס און פּערלאָזט געשווינד דעם זאכסניא-הויף. און דערין, ווי אַזוי זי טהוט עס, ווי אַזוי דאָס קומט ביי איהר אַרויס, לאָזט זיך זעהן דאָס קינפטיגע שלאַנקע און בעוועגליכע מיידעל.

משה׳לע וואָלט אויך געוואָלט וויינען, אָבער אַז ער דערזעהט, ווי דער הימעל, דער ברוק אין גאַס און די צוויי שורות הייזער ביי די זייטען, נעהמען געהן צוריק, ווערט איהם דידאָזיגע שפּירונג צורונען. אַ מאָדנע זאַך: אַלץ בעוועגט זיך אויף צוריק. אַלץ, אפילו די לופט, וואָס ציהט זיך בעת-מעשה איבער די באַקען, ווי אַ ווייך און וואַרים וואַסערל, און עס דאַכט זיך, אַז מען שוועבט איבער דער ערד.

עס איז אָנגענעהם צו זיצען אין אַ לאַנגען וואָגען צווישען פּעסער הערינג און קאַסטענס טאַבאַק, צווישען פּעק מיט קנעפּלעך און געטריקענטע טאַראַנעס און צווישען מאָדנע משונה׳דיגע פּאַסאַזשירען, איבערהויפּט ווייבער, וואָס האָבען נאַרישע פּנימ׳ער און קוקען מיט טויטע אויגען אַרום זיך. פּאַמעלעך אַנטלויפען די גאַסען פון וואָגען, די פּערד קלאַפּען מונטער איבער׳ן ברוק, און אָט הויבט זיך אָן אַ ברייט פריי פעלד מיט אַ שטויביגען שליאַך אינמיטען. אין די געדיכטע קאָרנפעלדער, וואָס ליגען ביים וועג, ציהען זיך לאַנגע טעלעגראַפּענדראָטען אויף הויכע הילצערנע סלופּעס מיט ווייסע טעפּעלעך, און אויף דידאָזיגע דראָטען זיצען מאַנכע פויגעל און קוקען נישט מיט די אויגען, נאָר מיט׳ן שטומען שנאָבעל אין דער ווייטקייט אַריין.

פּונקט אַנטקעגען אויג געהט-אונטער די זון אין אַ רויטען ים, און די יי׳לען שטויב, וואָס די רעדער הויבען-אויף, זענען אַזוי ווי בעשפּריצט מיט בלוט. רויטע פינטעלעך טוקען זיך ביי

די נאַרישע ווייבער אין די אויגען. פון די פעלדער געהט-אויף אַ פרישקייט, אָנגעפילט מיט די געזונדטע ריחות פון תבואות און קרייטעכצער, און פון ווייטען דערטראָגט זיך דאָס פערטראַכטע ברומען פון אַ טשערעדע. ווייט אויפ׳ן וועג, אַנטקעגען דעם רויטען זונאונטערגאַנג, געהט אַ מענש מיט אַ שטעקען אין האַנד, און אויפ׳ן פאָן פון רויטען ים זעהט ער אויס קליין און שוואַרץ, ווי אַ געמאָלט שוואַרץ מענשעלע אויף אַ רויטען פאַפיר. דאָס-דאָזיגע מענשעלע געהט מיט זיין שטעקען אַזוי לאַנג, ביז ער געהט-אַריין אין רויטען הימעל אַריין, אַקוראַט אין יענעם אָרט, וואו עס פערגעהט די זון.

לאַנגזאַם לעשט זיך די רויטקייט, ווי אַ פייער אין אַ רויטען לאָמפ, וואָס האָט שוין נישט קיין נאַפט, די בעלי-עגלות געהען ביים וועג און שמועסען פון דזעגאַבטס, די רעדער סקריפען אונטער די שווערע וועגענס, אַלע פאַסאַזשירען טרייסלען זיך, פונקט ווי זיי וואָלטען זיצענדיג געטאַנצט, און דאָרט, ווייט, וואו די ערד שניידט זיך אַריין אין הימעל, קנוילען זיך ווייסע נעבלען און פון דידאָזיגע נעבלען שפּראָצט-אַרויס די ערשטע אָוונד-טונקעלקייט. ווי אַ רויך שפּרייט זי זיך שטיל און גנב׳יש צווישען הימעל און ערד וואָס ווייטער אַלץ געדיכטער און געדיכטער, און פּלוצלונג עפענט דער הימעל אַ גאָלדען אויג און קוקט-אַראָב דורך איהם גלייך אויף דער ערד, פונקט ווי ער וואָלט געזוכט אויף איהר אַ פערלאָרענע זאַך. דאָס איז דער אָוונד-שטערן.

די לעצטע רויטקייט זעהט נאָך משה׳לע אויף די שינעס פון אייזענבאַהן, וואָס לויפען ווי פערבלוטיגטע אין די טונקעלע וואַלען פון אָוונד. פאַר די שינעס שטעהט אַ שלאַגבוים מיט געמאָלטע סלופּעס—ווייס-בלוי-רויט, און דערביי זינקט אַ רויט הייזעל אין געדיכטע קאַרשענבוימלעך און קוקט מיט אַ צונטער-רויטען פענסטער אין דער שטומער ווייטקייט אַריין. דאָס איז די לעצטע רויטקייט, וואָס ווערט באַלד פערשמירט אויף גרוי-שוואַרץ. צו דעמדאָזיגען הייזעל ציהען זיך אויך טעלעגראַפען-דראַטען, פונקט ווי זיי וואָלטען איהם איינגערוימט אַ סוד.

וויפיל נייעסען, וויפיל אינטערעסאַנטע זאַכען די שטאָדט זאָל נישט האָבען, איז עס אָבער אַלץ אַ גאָרנישט פאַר משה׳לען אין פערגלייך מיט דעם פאַרבענשפיל פון די פעלדער און דעם ליכט-טויש פון די הימלען. אָבער פאַרהאַן דאָ נאָך אַ זאַך, וואָס איז נאָך אינטערעסאַנטער און ציהענדיגער פונ׳ם פאַרבענשפיל: דאָס איז דער סוד פון דער נאַטור. וואו מען זאָל נישט קוקען—צי אויף די פעלדער, צי אויפ׳ן הימעל, זעהט מען ווײלעוויז, ווי דאָרט ווערט עפּיס געענדערט. עפּיס ווערט דאָרט ווײלעוויז געבוירען און געשטאָרבען. אָבער ווי מען זאָל נישט אָנשטרענגען דעם מח און דאָס אויג, קאָן מען פאָרט נישט וויסען וואָס. און נישט דאָס ווינדטעלע איז בלויז ווינדטעלע און נישט דאָס וואָלקענדעל איז בלויז וואָלקענדעל און נישט אפילו דאָס גרעזעל איז בלויז גרעזעל. זיי זענען, אויסערדעם, נאָך עפּיס, אָבער מען קאָן נישט וויסען וואָס. זיי האָבען עפּיס אַנ׳אונבעקאַנטע שליחות און זענען דורכגעוועבט מיט סודות. פון יעדען גרעזעל שפּראָצט אַ סוד און אין יעדען וואָלקענדעל שפּילט עפּיס אַ געהיימניש. און נאָכמעהר: זיי אַלע זענען בעהעפט, פעראייניגט צווישען זיך, און זיי פערשטעהען אויך איינאַנדער אויף אַ בעזונדער לשון—זייער לשון.

די סודות, וואָס שווימען-אַרום אין דעם יונגען אָוועגד, זענען גרעסער פון משה׳לעס מח׳ל און ער שפּירט זיך מיד פון אָנשטרענגונג און טראַכטען, און מאַכט צו די אויגען. די פעלדער און דער הימעל געהען דעמאָלט אַריין אין איהם און ער קוקט אויף זיי מיט צוגעמאַכטע אויגען און פאָהרט מיט זיי אויף דעם לאַנגען וואָגען. ער זעהט זיי אין זיך אַקוראַט אין דעם אייגענעם פאַרב און ליכט, ווי אין דער מינוט, בשעת ער האָט צוגעמאַכט די אויגען, און דערדאָזיגער צושטאַנד איז אַזאַ מאָדנער, פונקט ווי משה׳לע וואָלט עטוואָס שכור געווען. און דעמאָלט שפּירט ער, אַז ער הערט אויך אויף צו זיין בלויז מענש, אַז ער איז, אויסערדעם, נאָך עפּיס, וואָס האָט אַ שייכות צו די וואָלקענדלעך און צו אַלץ, וואָס זיין אויג זעהט אין דער נאַטור.

פאַמעלעך דרעמעלט משה׳לע איין, אָבער מיט יענעם לייכ-

טען דרעמעל, ווען מען הערט, וואָס מען רעדט, ווען דער מח טראַכט און עס דאַכט זיך, אַז מען בעוועגט זיך און מען זעהט. אָבער דער דרעמעל שטאַרקט זיך, און אַז משה׳לע כאַפּט זיך אויף, דערזעהט ער פּלוצלונג אַנ׳אויסגעשטערנטען הימעל, וואָס הענגט איבער׳ן קאָפּ, ווי אַ שוואַרצע דעקע מיט גאָלדענע גלעקעלעך. פערד און וואָגען שטעהען נעבען אַ שוואַרץ הייזעל מיט ליכטיגע פענסטער, וואָס ליגט אין דער זומערנאַכט, ווי אַ שוואַרצע קאַץ מיט געלע גלעזערנע אויגען. אין דער ברייט-אָפּע-נער טהיר שטעהט קושע מיט דעם רייזעטאַש אויפ׳ן בויך און מיט דער בייטש אין דער האַנד און שרייט צו דעם צווייטען בעל-עגלה:

— טויזענד געשווירען צו דיינע פּיס, שלים-מזל! כאַפּ די קופּע היי... קיינער זעהט נישט...

די וויבער-פּאַסאַזשירען דרעהען זיך אַרום הייזעל, ווי קעלבער אָהן אַ פּאַסטוך און די פערד האַלטען די קעפּ אין שוואַרצע טאָרבעס און קייען מיט אַ מאָדנעם טעמפּען קלאַנג. נישט ווייט פון הייזעל שלאָפט אַ וואַלד. די בוימער שטעהען געטוליעט צו אייגאַנדער און איבער זיי ליגט די נאַכט אַ שוואַר-צע און אַ וואַרימע, פונקט ווי אַ מוטער איבער קינדער. אַז מען זאָל איצט, צום ביישפּיל, אַוועקגעהן טיף אין וואַלד, קאָן מען זיכער קומען צו אַ גלעזערנעם פּאַלאַץ מיט אַ שלאָפענדיגער בת-מלכה, אָבער פריהער קאָן מען אָנבעגעגענען אַ בער, צו אַנ׳אַנ-דער חיה, וואָס קאָן נאָך איינבייסען ביז טויט. ווי קומט מען אָבער פּאָרט צו דעמדאָזיגען גאָלדענעם פּאַלאַץ? דאָס איז אַ פיינלי-כער פערדרוס: פּאַר די אויגען ליגט אַנ׳אוצר און מען קאָן נישט צוקומען צו איהם. לויט זלמנ׳ס מעשה׳לעך געפינט זיך דער גאָל-דענער פּאַלאַץ נאָר אין דעם וואַלד. וואָרום אָט איז דאָס בער-געל פון יענעם מעשה׳לע און אָט איז דאָס הייזעל פאַר׳ן וואַלד און אָט איז דער ברונים מיט׳ן הויכען שטעקען און אָט איז אפילו דער וועג, וואָס לויפט-אַוועק לינקס צווישען צוויי שוואַר-צע שורות נידעריגע קוסטעס. עס פעלט דאָ נאָר דער רייטער מיט׳ן ביקס אויפ׳ן רוקען און דאָס יונגעלע מיט דער לאַמטער-

נע. אָבער אַ מאָדנע זאַך: דאָס אייגענע אָרט פּאַסט זיך אויך פאַר ארץ-ישראל. דאָס בערגעל קאָן, צום ביישפּיל, זיין דער מוטער רחל'ס קבר און דער וועג קאָן פיהרען קיין בית-לחם. דאָרט, ווייטער, שטעהט אַ בעזונדער בוים, וואָס זעהט-אויס ווי אַ צעדער, און רעכטס, אין טהאָל, ציהט זיך דער טייך, אַ בלאַסער, פונקט ווי דאָרט וואָלט געלעגען אַ לאַנג פּאַפּיר — און ער קאָן זיין דער ירדן...

בעוועגט פון טויזענדער מחשבות, שפּרינגט משה'לע אַראָב פון וואָגען. אויף דער ערד בעפאַלען איהם פערשידענע ריחות: אַ ריח פון היי און פון וואַלד, און אַ ריח פון זומערדיגען שטויב און פון יאַגדעס, און אַ ריח פון פערד און פון קושע'ן און פון דעם אַלטען הייזעל-געהילץ. דידאָזיגע אַלע ריחות זענען שטאַרק, ווי ווייַן, און עס דרעהט פון זיי עטוואָס דער קאָפּ. וואו מען זאָל נישט וואַרפען מיט אַן'אויג, איז נאַכט און הימעל און שטערען, און פון אַלע זייטען געהט-אויף אַ וואַרימקייט און אַ שטילקייט און די מענשען זעהען-אויס ווי שוואַרצע שאָטענס און מען הערט נישט זייערע טריט. און נאָר די ליכטיגע פענסטער פון'ם הייזעל, קוקען ווי געלע גלעזערנע אויגען ביי אַ שוואַרצער קאַץ, און זיי שטערען דאָ עטוואָס דעם טאָן פון דער נאַכט.

אויפ'ן שוועל פון הייזעל בעוויזט זיך קושע, פונקט ווי אין אַ שוואַרצער ראַהם, מיט אַ גרויסען ביסען אין מויל, און ער קייט אויך מיט אַזאַ קלאַנג, ווי די פערד.

—דו, קליינער,—גיט ער באַסיג אַ זאָג—עסען ווילסטו?..

משה'לע הויבט-אויף דעם קאָפּ. לויט'ן טאָן פערשטעהט ער, אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרען צו איהם, אָבער ער ענטפערט קורץ:

—ניין...

—פאַרוואָס ווילסטו נישט עסען?

—איך וויל נישט ...

—עפּיס זעהסטו מיר אויס פון די קלוגע, פון די-יעניגע... ווי רופט מען דיין טאַטען, האַ?—דרעהט זיך קושע לאַנגזאַם אויס, ווי אַ פערד, און געהט-אַריין צוריק אין הייזעל, נישט וואַרטעדיג אויף אַן'ענטפער.

משה'לע כאַפּט זיך דערוויַיל אַריבער אויף יענער זייט הייזעל. דאָרט שטעהט אַ קליין אָפען שטעלכעל מיט שלאָפענדיגע ווייסע ציגעלעך, און אַ בהמה, וואָס ליגט נעבען זיי, הויבט־אויף דעם קאָפּ און קוקט איהם אָן מיט גרויסע שוואַרצע פרעגענדיגע אויגען. פון ערגעץ וואַקסט־אויס, אָהן אַ שום שאָרך, אַנ'אַלטער גוטער הונד, פּונקט ווי אַ מענש, וואָס איהם שלאָפט זיך נישט, און שמעקט איהם לאַנגזאַם אַרום ביי די פיס, פּונקט ווי ער וואָלט זיך ווילען דערמאָהנען, צי ער קאָן איהם, צי נישט. און פּלוצלונג דערהערט זיך פון דעכעל אַ קוואָקעניש פון היהנער, פּונקט ווי אינדערוויַיטענס וואָלטען זיך ווייבער בייז איבערגעשמועסט און דער אַלטער דאָרפסהונד הויבט־אויף צום דעכעל דעם קאָפּ מיט עפּיס אַ מינע פון בטול. נאָכדעם נעהמט ער זיך פון דאָסניי אַרומשמעקן משה'לען און דאָס יונגעל גלעט איהם ביים קאָפּ, וואָס איז בעדעקט מיט אַלטע האַרטע פערשטויבטע האָהר. פון שטומען שלאָפענדיגען וואַלד קומען פערשטיקטע קלאַנגען און אין ראַנד פון טונקעלען הימעל גנב'עט זיך אַריין אַ בלאַסקייט, פּונקט ווי די נאַכט וואָלט דאָרט געעפענט אַ פענסטערל אין טאָג אַריין.

—האַוו, האַוו, האַוו!..—גיט זיך דער הונד ראַפּטום אַ ריס פון אָרט און האַקט זיך אָבער אָב מיט אַמאָל: קענטיג, פון אַלטקייט אַ טעות געהאַט און אָנגענומען אַ בוים פאַר אַ הויכען געהענדיגען מענשען.

נאָר באַלד דערויף דערהערט זיך קושעס זאַטער געדיכטער קול:

—עולם, וואו זענט איהר, מיר פאָהרען...

דער הונד, וואָס פערשטעהט שוין, אפנים, קושעס לשון, גיט אַ קראַץ מיט אַ הינטערשטען פוס דעם קאָפּ און געהט־אַוועק אָן אַ זייט, ווי איינער זאָגט: וואָס האָב איך מיט דיר וואָס צו טהאָן, אַז דו פאָהרסט דאָך אַוועק.

און אָט פאָהרט משה'לע פון דאָסניי אונטער אַ הימעל מיט גאָלדענע גלעקעלעך, וואָס ציהען זיך אויף צוריק, און אַז מען זאָל זיך גוט אָנשטרענגען, קאָן מען הערען, ווי דידאָזיגע גלעקעלעך קלינגען שטיל־שטיל... וואָס וויַיטער מען פאָהרט, אַלץ צוגעפּאַ-

סטער זענען די ערטער צו זלמנ׳ס מעשה׳לעך. אָט איז גאָר אַ הויכער באַרג, וואָס ליגט פֿערהילט אין נאַכֿט און איז עטוואָס בעשפּריצט מיט׳ן ליכֿט פֿון די שטערען. פֿון הינטער דעמדאָזיגען באַרג שווימט שטיל און פֿערבאָרגען אַרויס אַ קליין ווייס מייערל מיט שוואַרצע פֿענסטער און באַלד דערויף דערהערט זיך אַ באַסיג בילען פֿון אַ הונד אויף אַ קלינגענדיגער קייט. אָט איז אַ קליין טייכֿעלע מיט אַ בריקעל און דערביי ציהט זיך אַ דאָרף מיט צוויי לאַנגע שורות הייזער. אין דאָרף שלאָפֿען אַלע, נאָר פֿון צווישען די שיטערע פֿאַרקאַנעס קוקען הינד מיט בייזע פֿייערדיגע אויגען און מיט שניי־ווייסע בלישטשענדיגע צייהן.

די נאַכֿט זייהט איהר ווייכֿע שוואַרצקייט איבער אַלע עקען פֿון דער וועלט, און אַמאָל דאַכֿט זיך משה׳לען, אַז דאָס איז אַ שוואַרצע געשטאַלט, וואָס טרינקט שוואַרצען ווין פֿון אַ שוואַרצען בעכֿער. אַמאָל, ווידער, דאַכֿט זיך איהם, אַז דאָס איז אַ שוואַרצע געשטאַלט מיט שוואַרצע לאַנגע צובלאָזענע האָהר, וואָס שטעהט צווישען הימעל און ערד מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ און זוכֿט עפּיס אַרום זיך. נאָר גוט און זיס איז אין דער נאַכֿט, ווי עס איז גוט און זיס אין אַ מעשה׳לע אָדער אין דער ליבשאַפֿט צו שיינדעלע׳ן. טיילמאָל אָבער דאַכֿט זיך משה׳לען, אַז ער האָט נישט קיין עבר אין דער נאַכֿט, אַז ער איז איינזאַם און אַליין, ווי אַ גרעזעל, ווי אַ בוים, אָהן אַ טאַטען, אָהן אַ מאַמען און אפילו אָהן שיינדעלע׳ן. דאָס פֿריהערדיגע איז מיט אַמאָל איבערגעהאַקט געוואָרען און עס איז בלויז דאָ דאָס איצטיגע, דאָס היינטיגע—דאָס פֿאָהרען אויף דער גרויסער וועלט, וואָס האָט קיין אָנהויב און קיין סוף נישט. און דעריך, אַז עס איז טאַקי נישטאָ קיין אָנהויב און קיין סוף, האָט איהם איצט בעזונדערס איבערצייגט זיין נסיעה. פֿאָהרט ערגעץ אַ משה׳לע אין אַ לאַנגען וואָגען צווישען פֿעלד און וואַלד און ער געהערט צו קיינעם נישט און קיינער געהערט צו איהם נישט. און פֿון זיין עבר איז איהם נאָר געבליבען זיין נאָמען משה׳לע. אָבער באַלד דערשפּירט ער, אַז דאָס איז נישט אַזוי, אמת, זיין עבר איז אָבגעהאַקט געוואָרען, אָבער ער געהערט דער נ אַ כֿ ט. ער גע־

פינט זיך איינגאַנצען אין איהר רשות, ווי אַן'אָדלערל אונטער די ברייטע פליגלען פון זיין מוטער, ווי אַ קליין פישעלע אין אַ וואַסער, און זי וועט איהם זיכער בעהיטען און בעשירמען פון אַלדאָס בייז און שלעכטס. אָבער זי מוז איהם בעהיטען און בעשירמען, ווייל ער איז אַ יודיש קינד און זי איז אַ טייל פון גאָט... אין דער נאַכט איז אויך פאַרהאַן גאָט.

אין די סאַמעטענע האָהר פון דער נאַכט טריפט פלוצלונג אַריין עפּיס אַ גרויע ליכטיגקייט און מען ווייס נישט פון וואַנען, פונקט ווי אין הימעל וואָלט געעפענט געוואָרען אַ קליין לאָדענדעל. אַ שורה שטערענדלעך, וואָס משה'לע האָט פריהער לאַנג געקוקט אויף זיי, איז מיט אַמאָל פערשוואונדען געוואָרען טיפער אין הימעל אַריין. דאָרט, ביים ראַנד פון דער ערד קנוילט זיך אַ רויטער נעבעל און עפּיס שטאַרבט-אָב און עפּיס ווערט געבוירען. די גרויע ליכטיגקייט הויבט ווידער אָן טריפען גאָר אין אַן'אַנדער זייט, וואו עס איז פריהער שוואַרץ געווען, און דער רויטער נעבעל צעוואַקסט זיך. פונ'ם רויטען נעבעל שיילט זיך אויס אַ רויטער ברעג הימעל, אָבער די רויטקייט איז אַ פערשלאָפענע, אַן'אומעטיגע. אַלץ איז עפּיס ערנסט און אומעטיג, ווי פאַר אַ גרויסער געשעהעניש. די גאָלדענע גלעקעלעך ווערען בלאַסער און בלאַסער און רוקען זיך טיפער אין הימעל אַריין. פּאַרענט, רעכטס און לינקס ווערען פּאַוואָליע אויפגעדעקט בלאַסע און גרינע פענסטערלעך הימעל, פערשלאָפענע נעבעלדיגע. פעלדער, זאַמדיגע שטומע טהאָלען און איינציגע גרויע שטרוי-דעכלעך פון פויערשע הייזלעך. טויזענדער און טויזענדער בלאַסע פענסטערלעך ווערען שטיל און אונבעמערקט געעפענט אין הימעל, און די נאַכט ציהט זיך אַוועק אַ שוואַכע, אַ שטילע, פונקט ווי אַ געשלאָגענע. קליינע שטיקעלעך נאַכט ליגען נאָך פערגעסענע אונטער די בערג, אין די קוסטעס, אָבער דאָס שטרענגע בעגינען-ליכט בעפאַלט זיי ווי אַ חיה און דערשטיקט זיי אונטער זיך. פאַרהאַן עפּיס צער און וועה אין דער אַוועקגעהענדיגער נאַכט, וואָס קומט מיט אַזויפיל מאַכט און גלאַנץ. זי איז עהנליך צו אַ שענער רייכער פרוי, וואָס קומט-צופאָהרען אין קאַרעטען, צו-

פטר׳ט איהרע אוצרות און פאָהרט-אַוועק, אַ בעליידיגטע און אַנ-עלענדע אויף אַ גרוי וועגעלע, אין אַ ווייטען לאַנד, און קיינער בעווייגט זי נישט. זי פאָהרט-אַוועק איילענדיג, ווייל עמיץ טרייבט זי, און מאַנכע זאַכען פון איהר פריהערדיגער עשירות ליגען נאָך דאָ און דאָרט צעוואָרפען איבער דער ערד.

דער ראַנד פון הימעל רויטעלט זיך, נאָר אין גראָז איז שוין ליכטיג, און קלאָרע טויעלעך שמייכלען-ארויס, ווי גליקליכע פריהמאָרגען-טרעהרען. ווי שנעל דער טאָג געהט. ער געהט האַ-סטיג, גראָב, זעלנעריש, פעסט און זיכער, און עס דאַכט זיך, אַז מען הערט זיין אָטעם און זיינע שווערע טריט. ער געהט מיט אַ ליכטיגען בעזים אין דער האַנד און פערקעהרט אָהן רחמנות די לעצטע טונקעל-זיידענע שפורען פון דער שטילער לייכטער נאַכט. האַרט און שטרענג רייסט ער זיך אַריין אין דער מלוכה פון איהר שטילקייט, רופט-אַרויס דאָרט אַ צומישעניש, בעגיסט אַלץ מיט קולות און בעוועגונג און קעהרט אַלץ איבער קאַפּויר. ער קעהרט-איבער דעם באַרג, וואָס איז ביינאַכט אַנדערש געלע-גען, דרעהט-אום דעם בוים, וואָס איז פריהער אַנדערש געשטאַ-נען און שטעלט-איבער די פעלדער און די וועלדער און דעם טייך און אפילו דעם וועג, איבער וועלכען משה׳לע פאָהרט. אַלץ איז פערענדערט און איבערגעמאַכט—יעדעס גרעזעלע, יעדעס בוי-מעלע, יעדעס בערגעלע און יעדעס שטויבעלע, און עס איז נאָר אַ וואונדער, ווי שנעל דער טאָג מאַכט-דורך דידאָזיגע גרויסע אונבעגרייפליכע אַרבייט.

דרויסען איז שוין רעכט טאָג, נאָר די זון איז נאָך רויט, און זי שטעהט אויפ׳ן הימעל ווי אַ מאַט-רויטער פלאַם, ווי אַ רויטע לאַמטערנע, צוגעבונדען אויף אַ שנירעלע. אונבעקאַנטע פוי-געל פליהען איבער דעם וועג און וואַרפען-אַראָב אַ טרעל פון דערהויך, פונקט ווי אַ קאָלירט גלעזערן קיילעכעל. פון די הייזלעך און דערפלעך, וואָס שווימען פלוצלונג אַרויס ווי פון אונטער דער ערד, שפרינגען-אַרויס איינציגע פויערים אין גראָבע ליי-וונטענע העמדער און ווערען תיכף פערפאַלען אין די שווערע צייטיגע תבואה-פעלדער, ווי אין אַ גאָלדענעם וואַסער. יעדעס

דאָרף, וואָס מען פֿאָהרט פֿאַרביי, גיסט-אָב האַסטיג און אָבגעהאַקט מיט די קולות פֿון היגד, היהנער און חזירים, און אומעטום, וואו עס הויבט זיך אַ שטויב פֿון דער ערד, בלייבט אָדער רויטעלט זיך אַ זייט פֿון אַ בהמה. עס געהען טשערעדעס אויף פּאַשע, עס סקריפּען פֿרעמדע, נישט בעל-עגלה'שע וועגלעך, עס קרעכצען די לאַנגע שטעקענס פֿון די ברונימער און פֿון מאַנכע קוימענדלעך שפּראָצט-אַרויס אַ בלויער רויך, ווי אַ שלאַנקער לופּטבוים. אָבער דאָס אַלץ האַלט פֿעסט דער טאָג אין זיין קיהלער פֿריהמאָרגען-האַנד, פֿון וועלכער זיי וועלען שוין, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט אַרויספֿאַלען.

די ערד וויקעלט זיך און וויקעלט זיך אונטער די רעדער ווי אַ ריזיגער קנויל, וואָס עמיץ דרעהט פֿון אונטען, און פֿאַר די אויגען קומען אַלץ נייע בילדער, נייע פֿעלדער און וועלדער, נייע וועגען און דערפֿער מיט קליינינטשקע איינזאַמע קלויסטערלעך. טיילמאָל קומען פֿאַר די אויגען אַזוינע אויסטערלישע לאַנדשאַפֿטען, אַזוינע מאָדנע אייגענאַרטיגע ווינקעלעך און שטעגעלעך, וואָס משה'לע האָט זיי געזעהן אַמאָל אין חלום אָדער אין זלמנ'ס אַ מעשה'לע, און דעמאָלט דאַכט זיך איהם, אַז ער איז דאָ געווען און נישט געוועזן, אַז זיי זענען בעקאַנט און נישט-בעקאַנט. על-פּי-רוב זענען דידאָזיגע ווינקעלעך און שטעגעלעך זעהר שטילע, רוהיגע און אונשולדיגע און עס דאַכט זיך, אַז גאָט געהט איבער זיי, באַלד ווי ער לאָזט זיך פֿערבאָרגען אַראָב פֿון הימעל. פֿאַרהאַן שטעגעלעך מיט אַ שטיל וואַסערל, פֿאַרהאַן בערגעלעך מיט אַנ'איינצעלנעם בוימעלע און פֿאַרהאַן מנוחה'דיגע וואַלד-ווינקעלעך, וואָס ליגען אונטער אַ שווייגענדיגען שאָטען, ווי אונטער אַ זיידענעם פֿליגעלע. קיין מענשליכער פֿוס טרעט נישט איבער זיי, קיין מענשליכער קול שטערט זייער שטילקייט נישט און זיי אַלע חלומ'ען אַ שטילען גאָט-חלום. דורך זיי קאָן מען אפשר אַרויף אויפֿן הימעל און דורך זיי קאָן מען אויך פֿון הימעל אַראָב אויף 'ער ערד.

קוקענדיג אויף דידאָזיגע ווינקעלעך, פֿערוויילט זיך משה'לען דאַוונען, און ער הויבט-אָן זאָגען פֿון מה-טבו מיט אַזאַ

שטילען און האַרציגען טאָן, פונקט ווי מען דערצעהלט עפּיס אַ זיסען סוד פאַר אַ ברודער. די ווערטער פליסען איהם לייכט פון דער צונג, און עס דאַכט זיך איהם, אַז גאָט, וואָס איז נישט לאַנג אַרומגעגאַנגען איבער דעם בערגעל מיט דעם בוימעלע, איז אַריין צו איהם אין וואָגען, האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבען איהם און הערט מיט ליבע אויס, וואָס דאָס יונגעל דערצעהלט מיט די ווערטער פון דאַוונען. דאָס דאַוונען הערט-אויף צו זיין אַ לויב צו גאָט, נאָר עס ווערט אַ טיפע דאַנקבאַרקייט פאַר דער נאַכט, פאַר די שטערען און פאַר די זיסע שפּירונגען, וואָס דאָס יונגעל האָט איבערגעלעבט. און נאָכדעם, אַז ער ענדיגט, קוקט ער זיך אַרום, פונקט ווי ער וואָלט זיך צוזעגענט מיט גאָט, וואָס געהט צוריק אַרויף אויפ׳ן בערגעל מיט׳ן בוימעלע, און ער קוקט איהם נאָך אַ גליקליכער און אַ רוהיגער.

די זון איז שוין נישט מאַט-רויט. איצט איז זי שוין אַ גאָלדען אימפּעט-פערד, אויף וועלכען עס רייט הילכיג דער טאָג מיט אַ לאַנגער שטראַהלען-בייטש אין דער האַנד, און עפּטער כאַפּט די ערד אַ הייסען פייערדיגען שמיץ.

אָבער דאָס פייער שטאַרקט זיך. עס דאַכט זיך, אַז עס איז קיין לופט נישטאָ, נאָר בלויז ווייס פייער, וואָס שטעהט צווישען הימעל און ערד, און דער הימעל דעקט עס צו, עס זאָל נישט אָבקיהלען. משה׳לע מאַכט-צו די אויגען פון היץ און ליכט, וואָס דרינגען איהם אַדורך דעם שאַרבען פון קאָפּ. דער לאַנגער בעל-עגלה׳שער וואָגען געהט ווי אין אָפענעם פייער, און אַלץ ברענט: קושע ברענט און די ווייבער-פּאַסאַזשירען ברענען און דאָס פערד ברענט. אָבער עס איז דאָך אָנגענעהם און דער תּענוג פון פאָהרען איז נאָך גענוג שטאַרק. פאַרהאַן נאָר איין פעהלער: דאָס ליכט איז געוואַלטיג גרויס און לאָזט נישט האַלטען אָפען די אויגען. אָבער מיט צוגעמאַכטע אויגען קאָן מען אויך אַלץ זעהן און נאָך אפשר בעסער, ווי מיט אָפענע.

בייטאָג שטעלט מען זיך ווידער אָב פאַר אַ קיהל וואַסערל מיט אַ קליין נידעריג הייזעל. פאַר דער טיר פון הייזעל שטע-העז צוויי קליינע פויערשטע מיידעלעך מיט ווייסע האָהר און

מיט פינגער אין די מײַלעכלעך. אײנס פון זײ צולאַכט זיך פּלוצלונג און אַנטלױפט און דאָס צװײטע זעצט זיך אַנידער אױף דער ערד און נעהמט װאַרפען שטײנדלעך אין װאַסער אַרײַן. אױפ׳ן שװעל בעװײַזט זיך אַ גרױסער סאָלידער הונד, די פאָדערשטע פיס אױסגעצױגען, דער קאָפּ אױפגעהױבען מיט אַזאַ מינע, פונקט װי ער װאָלט זיך רוהיג בעדאַכט, צי דער עולם מיט די פערד זענען אָנשטענדיגע, צי נישט. פון ערגעץ שפּרינגט אַרױס אַ קעלבעל און לאָזט זיך אַװעק איבער׳ן פעלד מיט אַ פעררױסענעם עק און מיט פערבױגטע פיס אונטער׳ן בױך, פונקט װי עס װאָלט מיט אַמאָל משוגע געװאָרען פון שמחה. די פערד ציהען מיט די אױערן און שמײַסען כּסדר מיט די עקען די בײַסענדיגע פליגען, װאָס לאָזען זײ נישט אָב אױף אַ רגע. די דאָזיגע שרעקליכע בײַסער, די פליגען, האָט משה׳לע בעמערקט, לױפען מיט די פערד נאָך פון שטאָדט אָן און נישטאָ, קענטיג, קײן שום תּרופה צו זײ.

בײַם װאַסערל װאַשט זיך משה׳לע אָב דאָס געזיכט און געניסט עפּיס צום ערשטען מאָל פון זײַן קלײן פעקעלע, װאָס ער פיהרט מיט זיך. קושע, װאָס איז שױן לאַנג אַראָב פון װאָגען, דרעהט זיך אַרום בײַם טײַכעל מיט אַ ברױטעל אין אײן האַנד און אַ הערינג אין דער צװײטער. מיט׳ן מױל רײַסט ער, װי אַ חיה, שטיקערװײַז פון בײדען און בעת-מעשה דרעהען זיך איהם די אױערן, װי קאָלבעס אין אַ ראָד. און מיט אַנ׳אָנגעשטאָפּטען מױל גיט ער אַ זאָג צו משה׳לען:

—װאָס טראַכסטו אַזױפיל... מאַך מיר אַ רעגען...

נאָר אױף קושע׳ן איז זיך נישטאָ װאָס צו בעלײדיגען. קושע איז שױן אַזאַ מענש: ער האָט ליב צו עסען, שרײַען און אָבלאַכען פון יענעם. אַ מענש איז בײַ איהם אַלץ אײנס װי אַ הונד, װעלכען מען קאָן געבען מיט׳ן פוס אין זײַט אַרײַן. דער שװײס רינט איהם איבער׳ן פנים װי מוטנע רעגענטראָפּענס, אָבער דאָס ברױטעל מיט׳ן הערינג װערען קלענער און קלענער.

אין דער גרױסער היץ היט-אָב דאָס װאַסערל זײַן קיהלקײט, און עס שלענגעלט זיך צװישען די פעלדער, װי אַ שטיק

צאַפּעלדיג זילבער. עס איז גוט צו ליגען דערביי מיט צונגעמאַכטע אויגען און זיך צוהערען, ווי עס ברומען אין גראָז פאַרשידענע פליגעלעך און ווי אַ וועלכֿעלע גיט וואו-נישט-וואו אַ וואָרקע צום ברעג, ווי אַ טויב. אָבער לאַנג קאָן מען נישט הערען דידאָזיגע קלאַנגען, ווייל זיי פערשלעפערן, ווי ווין. און משה׳לע, וואָס האָט נישט לאַנג צוגעביסען, פערוואַרפט דעם קאָפּ אינ׳ם פרישען גראָז, וואָס שמעקט עטוואָס מיט וואַסער, און בלייבט ליגען אונבעוועגט, ווי אַ שטיין.

אַז ער כאַפּט זיך אויף, שפּירט ער, ווי די זון האָט איהם אויסגעברענט דעם שטערען, אָבער אויפ׳ן וואָגען שטעהט קושע, אַ הויכֿער און אַ שוואַרצער, ציהט די לייצעס און דרעהט אין דער לופטען די בייטש. משה׳לע איז באַלד אויף די פיס און לאָזט זיך לאַנגזאַם געהן נאָכ׳ן סקריפּענדיגען וואָגען.

—פינף מייל,—טראַכט ער—און מען פאָהרט אַזוי לאַנג. די וועלט איז אַזוי גרויס...

די פערד ציהען די וועגענס מיד און שווער, און ביי די זייטען געהען די בעלי-עגלות מיט די בייטשען אונטער די אָרעמס. צווישען זיי באָמבעלט זיך אַ קליין בעל-עגלה׳לע, כמעט אַ יונגעל, מיט אַ לאַנגען פאַפּיראָס אין מויל און מיט אַ היטעל איבער די אויגען.

די זון וויל שוין ווערען צוריק אַ רויטע, ווי נעכֿטען. אַ גאַנצען הימעל איז זי דורכֿגעגאַנגען, און איצט פערקירעוועט זי זיך אין יענע הימעל-געסעלעך, וואָס פיהרען צום ראַנד. עטליכֿע וואָלקענדלעך ווערען בעצייטענס רויט און פּוצען-אויס אַ וועג פאַר איהר. דער טאָג, וואָס האָט זיך אַזוי מעכטיג אָנגעהויבען, האָט אויך אַ סוף, און אין דער ריינער לופט שטאַרבט-אָב זיין ליכט צוזאַמען מיט זיין היץ. עס איז נאָך ווייט צו נאַכט, דער פאַרנאַכט איז נאָך אפילו נישט געקומען, אָבער דאָך פיהלט זיך שוין דער קלאַנג פון דער ווייטער נאַכט-קאַרעטע: זי פאָהרט ערגעץ אויפ׳ן הימעל און דערנעהנטערט זיך צו דער ערד.

משה׳לע זעצט זיך צוריק אין וואָגען, אָבער די פערד הויבען זיך אויף אויף אַ באַרג. זיי סאָפּען שווער, טראָגען מיט

די בייכער, שאָקלען מיט די קעפּ, ציהען די אויערן און שטע-לען זיך צו עטליכע מאָל פון מידקייט. אָבער אַז זיי קריגען זיך אַרויף אויפ׳ן באַרג, וואַקסט-אויס פּלוצלונג אַ קרעטשמע מיט אַ גאַל יודעל אויף דער שוועל. פון די פענסטער קוקען פּנימ׳-לעך פון יודישע קינדער, און ביי דער פריזבע פון הייזעל קלאַ-פּען זיך אָן מיט די הערנער צוויי ווייסע ציגען.

—הענאַך!—שרייען די בעלי-עגלות צום יודעל—טראָג אונז אַרויס צו גלעזלעך... אַ שרעקליכע היץ היינט געווען. קוים דער-פאַהרען.

הענאַך קומט באַלד אַרויס מיט אַ גרינגליך פלעשעל שנאַפּס און אַלע בעלי-עגלות טרינקען פון איין גלעזעל. דער לעצטער טרינקט דאָס יונגעל און פערקרימט זיך פונקט ווי די גרויסע. ער איז צופרידען, וואָס ער האָט גראָבע שמוציגע הענד, גרוי-סע שטיוועל, אַ בייטש אונטער׳ן אָרעם און אַ היטעל איבער די אויגען.

—און עפּיס צובייסען, ווילט איהר נישט?—פרעגט הענאַך און קוקט אויף דער לעדיגער פלאַש אין דער האַנד.

—וואו, אָט איז דאָס שטעדטעל,—זאָגט קושע און ווישט-אָב מיט׳ן אַרבעל די וואָנסען.

משה׳לע הויבט-אויף די אויגען און זעהט פון ווייטען קליי-נע הייזלעך, וואָס ליגען, ווי אַ סטאַדע גרויע שעפּסען מיט אַ שפּיץ פון אַ קלויסטערל אינמיטען. פוןביידע זייטען שטעהען צוויי וועלדער, איינגעהילט אין אַ בלויען רויך. משה׳לען גלויבט זיך נישט, אַז דאָס איז דאָס שטעדטעל: עפּיס איז עס ענהליך צו אַ דאָרף, וואָס ער איז שוין איינמאָל פאַרבייגעפאָהרען. אָבער די ווייבער-פּאַסאַזשירען מאַכען זיך צורעכט די טיכלעך אויפ׳ן קאָפּ, צעהלען-אויס מיט די אויגען די פּעקלעך, וואָס זיי פיהרען און קוקען מיט אונרוהיגע צופרידענע בליקען אַהין, וואו עס ליגט די גרויסע סטאַדע שעפּסען.

די פערד, דערשפּירענדיג די היים, ריהרען זיך מוטיגער פון אָרט. דאָס געפּעק, וואָס איז צוטרויסעלט געוואָרען פאַר די פינף מייל, וויל אַראָבשפּרינגען פון וואָגען. אָבער קיינער קוקט

זיך נישט אום דערויף, און קלאַפּענדיג און טראַסקענדיג רייסען זיך אַריין די פוהרען אין שטעדטעל אַריין מיט געשרייען און פּייפעריי פון די בעלי-עגלות, און צו משה׳לען שווימען-צו שפּי-לע שמאָלע געסעלעך, געל-בערדיגע יודען און מעוברת׳ע ווייבער. אַראָבשפּרינגענדיג פון וואָגען, בעפאַלען משה׳לען צוויי געדאַנ-קען מיט אַמאָל.

איינער:

—אָבגעפאָהרען פינף מייל און קיין איין גזלן נישט גע-זעהן.

און אַ צווייטער:

—דאָ איז דער טאַטע געבוירען געוואָרען...

ניינטעס קאַפּיטעל.

בײ דער באָבען.

משה'לע צוקושט זיך מיט'ן פעטער און דער מוהמען, און פון אַ לאַנגער באַנק הויבט זיך אויף אַנ'אַלטעטשקע יודענע מיט די הענד אין דערהויך און מיט אַ קליין אַלט שאָקלענדיג קעפּעלע צווישען די הענד און פאַלט אויף איהם אַרויף דושנע און ווייך, ווי אַנ'אַלטער קישען. אַ ווײלע איז שטיל, פונקט ווי די אַלטע וואָלט גע'חלש'ט, און דערנאָך קושט זי איהם אויפ'ן בעקעל מיט איהר איינגעשרומפּען פּנים'ל און די צוויי ביינער־דיגע הענדטלעך דריקען איהם פון רוקען צו דער ברוסט. אָבער אַז משה'לע בעפרייט זיך, דערשרעקט ער זיך פאַר איהר אַלט־קייט. עס דאַכט זיך, אַז דאָס לעבען האָט זיך שוין לאַנג אַרויס־געבאָסען פון איהר, ווי פון אַ צובראָכענער כלי און עס געהט נאָך אַרום אויף דער וועלט אַ פּערגעסענער גוף, פונקט ווי ער וואָלט אַרויס פון אַ קבר. אין די אויגען שפּראָצט נאָך אַנ'אַלט שטאַר פייערל און עס שמעקט פון איהר מיט יענער וועלט. דאָס קליידעל, וואָס זי טראָגט, איז אויך אַנ'אַלט, ווי זי, אָבער עס

איז ריין און דאָס סאַמעטענע טשעפּיקעל אויפ׳ן קאָפּ האָט נאָך אַ גלאַנץ.

—זעץ דיך... זעץ דיך...—זאָגט זי מיט אַ קייענדיגען לשון.—זעץ דיך, דו ביזט דאָך מיד...

אין האַנד האַלט זי אַ שטעקען, אויף וועלכען זי שפּאַרט זיך אָן, און זי מאַכט אַ טריט אָדער דרעהט זיך אויס, ווי אַ טישעל אָדער אַ שטוהל. אַז משה׳לע קוקט זיך בעסער צו צו איהר, דערקענט ער אויף איהר דעם טאַטענס נאָז און דעם טאַטענס שטערען. אָבער ביידע זענען שטאַרק איינגעשרומפּען און זענען עהנליך צו צוֹאָפּגעבאַקטער קאַרטאָפעל.

—און דער טאַטע וואָס מאַכט... און די מאַמע...—קייט זי די ווערטער און רוקט זיך צו משה׳לען מיט׳ן ריח פון יענער וועלט.

אין שטוב בעוועגט זיך דער פעטער, מיט אַ שטעקעלע אין האַנד, מיט אַ ווייסען קראַגען אויפ׳ן האַלז און מיט אַ זמר׳ל אונטער דער נאָז. ווײלעווייז געהט ער אַריין און אַרויס, אָבער מען הערט נישט זיינע טריט, פּונקט ווי ער וואָלט געהאַט פּיס פון וואַטע. זיין באָרד איז אַ געלע, ווי ביי אַלע שטעדטעלשע יודען, די הענד דינע, אין די וואָנסען אַ שמייכעלע, אין די אויגען אַ פייערל, אין נאָז אַ זמר׳ל. דאָ איז ער ביים פענסטער, דאָ ביי דער טיר, דאָ אינמיטען שטוב, און דאָס אַלץ קומט-פאָר אָהן אַ שום שאָרך, אָהן אַ גערויש, פּונקט ווי ער וואָלט געשוואומען אין אַ וואַסער. פון צייט-צו-צייט גיט ער אַ שוואום צום קאָמאָד, נעהמט דאָרט אַ קעמעל און פערקאַמט זיך די געלע באָרד פאַר׳ן שפּיגעל, וואָס הענגט דערביי אויף דער וואַנד און שווימט באַלד אַוועק צו דער טיר. פון דער טיר שווימט ער תיכף צוריק, שטעלט זיך צו נעבען משה׳לען מיט אַ זמר׳ל אין נאָז און גיט פּלוצלונג אַ פרעג:

—נו, דער טאַטע האָט קאַטאַר?..

און צולאַכט זיך מיט פערקוועטשטע אויגען.

און אין שטוב געהט-אונטער די זון אין אַלע פענסטער. רויטע שטראַהלען, ווי ווין-וואַסערלעך שפּילען אויף דער פאַ-

דלאָגע און אויף די ווייסע ווענד, און דער טיש, שטוהלען און בעטען שטעהען ווי שוואַרצע פלעקען אונטער אַ ראָזער לופט. צוליב דער רויטקייט פון דער אונטערגעהענדיגער זון און צוליב דעם שלל פענסטער אין אַלע פיר ווענד, זעהט-אויס די שטוב ווי אַ רויטע פּאַפּירענע לאַמטערנע, אין וועלכער עס ברענט אַ ליכט.

דער פעטער רוקט זיך אַרויס אין דרויסען מיט אַ זמר׳ל אין נאָז און באַלד זעהט זיך דורכ׳ן פענסטער, ווי ער שווימט אין אַ שמאָל געסעלע מיט זיינע וואַטע-פיס און דרעהט פון רחבות דאָס שטעקעלע אין דער האַנד. אין קיין האַקט עפּיס די מוהמע מיט גרויס פלייס, קענטיג, פאַר׳ן גאַסט, אַרום משה׳לען דרעהט זיך די באָבע, ווי אַ מעכאַנישער מענש, ווי אַ צווייפיסי-גער שטוהל און פון מויל פאַלען איהר קייענדיגע ווערטער:

—אַמאָל, קינד מיינס, אַ גביר׳טע געווען... פינפאונדרייסיג בהמות געהאַט... רויטע, ווייסע, שוואַרצע... אין אַ וואַלד גע-לעבט, אין אַ גרויסען געדיכטען וואַלד, ביים גראַף לאַסקע... אייגענע ביהנען געהאַט, אייגענע ענטלעך, אַן׳אייגענעם טייך... און אַ מיהל אויפ׳ן טייך... דעם זיידען האָט קיין פויגעלמילך נישט געפעהלט... אין שטוב האָט גאָלד געדרונען, ווי די שררות האָט מען געלעבט... אַ, מיין קינד, מיין קינד!

די קייענדיגע ווערטער פאַלען און פאַלען, ווי ווייכע שטיינדעלעך אויף אַן׳אָנגעצויגענער טוך. משה׳לע קוקט איהר אַריין אינ׳ם אַלטען פאַרמעטענעם פנים, און דורך עפּיס אַן׳אינ-סטינקט שפירט ער, אַז דידאָזיגע זקנה, פון וועלכער עס שמעקט מיט יענער וועלט, איז דער שטאַם פון יענעם אַלטען בוים, אויף וועלכען ער זיצט ערגעץ אין דער-הויך, ווי אַ קליין גרין צווייגעלע. עס וואָלט געווען גוט זיך איינצוזינקען מיט׳ן אָרעם אין איהר וואַרימער אַלטקייט אַריין, פונקט ווי אין אַן׳אייביגקייט, אָבער דידאָזיגע אייביגקייט האַלט זיך קוים אויף די פיס און דער קאָפּ שאָקעלט זיך איהר, ווי אַ הערבסטבלאַט אין ווינד.

—פינפאונדרייסיג בהמות, מיין קינד...—שיטען זיך איהר אַלץ די ווערטער פון מויל, וואָס האָט שוין קיין איין צאָהן

נישט,—קעז און פוטער און מילך... אויף שבת פלעגט מען שע-
כטען אַ קעלבעל...

די ווערטער שיטען זיך שוין נישט, נאָר זיי פאַלען ווי
דושנע וויקעל-טיכער, און דידאָזיגע וויקעל-טיכער וויקלען און
וויקלען איהם אָהן אַנ׳אָנהויב און אָהן אַ סוף, און מיט אַמאָל
דערשפירט ער, אַז עס פערפעהלט איהם אָטעם און קאַלטע טראָ-
פענס שווייס טרעטען איהם אַרויס אויפ׳ן שטערן. מיט די לע-
צטע קרעפטען, מיט די לעצטע אָנשטרענגונגען רייסט ער זיך
אַרויס פון איהר כשוף, דערווייטערט זיך פון איהר אויף עטליכע
שריט און דעמאָלט טרעפט ער זיך אָן מיט איהרען אַ קוק, וואָס
ער וועט איהם שוין קיינמאָל נישט פערגעסען. דאָס איז געווען אַ
קוק פון אַ דרייאונדרייסיג-יעהריגען אויג, אין וועלכען עס האָט זיך
פערזאַמעלט דאָס גאַנצע ביסעל לעבען און ליבע פונ׳ם האַלב-
אָבגעשטאָרבענעם גוף. און דערדאָזיגער קוק האָט איהם אַזוי ווי
דורכגעשניטען דאָס אויג און אַריינגעשטאָכען טיף אין דער נשמה
אַריין. משה׳לע איז געבליבען שטעהן, אַ פערשטיינערטער, און
די באָבע האָט זיך אומגעדרעהט, ווי אַ טישעל, און מיט נישט-
געבויגטע קניה זיך אַנידערגעזעצט אויף דער מיט צעראַטע-בע-
צויגענער קאַנאַפע.

משה׳לע קומט צו זיך, ווען אין שטוב פאַלען-אַריין דעם
פעטערס קינדער—צוויי יונגלעך מיט אַ מיידעל. אַלע דריי צו-
קושען זיך שנעל און שטום מיט משה׳לען. נאָכדעם שמייכלען די
יונגלעך פערשעמט, מיט אַראָבגעלאָזטע רויט-האָהריגע קעפ, ווי
ביי אַלע קליינשטעדטעלשע יודען, און דאָס מיידעל שטעלט זיך
פלוצלונג אַוועק פאַר׳ן וואַנד-שפיגעל, לעגט-אַריין אַ שפילקע אין
מויל און הויבט-אויף די הענד צו די האָהר. אין די אָפענע
פענסטער טריפט אַ ווייך ווינדטעלע, ערגעץ ברומען מידע בהמות,
דאָס נאָהנטע קלויסטערל גיסט-אָב דעם פערטראַכטען דרויסען מיט
איינטעניגע באַסיגע קלאַנגען, די רויטע שטראַהלען לעשען זיך
און די שטוב ווערט אָנגעגאָסען מיט יענעם וואונדערליכען ליכט,
וואָס איז עהנליך צו אַ וואַסערל אין אַ שאָטען און וואָס האָט
די אייגענשאַפט צו לינדערן אַ בייז האַרץ. אין דעמדאָזיגען ליכט

קאָן מען אַלץ גוט און דייטליך זעהן, אָבער אין דער אייגענער צייט שפּירט מען זיך עפּיס בעשיצט און פערבאָרגען אונטער אַ זיידענעם טונקעלען פליגעל.

די באָבע דרעמעלט מיט'ן שטעקען אין האַנד און די ברוסט בעוועגט זיך איהר נישט. אָדער דאָס איז אַ מענש, אָדער אַ געשטאַלט פון יענער וועלט. מען קאָן נישט וויסען ווער און וואָס דאָ זיצט. אָבער פאַרוואָס ציהט אַזוי משה'לען צו איהר, פאַרוואָס קאָן ער נישט אָבּרייסען זיינע אויגלעך פון דעם הויפען ביינער און דעם גראָבען שטעקען צווישען די קניה? פאַרוואָס שניידט זיך איהם אַלץ טיפער און טיפער אַריין אין זכרון איהר לעצטער קוק?

פון קיך קומט-אַריין די מוהמע מיט טיי און צוקערלע-קעכלעך. זי שנורעוועט די ליפּען און רעדט זעהר פריינדליך:

—געניס עפּיס, משה'לע, געניס עפּיס דערוויילע, שעם דיך נישט...

עס ווערט פינסטערער, כאָטש דרויסען איז נאָך צוגאָסען דאָס ליכט, און איבער'ן צלמ'ל פון קלויסטערל וואַקסען-אויס דריי נידעריגע באַאיוועע קליינשטעדטלדיגע שטערענדלעך. דידאָזי-גע שטערענדלעך ווינקען צו משה'לען גלייך אין אויג אַריין, פונקט ווי זיי וואָלטען אַרויסגעשיקט געוואָרען אויפ'ן הימעל מיט אַ דירעקטער שליחות צו איהם, אָבער ער פערשטעהט נישט זייער לשון. קוקט ער אַרויס צו זיי און זעהט, ווי עס לעשט זיך צאַרט און שטיל דאָס לעצטע טאָג-ליכט צווישען די נידעריגע וואָלקענדלעך און ווי לייכטע אָווענד-שאָטענס וויקלען זיך אַרום די הייזלעך און דעם קלויסטערל. די אייגענע שאָטענס וויקלען זיך אויך אין איהם און עס ווערט איהם וואונדערליך גוט און רוהיג אויף דער נשמה. וואָס עס געשיהט מיט וואָלקענדלעך, דאָס געשיהט אויך מיט איהם, פונקט ווי אייביגע פעדים וואָל-טען איהם געבונדען מיט זיי. און מיט אַמאָל דערפיהלט ער יע-נע זיסע שפּירונג, וואָס ער האָט שטענדיג, ווען ער דאַווענט נישט געאיילט און ריין, ווען זיין האַרץ גיסט זיך אַריין אין די ווערטער, און צווישען די שאַטענדיגע וואָלקענדלעך שווימט-אַרויס

שיינדעלעס פנים מיט פערבענקטע אויגען און איהם דאַכט זיך, אַז ער הערט אַ ווייט שעפטשען:

—משה'לע, זאָלסט מיך ליב האָבען... זאָלסט מיך ליב האָבען...

די באָבע עפענט די אויגען, ווי אַ מענש, וואָס האָט נישט געשלאָפען. זי הויבט זיך אויף פון קאַנאַפּע מיט נישט-געבויגטע קניה און געהט-צו צו משה'לען מיט אַ גוף, וואָס לעבט שוין נישט. פּאַמעלעך לאָזט זי אַראָב איהר קאָפּ צו איהם, טונקט-איין אין איהם איהרע אויסגעלעבטע, אויסגעקוקטע אויגען און רופט זיך אָן צו איהם מיט איהר קייענדיגען לשון:

—נו, וואָס טראַכסטו, מיין קינד?..

און ער דערפיהלט איהר בייניגע האַנד ביי זיך אויפ'ן האַלז: דעם באָבעס קאַלטע פינגער גלעטען איהם. משה'לען דאַכט זיך, אַז דער אַלטער אָבגעלעבטער שטאַם וויל משיג-זיין דאָס יונגע גרינגע צווייגעלע.

—איך טראַכט נישט, באָבע...—זאָגט משה'לע, אַ פערשעמ-טער.—איך קוק אַזוי אין דרויסען.

און די באָבע בויגט זיך צו נאָך נעהנטער:

—איז דיר אומעטיג?

—ניין...

די באָבע דרעהט זיך ווידער אויס ווי אַ טישעל, געהט-צו מיט נישט-געבויגטע קניה צו דער שוועל פון דער קיך און הייסט אָנצינדען דעם לאָמפּ.

אין שטוב שווימט-אַריין דער פעטער מיט נאָך אַ פעטער, וואָס הייסט חיים און זיינע קינדער. מען איז געקומען זעהן דעם גאַסט. דער אַנדערער פעטער איז אויך אַ געלער, אָבער ער האָט זעהר אַ ברייטע און זעהר אַ לאַנגע גוט-צוקאַמטע באָרד, וואָס ליגט איהם אויף דער ברוסט, ווי אַ קליינע געלע קאָלדרע. פון אונטער'ן שטערען קוקען איהם אַרויס צוויי יונגע בלויע לאַכענדיגע אויגען. אונטער די אַרבעל האָט ער מאַנזשעטען, אונ-טער דער באָרד—אַ מאַנישקע. בכלל מאַכט ער אַנ'איינדרוק פון אַ יודען, וואָס האָט זיך ליב צו פוצען. אייגענטליך איז ער

שטאַרק ענהליך צו משה׳לעס טאַטען, אָבער ער איז יונגער, שענער און רוהיגער פאַר איהם. ער האָט אויך אַ זמר׳ל אין נאָז, אָבער דאָס איז אַ בעשטימט זמר׳ל—די טראָפּ פון דער תורה. ער איז דער שטעדטעלשער בעל-קורא, און טיילמאָל אין אַ מיטען שמועס, פאָהרט ער פלוצלונג אַרויס:

—צו את בני ישראל ויקחו אליך שמן זית זך, כתית למאור...

משה׳לען איז ער באַלד, פון דער ערשטער מינוט, געפעלען. די בלויע אויגען, די גרויסע באָרד, דאָס זמר׳ל אין נאָז און די רוהיגע בעוועגונגען דערוועקען צו זיך עפּיס אַ לייכטע בעציהונג און מען בעדאַרף זיך גאָרנישט שעמען פאַר דעמדאָזיגען יודען. דאָס איז אַ יוד, וואָס מען קאָן זיך איהם, קענטיג, אַנידערזעצען אויף די קניה, ווי ביי אַן׳אייגענעם טאַטען און מען קאָן מיט איהם ריידען אַלץ, וואָס עס קומט אויף דער צונג. די ווערטער בעדאַרף ער נישט קלויבען, ווי ער טהוט עס מיט גרויס שחעריגקייט, בשעת ער רעדט מיט דער מוהמען, אָדער מיט דעם ערשטען פעטער.

—געוועזען גוט צו פאָהרען, האַ?—נעהמט ער איהם אַריין צווישען די קניה און קוקט איהם אָן מיט לאַכענדיגע, יונגעלשטיפערישע אויגען.

—איך האָב געזעהן אַ סך וועלדער און טייכען!..—זאָגט משה׳לע אַרויס שטיל און ערנסט, פונקט ווי ער רעדט מיט שיינדעלע׳ן.

לעגט איהם דער פעטער צו צום אויער די לאַנגע באָרד מיט עפּיס אַ ריח פון אַ מאַנסביל און פרעגט זעהר שטיל, ווי אַ יונגעל ביי אַ יונגעל:

—נו, און אַ בער האָסטו געזעהן?..

דערהערט דידאָזיגע פראַגע, דערשפּירט משה׳לע זעהר אַ שטאַרקע נויטווענדיגקייט צו זאָגען עפּיס אַ ליגען. פערטראַכט ער זיך עטוואָס און רופט זיך אָן:

—איין בער האָב איך געזעהן... איין בער... נעבען אַ קרע-

טשמע... אינמיטען אַ וואַלד. ער איז געשטאַנען מיט גרינע גלע-זערנע אויגען און...

—און האָט דיך געוואָלט אויפעסען?..—כאַפּט-אונטער דער פעטער מיט אַ יונגעלשען געלעכטער.

און האָט מיך געוואָלט אויפעסען...—זאָגט משה׳לע ווייטער, פיהלענדיג, ווי דער ליגען צעוואַקסט זיך.—האָב איך מיך זעהר דערשראָקען. אָבער קושע דער בעל-עגלה האָט גענומען שמייסען דאָס פערד און מיר זענען נצול-געוואָרען...

—אויב אַזוי, האָסטו דאָך געוויס געזעהן אַ וואָלקעלאַק אויך?—פרעגט ווייטער דער פעטער.

—אַ וואָלקעלאַק?—פערטראַכט זיך משה׳לע און שפירט שוין כמעט נישט, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ ליגען.—נו, אודאי, אַ וואָלקעלאַק האָב איך אויך געזעהן. ער איז געהאַנגען אויף אַ בוים...

—אַליין, צי מיט כת-לצנים...

—פריהער אַליין, דערנאָך מיט כת-לצנים...

—כאַ-כאַ-כאַ!..—צולאַכט זיך דער פעטער מיט אַ מאָדנעם פערבאָרגענעם און רעטענישליכען געלעכטער, פונקט ווי ער וואָלט מיט׳ן יונגעל געפיהרט עפיס אַ שמועס פון געהיימע פערשווערער.

—אָבער, פעטער, איך האָב געזעהן אַ מכשפה אויך,—צושפילט זיך שוין אין משה׳לען די פאַנטאַזיע.—פאַרטאָג האָב איך זי געזעהן... פון אַ וועלדעל איז זי אַרויס... מיט אַ שוואַרצער טוך איבער׳ן קאָפּ און מיט קרומע פיס...

—פאַרטאָג, זאָגסטו? די העהנער האָבען שוין געקרעהט?

—ניין, די העהנער האָבען נאָך נישט געקרעהט..

משה׳לע מיט׳ן פעטער קוקען זיך איבער ווי צוויי פערשווערער; דער פעטער קוקט פון אויבען-אַראָב, דאָס יונגעל פון אונטען-אַרויף. אינ׳ם פעטערס אויגען שפּרינגען-אום שפּיציגע פייערלעך, ווי ביי אַ מענשען, וואָס וויל לאַכען און האַלט זיך איין, אָבער פלוצלונג פאַטשט ער משה׳לען אָן אויפ׳ן אַקסעל און נעהמט לייענען די תורה:

—כן בנות צלפחד דברת, נתן תתן להם אחזת נחלה...

דער פעטער חיים הויבט זיך אויף, און משה׳לע דערשפּירט מיט אַמאָל, אַז ער, משה׳לע, האָט גערעדט נאַרישקייטען און ליגענס. אָבער ער שעמט זיך עפּיס נישט, עס אַרט איהם נישט, פּונקט ווי דער פעטער חיים וואָלט געווען אַ יונגעל, מיט וועלכען עס איז אַזוי גוט צו ריידען נאַרישקייטען און ליגענס.

דעם פעטער חיים׳ס קינדער קוקען אויף משה׳לען פרעמד און צוריקגעהאַלטען, אָבער אין דערדאָזיגער פרעמדקייט שפּירט זיך דאָך פערבאָרגענע ליבע פון אייגען בלוט. דאָס זענען אַכט שענע מיידלעך און משה׳לע ווייס, אַז עס איז פאַרהאַן נאָך אַ ניינטע, וואָס הייסט טעמעלע. די מיידלעך ריידען און לאַכען און קוקען אויפ׳ן גאַסט. משה׳לע שפּירט, אַז דאָ, וואו זיי זיצען, מוז זיין וואַרים, אָבער ער שעמט זיך צוצוגעהן צו זיי. די מוהמע טראָגט פון דאָסניי אַריין טיי מיט צוקערלעקעכלעך און איבער דער שטוב צוטראָגען זיך צוויי זמר׳לעך: ביידע פעטערס זינגען אונטער דער נאָז. אין דרויסען איז שוואַרץ און אין דערדאָזיגער שוואַרצקייט ליגען קליינע הייזלעך און קוקען מיט ליכטיגע פענסטערלעך, פּונקט ווי שוואַרצע קעץ מיט געלע אויגען. אין הימעל בלינצלען שטערענדלעך און דאָס ליכט טריפט פון זיי, ווי גאָלדענע שנייעלעך.

משה׳לע טרינקט שוין ווידער טיי צוזאַמען מיט די פעטערס און שוועסטערקינדער. ער זיצט נעבען אַכט בלאָנדע מיידלעך און עס איז באמת וואַרים נעבען זיי. אַלע אַכט מיידלעך האָבען ווייסע צייהן און בלויע אויגען. בשעת זיי לאַכען, בלענדט דאָס אויג פון דער צייהן-ווייסקייט און עס דאַכט זיך, אַז זיי האַלטען שטיקעלעך שניי אין מויל. די פעטערס שמועסען איצט מיט אַ געוועהנטער לאַנגווייליגקייט, וואָס שטערט זיי, קענטיג, נישט, פון די פיינשטיינס, די רייכסטע פאַמיליע אין שטעדטעל, פון עליות, פון שדכנות, פון נאַפט, קעלבער און געטריקענטע יאַגדעס. ווילעוויי הויבט זיך אויף די באָבע מיט נישט-געבויגטע קניה און דרעהט זיך אַרום טיש מעכאַניש, ווי אַ געמאַכטער מענש. מיט אַלטע אויסגעקוקטע אויגען קוקט זי אָן די קינדער

און די אייניקלעך און וואַרפט בעזונדערס וואַרימע בליקען צו משה׳לען. דאָס ערשטע גלאָז טיי האָט מען איהר דערלאַנגט, אָבער זי האָט נאָך אַלץ נישט געטרונקען. איהר האַנד, וואָס טראָגט דאָס לעפעלע טיי צו די ליפען, ציטערט אַזוי, אַז דער טיי גיסט זיך אויס אינגאַנצען און צו די ליפען קומט אַ טרוקען לעפעלע. פּרובט זי אָנבויגען דעם קאָפּ צו דער גלאָז, אָבער דאָס העלפט אויך נישט: דער קאָפּ שאָקעלט זיך אויך אַזוי שטאַרק, אַז די ליפען קאָנען נישט אָננעהמען דעם ברעג פון גלאָז. דעמאָלט ווערט נמאס דער באָבען צו מוטשען זיך, הויבט זי אויף די אַלטע אויגען און קוקט בעסער אויף די קינדער, און אַ שמייכעל, אַ לאַנג אָבגעלעבטער שמייכעל פּרובט זיך אַדורכ-גגבּ׳ענען דורך איהרע אַלטע טויטע ליפען און דורך דער אַלטער הויט פון פּנים.

—דו ביזט אַלעמאָל אַ שעמעוודיגער?—פרעגט משה׳לען דעם פעטער חיים׳ס עלטסטע טאָכטער.

זי איז אַ הויכע איבערגעוואַקסענע מויד און האָט שוין אַ חתן. פון איהרע אויערן בלישטשען-אַרויס קליינע אוירינגלעך. זי האָט אַ הויכען בוזעם און ברייטע זאַקסלען, און ברייט-מאַמעדיג זיצט זי ביים טיש. אויף די פיס טראָגט זי לאַנגע שיך, פונקט ווי מאַנסבילשע.

—פאַרוואָס שווייגסטו?—פרעגט זי נאָכאַמאָל—זאָג, דו ביזט אַ שעמעוודיגער?

—יאָ...—ענטפערט משה׳לע מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען און מיט רויטע פלאַמענדיגע בעקלעך.

די מיידלעך צולאַכען זיך, אָבער משה׳לע שפירט פון זיי דעם ריח פון אייגען בלוט. אין אַ ווייל אַרום שמועסט ער מיט זיי פון אַ צירק, וואו ער איז קיינמאָל נישט געווען, און ער האַלט זיך גאַנץ פריי. מיט יעדער מינוט ווערט ער נעהנטער צו זיי און זיי נעהנטער צו איהם, און איצט דאַכט זיך איהם, אַז דאָס זענען זיינע שוועסטער.

—משה׳לע, מאָרגען זאָלסטו קומען צו אונז, דו הערסט?—רופט זיך אָן אַנ׳אַנדער מיידעל.—מיר וועלען געהן זעהן דעם

טייטש אויפ׳ן שטריק. דאָ וועט געהן אַ טייטש אויפ׳ן שטריק...

—ווען? — פרעגט משה׳לע שטאַרק פעראינטערעסירט.

—אין אַ פּאָר טעג אַרום. אָבער דו זאָלסט קומען צו אונז מאָרגען.

—גוט, —ענטפערט משה׳לע און פּיהלט זיך, ווי אין אַן אייגענער סביבה.

פאַר דער גאַנצער צייט שפּירט מען נישט דער מוהמען. דאָס איז אַ שטילע יודענע, וואָס איז געוועהנט צו דער קיך און צו פּראַצע. אויף דער באַק האָט זי אַ גרויסע בראָדאַווקע און האַלט שטענדיג אַראָבגעלאָזט די אויגען און די הענד, ווי אַ האָרעפּאַשנער מענש.

ביידע געלע פעטערס הויבען זיך אויף און קוקען זיך אָן, ווי יונגלעך פאַר אַ שפּיל. נאָכדעם נעהמט דער פעטער חיים אין איין האַנד דעם שטעקען, די צווייטע, אַ ווייכע און אַ וואַרימע, דערלאַנגט ער משה׳לען און זאָגט „אַ גוטע נאַכט". דאָס אייגענע טהוען באַלד אַלע אַכט מיידלעך און אַז זיי געהען-אַרויס פון שטוב, ווערט אַזוי שטיל, פונקט ווי פופציג מענשען וואָלטען אַרויסגעגאַנגען. די נאַכט אין דרויסען ווערט אַזוי ווי שוואַרצער, אַרומגעשלאָסענער, דאָס פייער אין לאָמפּ ווערט אַזוי ווי קלע-נער און דער מוהמעס הענד קלאַפּען שוין ערגעץ אין שלאָפצי-מער איבער קישענס און פערענעס. אין שטוב איז שטיל און עס שווימט נאָר אַרום, ווי אַ גרויסע פליג, דעם פעטערס נאָז-זמר׳ל. זייבע יונגלעך זיצען מיט פערשלאָפענע אויגען און פערקוועטשטע ליפּען און דאָס מיידעל שטעהט פאַר׳ן וואַנד-שפּיגעל מיט שפּיל-קעס אין מויל און לאָזט זיך פונאַנדער די האָהר. פון שלאָפצי-מער דערנעהנט זיך די מוהמע מיט איהרע קלאַפּענדיגע הענד. באַלד מאַכט זי אַ ברייט הויך געלעגער נעבען פענסטער און קלאַפּט עס צו. דאָס איז אַ געלעגער פאַר משה׳לען.

—דו וועסט דאָ שלאָפען, משה׳לע, —זאָגט די באָבע מיט איהר קייענדיגען קול און גיט איהם אַ קוש אין קאָפּ. —ביי אייך לייענט מען קריעת-שמע פאַר׳ן שלאָף? לייען, דאַ אויך, משה׳לע, פויל זיך נישט.

די באָבע געהט-אַרויס פון צימער פּאַוואָליע, לאַנגזאַם, מיט איהרע נישט-געצוויגטע קניה און דער פעטער מאַכט-צו די פענ-סטער.

—דו ווייסט, משה-געצעלע,—ווענדט ער זיך פּלוצלונג צו משה׳לען און לעגט איהם צו אַנ׳איבעריגען נאָמען,—ביינאַכט וועט זיין אַ שלאַקסרעגען... אַלע שטערען זענען צולאָפען געוואָרען, ווי היהנער פאַר אַ קאַץ...

און צולאַכט זיך מיט פערקוועטשטע אויגען.

משה׳לע פאָלגט דער באָבען, און אַז ער לעגט זיך אויף זיין ווייכען געלעגער, מאַכט ער צו די אויגען און לייענט קריאת-שמע מיט אַ ריינעם האַרצען. נאָכדעם בעפאַלט איהם אַ געדיכטע שטילקייט צוזאַמען מיט אַ געדיכטער שוואַרצקייט פון אַ קליינ-שטעדטעלדיגער זומערנאַכט און ער ווערט תיכף איינגעשלאָפען. איהם חלומ׳ט זיך אַ וואָלקעלאַק מיט היהנערשע פיס און מיט אַ גרינער צונג, אַ וואַלד מיט דריי בערן און אַלט מכשפות מיט רויטע פייערלעך אין די הענד אין אַ געדיכט שוואַרצער נאַכט, וואָס ליגט פאַר די אויגען ווי אַ באַרג פעך. פּלוצלונג שפּרינגט-אַרויף דער וואָלקעלאַק אויף די מכשפות, פערלעשט זיי די פייער-לעך אין די הענד און הויבט-אָן קלאַפּען אין אַ פּויק. די קלעפּ זענען אָבער אַזוינע שטאַרקע און שרעקליכע, אַז די ערד וויגט זיך און זינקט-אַראָב, פּונקט ווי זי וואָלט זיך אָבגעריסען פון איהר שטענדיגען אָרט און פאַלט-אַראָב ערגעץ אין אַ תהום. משה׳לע וויל אויסשרייען, אָבער באַלד רייסט ער אויף מיט כח די אויגען, פּונקט ווי עמיץ וואָלט זיי איהם פריהער פערקוועטשט און דערזעהט מיט אַמאָל, אויף איין רגע, אַ בלענד-ליכטיגען דרויסען, וואָס ציטערט פון אימה׳דיגע קלעפּ, פּונקט ווי מיליאָנען ריזען וואָלטען זיך געראַנגעלט אין לופטען, און אין דער ליכטיגקייט, וואָס איז צוגאָסען אַרום זיין געלעגער, בעוועגט זיך עפּיס אַ שוואַרצע פיגור מיט אַ ברענענדיגען ליכט אין דער האַנד. אַ ווײַלע דאַכט זיך איהם, אַז די ערד זינקט נאָך אַראָב, ווי פריה-ער, אין שלאָף און אַז די שרעקליכע קלעפּ אין דרויסען זענען דעם וואָלקעלאַקס, וואָס קלאַפּט אין אַ פּויק. אָבער די ליכטיגקייט

ווערט באַלד אַנטרונען, ווי אַ פּאַך פון אַ פליגעל, און אַז די קלעפּעריי ווערט שטילער, דערהערט ער, ווי אַ שלאַקסרעגען, געוויגט פון ווינד, פּאַטשט די פענסטער מיט אַ געוואַלטיגער קראַפט. אַ ווײַלע איז שטאַרקער די קלאַפּעריי, אַ ווײַלע דער שלאַקסרעגען, פּונקט ווי ביידע וואָלטן זיך טוישען איינע נאָך די אַנדערע, און אַלע צוויי מינוט ווערט אָבגעגאָסען די וועלט מיט אַזאַ אימפּעט-ליכט, אַז מען קאָן זעהן יעדעס טראָפּעלע רעגען.

עמיץ, אַ שוואַרצער, מיט אַ געלען פלאַם פון אַ ליכט, בויגט זיך אָן צו איהם, און משה׳לע דערקאָנט די באָבען.

דו שרעקסט זיך?...—הערט ער איהר קייענדיגען לשון צו-זאַמען מיט אַנ׳אָטעם פון יענער וועלט—שרעק זיך נישט... נישטאָ זיך וואָס צו שרעקען, מיין קינד... גאָט איז אַ גוטער. גאָט טהוט אַלץ פון דעם מענשענס טובה וועגען... שלאָף, שלאָף, משה׳לע, אויב דו ווילסט, וועל איך זיצען נעבען דיר...

משה׳לע ווייס נישט וואָס צו ענטפערן. איין זאַך איז קלאָר, אַז ער שרעקט זיך, און אין דעם שלאַקסרעגען, וואָס איז געמישט מיט דונערן און בליצען זעהט איהם אויס דאָס הייזעל, ווי אַ פּאַפּיר-הייזעלע, וואָס קאָן אַ ליאַדע מינוט אומפאַלען. איהם דאַכט זיך, אַז די ווענד וויגען זיך, אַז די פּאָדלאָגע טאַנצט און די פענסטער בויגען זיך אויס, ווי שטרוי אין אַ ווינד. אוי-סערדעם, פעהלען דאָ קיין וואָלקעלאַקעס אויך נישט. אָט שפּרינגט-אום איבער דער וואַנד אַ לאַנגער וואָלקעלאַק מיט אַ גרינער צונג און אַ צווייטער געהט איבער׳ן באַלקען מיט׳ן קאָפּ אַראָב. אונ-טער משה׳לעס האָהר לויפט-אָן אַ קאַלטער שוויס און דער אָטעם האַקט זיך איבער. ער וויל עפּיס זאָגען דער באָבען און קאָן נישט, אָבער אַז ער בעהערשט זיך עטוואָס, רופט ער זיך אָן צו דער באָבען שטיל און איינפאַך:

—באָבע, איך שרעק מיך...

דעמאָלט זעצט זיך אַנידער די שוואַרצע פיגור אויף זיין געלעגער מיט׳ן שטעקען אין איין האַנד און מיט׳ן ליכט אין דער צווייטער. די דונערן און בליצען הערען נישט אויף, דער שלאַקס-

רעגען פּאַטשט דאָס הייזעל און די ערד נאָך שטאַרקער, נאָך געדיכטער. די וואָלקעלאַקעס מיט די גרינע צינגער מעהרען זיך און עס גלויבט זיך נישט, אַז דידאָזיגע שוואַרצע פיגור מיט'ן שטעקען און ליכט אין די הענד זאָל קאָנען בעשיצען פון זיי. אָבער אַ וואַרימקייט געהט פון איהר אויף, אַזוי ווי די וואַרימקייט פון אַ פער'עקשנ'טען שטאַרקען מענשען, וואָס שטעהט אויף דער וואַך, און משה'לע שפירט, אַז זי בעשיצט יאָ, אַז דער פּחד טרעט-אָב. פּאַמעלעך מאַכט ער צו די אויגען און פּאַמעליעך און זאַכט ווערט איינגעזונקען זיין יונג און מיד מה'ל אין דעם שוואַרצען רויך פון שלאָף.

אויף מאָרגען שטעהט ער אויף געזונד און פריש אין אַ שטוב מיט אַ סך זון, און אַז ער כאַפּט זיך אַראָב פון געלעגער און קוקט-אַרויס פון פענסטער, זעהט ער, ווי די שטיינער אין געסעל זענען אַרויסגערוקט פון זייערע ערטער און אַז די ווענד פון הייזער, וואָס שטעהען אין שאָטען, זענען בעדעקט מיט גרויסע רעגען-פלעקען. אָבער אויף אַלץ ליגט עפּיס אַ גלאַנץ פון אַ ניי און פרעהליך לעבען. היהנער, העהנער, הינד, קעץ און חזירים און ציגען שפּאַצירען איבער'ן געסעל און זוכען מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ אין דער פרישער אויסגעפּאַטשטער ערד. אונטער'ן הימעל דרעהען זיך טויבען און שוואַלבען און די לופט איז קלאָר און ריין, פּונקט ווי אַנ'אויסגעוואַשענע. עס איז אָנגענעהם איינצואָטעמען דידאָזיגע לופט, אין וועלכער עס שפּירען זיך די קיהלע גראָז-ריחות פון אַ קליין שטעדטעל.

עס איז נאָך אייגענטליך גאַנץ פריה, אָבער דער פעטער שווימט שוין אַריין פון גאַס מיט אַ זמר'ל אין נאָז. ער ציהט די עקען באָרד און שמייכעלט צו משה'לען מיט פערקוועטשטע אויגען.

—האָסטו שוין געדאַוועגט, משה-ירוחמ'ל?—גיט ער אונגעריכט אַ פרעג און שווימט תיכף ומיד אַריין אין צווייטען צימער.

די מוהמע בראָקט און קלאַפּט אין קיך, פּונקט ווי אַ מאַשין און באַלד קומט אַריין די באָבע מיט דעם פעטערס קינדער, און עס הויבט זיך אָן דער טאָג. די געכטיגע פרעמדקייט

איז אַנטרונען געוואָרען, און דעם פעטערס קינדער בעגעגענען איהם,
ווי אַנ׳אַלטען בעקאַנטען, אָבער מיט יענעם שמייכעלע אויף די לי-
פען, וואָס אַזוי קאָן נאָר שמייכלען אייגען בלוט צו אייגען בלוט.
משה׳לע שטעלט זיך אַנידער דאַוונען און סטאַרעט זיך
נישט צו טראַכטען פון זייטיגע זאַכען. דאָס איז נישט לייכט.
דער קאָפּ און דאָס האַרץ זענען פול מיט איינדרוקען, וואָס שווי-
מען אין איהם גאָר אָהן זיין רצון. אָבער אַ שטיק רוהיג האַרץ
גיט ער פאָרט אַוועק דעם דאַוונען, אַ שטיק רוהיג האַרץ, וואָס
ליגט אין איהם ערגעץ, ווי אַ גרין אינזעלע צווישען שוימענדיגע
כוואַליעס. נאָכ׳ן דאַוונען קוקט ער בעסער אַרום די שטוב, און
אַז ער געהט צום ערשטען מאָל אַריין אין צווייטען צימער,
דערזעהט ער פאָליצעס מיט ביכער, פונקט ווי ביים טאַטען.
אָבער דאָס זענען אַנדערע ביכער—יודישע, אויף עברי-טייטש.
עפענט ער איין בוך אין אַ שענעם איינבונד, לייענט ער: „אַ
פריש, געשמאַק ווינדטעלע האָט פאַמעלעך געבלאָזען און פון די
וואָלקענס, פונ׳ם שטורמווינד איז נישט געווען אפילו קיין זכר.
דער אָבגע׳טובל׳טער אויסגעפוצטער וואַלד איז געשטאַנען ווי אַ
חתן-בחור אין אַ נייער גרינער זופּעצע, געמאַכט ערשט אין
פריהלינג, און געשיינט, געלויכטען, ווי דער ליכטיגער מאָרגענ-
שטערען, וואָס האָט, לויפענדיג פאָראויס, געבראַכט די פרעהליכע
בשורה, אַז אָט באַלד קומט צופאָהרען די זון—די טייערע גאָל-
דענע מחותנת׳טע און די חתונה וועט זיך אָנהויבען...״ וואָס איז
דאָס פאַר אַ בוך? וואָס זענען עס פאַר אַ ווערטער? גאָר פריש,
גאָר ניי קלינגט עס איהם, פונקט ווי אַ מכשף וואָלט איהם
אַריינגעצויגען אין אַנ׳אַנדער וועלט. עפענט ער אויף אַ צווייט
דיק בוך, לייענט ער ווידער:

איז געווען אמאל אנ׳עלוי,
נישט געקאנט די וועלט אפילו,
נישט געווען אין קלאס.
פרום דער טאַטע, פרום די מאַמע,
די משפחה—לומדים סאַמע,
[illegible] פון עקסטען פאַס.

משה׳לע קומט ערשט צו זיך, ווען ער האַלט שוין אין האַנד דאָס דרייסיגסטע בוך. דאָס בלוט ברענט אין איהם: ל יי ע נ ע ן. לייענען וואָס מעהר און וואָס שנעלער. אָבער וואו קאָן מען דאָ לייענען? אָט איז די באָבע. אין איהרע אַלטע אויסגעקוקטע אויגען איז צונויפגעזאַמעלט דאָס לעצטע ביסעל לעבען און ליבע און זי קוקט אויף איהם ווי דריי מאַמעס צוזאַמען. זי קוקט אויף איהם—און עס דאַכט זיך, אַז זי וויל איהם אַריינגעהמען אין זיך, אין איהר אַלטען גוף אַריין, פונקט ווי אין אַ שטיבעלע און פערשליסען איהם דאָרטען און פערבאָרגען, אַז קיינער זאָל איהם נישט אַרויסזעהן. און משה׳לען זעהט זי שוין נישט אויס אַזוי אַלט און ער שפירט שוין אויך נישט אַרום איהר דעם ריח פון יענער וועלט. איצט שפירט ער שוין פון איהר דעם ריח פון זיין אייגענעם טאַטען און דעם ריח פון זיך און זיין היים, וואָס איז, קענטיג, אונבעמערקט איבערגעטראָגען געוואָרען פון דאַנען אַהין. און ער ווייס שוין פאָראויס, אַז ער האָט זי ליבער פון טאַטען און דער מאַמען, אַז ער האָט זי ליבער פון זיך אַליין און פון אַלץ אין דער וועלט. עס איז גוט צו זיצען נעבען איהר, ווי עס איז גוט צו שפירען, אַז מען איז עהרליך, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט און אַז אין דרויסען שיינט גאָטס זון. און עס איז גוט צו הערען איהר אַלטען קייענדיגען לשון, ווי עס איז גוט צו הערען אַ פלייט און אַ טרעל פון אַ פריהמאָרגען-פויגעל. צוליב דער באָבען אַליין האָט זיך געלוינט צו קומען, צוליב דער באָבען אַליין איז כדאי געווען די נסיעה.

און דאָס, וואָס די באָבע איז אַלט דרייאונצייציג יאָהר, האָט אויך עפיס אַ גרויסע בעדייטונג פאַר משה׳לען. דרייאונצייציג יאָהר קאָן נישט לעבען אַ מענש, אָבער די באָבע לעבט. די לעצטע יאָהרען האָט איהר גאָט, קענטיג, ספעציעל געשענקט, און אַ ליאַדע מינוט קאָן ער זי רופען צו זיך. די באָבע בעדאַרף, אַלזאָ, נישט קראַנק ווערען, צו שטאַרבען, ווי אַלע מענשען. די באָבע קאָן נאָר דעמאָלט שטאַרבען, ווען גאָט וועט זי רופען צו זיך. שטעהט זי, אַלזאָ, אין אַנ׳איינגער פערבינדונג

מיט גאָט, מיט איין פוס אויף דער וועלט און מיט'ן צווייטען אויפ'ן הימעל, און גאָט האָט זי שטענדיג אויפ'ן אויג. אויב אַזוי, איז זי דאָך נאָך גרעסער און הייליגער פון אַ צדיק, וואָרום זי געפינט זיך אי אויפ'ן הימעל, אי אויף דער ערד. דאָס אַלץ האָט פאַר משה'לען גאָר אַ בעזונדער זין. און בשעת ער שטעהט געבען איהר, דאַכט זיך איהם שטענדיג, אַז אַ האַלבער גוף איהרער לעבט אויפ'ן הימעל און דער צווייטער אויף דער ערד.

איהרע אַלטע אויגען טונקען זיך עפּטער איין אין איהם, ווי אַ שאָטען אין אַ קלאָר וואַסערל:

—אפשר וועסטו עפּיס עסען?

אין אַ ווײַלע אַרום:

—אפשר וועסטו זיך צולעגען אָברוהען?

און דערנאָך ווידעראַמאָל:

—דרויסען איז אַ שענער טאָג, משה'לע. אפשר וועסטו געהן צום גלה אין גאָרטען?

די אַלטע אויגען טונקען זיך און טונקען זיך אין איהם, און איהם דאַכט זיך, אַז ער וואוינט אין איהר, אין אָט דעם אַלטען גוף, ווי אין אַנ'אַלט שטיבעלע און עפּיס אַ וואַרימקייט, עהנליך צו אַ גרויסען תענוג, נעהמט איהם דורך אַלע גלידער.

און עפּטער, בשעת דאָס יונגעל זיצט פערטראַכט איבער אַ בוך, הויבט זי גאָר אָן דערצעהלען:

—אַמאָל אין אַ וואַלד געוואוינט, משה'לע... אַ טייך איז דאָרט דורכגעגאַנגען און אויפ'ן טייך איז אַ מיהל געשטאַנען און אין מיהל האָט מען תבואה געמאָהלט... דאָס ראָד האָט געקלאַפּט, דער שטיין האָט געמאָהלט און אַרום דער מיהל איז אין הויכען גראָז דער זיידע אַרומגעגאַנגען... יונג איז געווען דער זיידע, אויף אַ פידעל געשפּילט און דער כריין לאַסקע האָט איהם זעהר טייער געהאַלטען... קיין דאַנציג האָט ער איהם איינמאָל מיט אַ שליחות געשיקט... נאָר דו, זאָגט ער, מוזט פאָהרען, איך האָב נישט קיין אַנדערן מיט אַזאַ קאָפּ און אַזוי עהרליך... פאָהר, זאָגט ער, קיין דאַנציג, נאַ דיר אַ פּאַפּיר... איז דער זיידע קיין דאַנציג געפאָהרען און האָט מיר אַ שנירעל פּערל געבראַכט...

אָבער, משה׳לע, דער זיידע איז שוין לאַנג נישטאָ און די פּערל זענען אויך נישטאָ... דער זיידע איז צו גאָט אַוועק... אַ יונגער צו גאָט אַוועק... איך לעב שוין באַלד דריי מאָל, וויפיל דער זיידע האָט געלעבט... און די פּערל, משה׳לע, און די פּערל...

און אַ קלאָרע טרעהר, ווי אַ טראָפּעלע טוי אויף אַ גרוי צווייגעל, איז אַרויסגעפאַלען פון איהר אַלטען אויג און זיך פער-האַלטען אין אַ קנייטש פון די באַקען.

—באָבע...—זאָגט משה׳לע פּלוצלונג מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען און נעהמט-אָן איהר בייניגע טרוקענע האַנד.

—וואָס, משה׳לע?

—איך... איך האָב אייך ליב...

און ביי משה׳לען ווייזען זיך אויך טרעהרען אין די אויגען.

דאָס שניי־מיידעלע.

צעהנטעס קאַפּיטעל.

ביים פּעטער חיים אין שטוב שפּאַנען-אַרום די מיידלעך פון איין צימער אין צווייטען. עס איז אַ יריד פון מיידלעך. עלטערע, מיטעלע, יונגע—אַלץ דעם פּעטערס טעכטער. מען לאַכט און מען שטיפט, מען שטיפט און מען לאַכט. קעהרט מען אָב דעם קאָפּ, זעהט מען לאַנגע צעפּ, הויכע מיידעלשע ברוסט און געשיקטע פיסלעך אין לאַנגע זאָקען. אין אַלע צימערן געהט-אום עפּיס אַ בעזונדערער וואַרימער מיידעלשער ווינד. אין אַלע צימערן שלאָגט אין נאָז אַריין עפּיס אַ בעזונדערער דושנער מיי-דעלשער ריח. און אַז מען קוקט אויף דעם פּעטערס ביין טעכ-טער, דאַכט זיך, אַז זיי זענען נישט ביין, נאָר אַכטצעהן אָדער דרייסיג אָדער הונדערט. זיי טאָפּלען זיך אין אויג.

אויפ׳ן וואַנד העננען בילדער פון שטילע צדיקים מיט אַנ׳אַלטער מנורה דערביי, און אונטער׳ן פענסטער ליגט דער מאַרק מיט קליינע הילצערנע קרעמלעך, מיט פויערים, מיט קליינע פערד און וועגען, מיט הויכע אויסגעמאָגערטע הינד מיט אַרויסגעשטעקטע צינגער, מיט שלעפעריגע אוריאַדניקעס, מיט גע-

לע יודען, מיט מעוברת׳ע ווייבער, מיט טומעל, גוואַלדען און געשרייען. אויבען, איבער דעם אַלעם הענגט אַ קיילעכיגער הימעל מיט אַראָבגעלאָזטע ברעגען, און ער קוקט-אַראָב מיט אַזאַ גלייכגילטיגקייט, פונקט ווי דאָ וואָלט געווען אַ בית-עולם, נישט קיין מאַרק. אינמיטען הימעל שפּאַצירט-אַרום אַ ווילדע זון, וואָס ברענט און בראָט מיט העלישע פלאַמען, פונקט ווי דאָרט וואָלט געשטאַנען אַזאַ מאַשין, וואָס גיסט אויף דער ערד טייכען פייער. טיילמאָל דאַכט זיך, אַז די פלאַמען ברענען נישט, נאָר זיי בייסען, ווי מיט שאַרפע שפּיציגע ציינער. צווישען הימעל און ערד יאָגען זיך אַרום גאַנצע כמאַרעס פליגען, שורה׳לעך טויבען און דריי-עקס פון שוואַלבען.

עפּטער געהט-צו דער פעטער צום אָפענעם פענסטער, און יעדעס מאָל לאָזט ער איבער הינטער זיך אין דער לופט אַ זמר׳ל—די טראָפּ פון דער תורה:

—עשה לך שתי חצוצרת כסף מקשה תעשה אתם...

דאָס פנים מיט די ברייטע נאָזלעכער זיצט איהם זעהר צופרידען אין דער געדיכטער ווייכער באָרד, פונקט ווי אין אַ ווייכען בעט, און די אויגען טאַפּען דעם מאַרק מיט אַ כיטרע פייערל. מיט איין קוק ווייס ער, ווער פון וועמען וועט דאָ פערדינען און וואָס וועט ער, דער פעטער חיים, האָבען דערפון. דער פעטער חיים איז בטבע נישט קאַרג און נישט גיריג, אַ ליבער געמיטליכער מענש איז ער, דאָך אָבער ווייס ער זעהר וואויל, אַז דערדאָזיגער מאַרק מיט זיין געפילדער און טאַראַראַם וועט איהם שוין אויסצאָהלען צו דער וואָך זיין פּאָרציע געלד. קיינער ווייס אייגענטליך נישט, וואָס דער פעטער חיים טהוט, קיין בעשטימטע פרנסה האָט ער נישט. ער קאָן אויך נישט זאָגען קיינמאָל, אַז מאָרגען אָדער איבערמאָרגען אָדער איבעראַיאָהר וועט ער האָבען אַ בעשטימטע סומע געלד. מען ווייט נאָר, אַז פון צייט-צו-צייט גיט ער אַ טאַפּ מיט די אויגען דעם מאַרק, נאָכדעם רוקט ער זיך אַרויס פון שטוב אין מאַרק אַריין, אינ׳ם רעכטען געדיכטען קנויל פון די שרייער, דינגער, לויפער און טומלער; דאָרט פערפלאָנטערט ער זיך עפּיס מיט אַ פּאָר געלע יודלעך, מאַכט טאַ

די הענד, טהוט אַ ווייז מיט אַ פינגער אין מזרח און אין מערב, שאָקעלט-צו מיט'ן קאָפּ, פּאַטשט-אָן די יודלעך אין פּלייצע און קעהרט זיך אום צוריק אין שטוב אַריין מיט געלד און מיט אַ תורה-זמר'ל.

—און גאָר נישט גע'דאגה'ט, דבורה...—גיט ער אַ זאָג צו דער ווייב און וואַרפט זיך אַריין מיט פערשפּרייטע הענד אין אַנ'-אַלטען אויסגעזעסענעם פּאַטעל אויף דריי פיס.

און קיינער דאגה'ט טאַקי נישט. אַ שטוב מיט מיידלעך—און מען דאגה'ט נישט. מען ווייס גאָרנישט, וואָס דאָס איז אַזוינס. מען ווייס דאָ אויך נישט פון שווערע פראַגען, פון גרוי-סע וועלט-קאַטאַסטראָפעס און שטילען אינטימען צער. די בייזע ידיעות, אַז זיי קומען אויף דער שוועל פון פעטער חיים'ס הויז, ווערען תיכף-ומיד איבערגעשמאָלצען און געלינדערט, און פון אַ מבול מיט שרעקליכע געוויטערס ווערט דאָ אַ שפּריירעגענדעל און פון ערדציטערניש—אַ חתונה. אַלע האָבען דאָ בלויע אויגען און גלאַטע ברייטע שטערענס, און מען קוקט מיט די בלויע אויגען אין ליכטיגען טאָג אַריין, ווי יונגע זאָרגלאָזע חיות פון אַ גערוימער נאָרע אַרויס. אַ גאַנצען טאָג זידט דער סאַמאָוואַר און אַ גאַנצען טאָג קנאַקט עפּיס אין אויוועך און אין די צימערן שפּאַצירען-אַרום דינע ריח'לעך פון געבראָטענס. די לינקע וואַנד אין קיך איז אינגאַנצען פערשטעלט מיט טעלער און לעפעל און ביי דער רעכטער וואַנד שטעהען פּוזאַטע צעבערס און עמערס און דייזשעס און זעק. אַלע זענען פול און יעדער איינער האָט עפּיס אַנ'אַנדער ריח. דער אויוועך אַליין זיצט אינמיטען קיך מיט גרויס רחבות, מיט אַ גרויסען שוואַרצען מויל, פונקט ווי ער וואָלט זאָגען: וואַרף, וואַרף, וועסט הנאה האָבען. די מוהמע דבורה איז אַ הויכע און קרענקליכע פרוי, אָבער דאָס איז יענע קרענקליכקייט, וואָס לאָזט זיך עפּטער זעהן ביי גוטע בעל-הבית'טעס, וואָס שוואַנגערן אַלע יאָהר און וואָס האָבען אין שטוב פון כל-טוב. פון טיש געהען קיינמאָל נישט אַראָב קיין רויטע גלעזער טיי מיט טעצעלעך איינגעמאַכטס. די סליאָעס איינ-געמאַכטס שטעהען אין קיך אויף אַ בעזונדער פּאָליצע, ווי יחסנים,

און עפּטער הויבט זיך אויף איינע פון די ניין מיידלעך, נעהמט-
אַראָב פון פּאָליצע אַ סלאָי איינגעמאַכטס און טראָגט איהם אין
אָרעם, ווי אַ קינד, אין עסצימער אַריין. אין עסצימער זענען
שטענדיג פאַרהאַן קייער, עסער. שטענדיג מאָהלט דאָ עמיץ מיט
די צייהן, ווי מיט אַ מאַשינדעל, און אַ האַנד טראָגט דאָ שטענ-
דיג עפּיס פון טיש אין מויל אַריין. אפילו די ווענד קוקען
דאָ הונגעריגע און מיט אַ שווערער טענה: גזלנים, גיט אונז
אויך עפּיס. אַז מען קוקט אויף דעם פּעטערס ברייטען הויף מיט
דעם קערנדיגען הויז, וואָס איז אויך עהנליך צו עפּיס אַ זאָרגלאָז
גרוי בעשעפעניש מיט שמייכלענדיגע פענסטער-אויגען, דאַכט זיך,
אַז זיי שטעהען אויף דער לבנה און נישט אויף דער ערד.

די שוועסטער קריגען זיך קיינמאָל נישט צווישען אייגאַנ-
דער. פערקעהרט, זיי לעבען נאָך צו-גוט צווישען זיך און מאַ-
כען-נאָך, קרימען-נאָך איינאַנדער. די יונגערע סטאַרען זיך צו
געהן ווי די עלטערע און די עלטערע פערגעסען זייערע יאָהרען
און מאַכען-נאָך די יונגערע. צוליב דעם איז שטענדיג אַ צומישע-
ניש און מען קאָן קיינמאָל נישט וויסען, ווער פון זיי איז די
עלטערע און ווער די יונגערע. געהט איין מיידעל אַוועק פונ׳ם
שפּיגעל, געהט באַלד צו אַ צווייטע און מאַכט די אייגענע מי-
נעס און די אייגענע בעוועגונגען, וואָס די ערשטע. געהט-אַוועק
די צווייטע, קומט אַ דריטע און אַזוי כסדר. נעהמט איינע אַ בוך
אין דער האַנד, בעפאַלט באַלד אַלעמען אַ חשק צו לייענען און
איבער דער שטוב צוטראָגט זיך אַ געדיכטער שאָרך פון איבער-
געקעהרטע בלעטלעך. אַ צעהן מינוט בלעטערט מען די ביכלעך
אין די הענד, מיט אויגען, וואָס לייענען נישט, ביז איינע הויבט
זיך אויף און לויפט-אַריין אין עסצימער. דעמאָלט מאַכען אַלע
צו די ביכלעך און מען לויפט איהר נאָך, ווי אַ סטאַדע גענז.
דאָס בעסטע צימער איז דאָס עסצימער—דאָרט קאָן מען עסען
וויפיל מען וויל און מען בעדאַרף נישט קנייטשען דעם שטערען
איבער ביכלעך. שבת אָדער יום-טוב, בשעת דעם פּעטערס קרענ-
קליכע ווייב פּוצט זיך אויס אין איהר שמאָלען יאַקעלע מיט בו-
פעס און אין איהר ברייטען קלייד, ווי אַ ראָד, ווערט זי וואונ-

דערליך יונג און מיידעלש און זעהט-אויס, ווי אַ שוועסטער פון די מיידלעך. אין שטוב טראָגט זיך אַ געלעכטער, ווי אַ שטראָם אין פריהלינג, און אין דעמדאָזיגען געלעכטער שניידט זיך אַריין פון דער זייט דעם פעטערס גאָז-זמר׳ל. די מאַמע מיט די טעכ-טער שטיפען. צעפּ צאַפּלען זיך איבער צעפּ, הענד פלעכטען זיך מיט הענד, קליידלעך פּאַלבען זיך איבער שלאַנקע פיס און עס דאַכט זיך, אַז די גאַנצע שטוב דרעהט זיך אין אַ ווילדען טאַנץ. אַ געדיכטער מיידעל-ווינד דרעהט זיך צוריק און קיהלט אַלעמען די צוהיצטע באַקען.

בלויז איין מיידעלע איז נישט עהנליך צו איהרע שווע-סטער. דאָס איז טעמעלע, אַ ווייס שניי-מיידעלע פון אַ יאָהר פופצעהן. אַ ווייסקייט פליסט איהר אַרויס פון די אויגען, פון די האָהר, פון האַלז און די הענד, און עס דאַכט זיך, אַז די-דאָזיגע ווייסקייט קאָן מען אָנטאַפּען אָדער איינזאַפּען אין זיך. אין שטוב מאַכט זי דעם איינדרוק פון אַ פויגעל, וואָס פלאָנטערט זיך אין אַ פרעמדען נעסט. איהרע שוועסטער זענען הויך און ברייט, זי איז שמאָל און שלאַנק, ווי אַ יונג בעראָזעלע; איהרע שוועסטער געהען שנעל און רוישיג, שטעלען ברייטע טריט, זי געהט גאָרנישט. זי בעוועגט זיך נישט—זי וואַקסט נאָר אויס, ווי אַ לבנה-שטראַהל, און ווי אַ לבנה-שטראַהל טוישט זי דאָס אָרט; איהרע שוועסטער לאַכען און שטיפען און ראַנגלען זיך, זי איז שטענדיג אַליין און בעזונדער און פערטראַכט, פונקט ווי זי וואָלט געהערט עפּיס אַ ווייטע מעלאָדיע; איהרע שוועסטער עסען אַ סך, טרינקען גרויסע גלעזער טיי, ווי מאַנסביל, זי קומט זעלטען אַריין אין עסצימער; איהרע שוועסטער געהען פאַרנאַכט שפּאַצירען מיט גאַנצע מחנות מיידלעך, זי שפּאַצירט אַמאָל הינ-טער׳ן בית-עולם מיט אַ יונגעל. איהרע אויגען זענען ווייסע, שטעהענדיגע, אונבעוועגליכע, פונקט ווי זי וואָלט נישט געקוקט מיט זיי, נאָר מיט אַנדערע אויגען, וואָס זענען איהר פערבאָר-גען ערגעץ אין די ווינקלען קאָפּ. פון איהרע שטעהענדיגע אוי-גען און פון דער קאַלטער ווייסקייט, וואָס פליסט פון איהר ערפער, ווערט עפּיס נישט היימליך, אָבער אין דער אייגענער

צייט ציהט צו איהר, ווי מיט אַ נעץ. אַ יונגעל בעקוקט שטענדיג, נישט-ווילענדיג, איהרע שלאַנקע פיסלעך, איהרע געשניצטע אָרעמס און פערשטעהט נישט, צו וואָס ער קוקט. אַ דערוואַקסענער מאַנסביל וואַרפט אויך אויף איהר אַן אויג און רייסט זיך פלוצלונג איבער אין זיינע קאַלטע וואָכעדיגע מחשבות. די שטילע לופט אַרום איהר איז שטענדיג אָנגעזאַפּט מיט עפּיס אַ סכנה און מען ווייס נישט פאַרוואָס און צוליב וואָס. עס שרעקט איהר שטעהענדיג אויג, איהרע ווייסע האָהר, ווי געוואַשענער פלאַקס, איהרע שלאַנקע פיסלעך און איהר קשה'דיגע אונבעוועגליכקייט. טיילמאָל דאַכט זיך, אַז זי האָט געוואַלטיגע סודות, אַז זי גיט עמיצען רמזים און וואַרט אַן ענטפער פון דער לופט. איהר שמייכעל איז אויך אַן אויסטערלישער: ער איז קורץ, קלוג און שטיל. און בשעת די ליפּען שמייכלען, קוקען די אויגען קאַלט, ווי צוויי ווייסע חלפים. אין שטוב זיצט זי דאָס רוב אין אַ ווינקעל, אָדער זי שטעהט ביים פענסטער און קוקט ערגעץ אונטער'ן קליינשטעדטעלדיגען הימעל. איהרע טריט הערט מען נישט, ווי מען הערט נישט איהר אָטעם. אַ קול האָט זי אַ שטילען, אַ ווייכען און אַן אָבגעהאַקטען, און אַז זי רעדט, דאַכט זיך, אַז זי זאָגט נישט דאָס, וואָס זי וויל זאָגען. אין שטוב האָט מען זי נישט ליב. די שוועסטער ריידען מיט איהר זעלטען און די מוטער, אַז זי רעדט וועגען איהר, זיפצט זי טיף אָב און זאָגט עפּיס מיט אַ טאָן פון בעדויערונג:

—זאָל מיר גאָט נישט שטראָפען פאַר די ווערטער, איך ווייס נישט, וואָס דאָס איז פאַר אַ מיידעל... אין וועמען זי איז געראָטען...

משה'לע האָט מורא פאַר איהר, אָבער עס ציהט איהם צו איהר, ווי מיט טויזענדער שטריק. ער פיהלט עפּיס אַ קלעפּיגקייט צו איהר, פונקט ווי די לופט אַרום איהר וואָלט זיך געקלעבט און וואָלט איהם נישט געלאָזט אַוועקגעהן פון איהר. באַלד פון דער ערשטער מינוט, ווי ער איז נאָר אַריין צום פעטער חיים אין הויז, האָט ער דערשפּירט די קלעפּיגע לופט אַרום איהר און באַלד פון דער ערשטער מינוט האָט איהם די

קלעפּיגע לופּט אַוועקגעריסען פון די פרעהליכע שוועסטער און געהאַלטען איהם נעבען טעמעלע׳ן, ווי אין אַ שטייג. די בעקלעך האָבען איהם געפלאַמט, אין די שלייפען האָט געהאַקט און ער האָט זיך געשעמט אויפצוהויבען די אויגען. עס איז זיך נישט געווען וואָס צו שעמען, אָבער ער האָט זיך געשעמט מיט׳ן גאַנצען בלוט, מיט יעדען נערוו. און אין דער אייגענער צייט האָט ער געשפּירט, ווי אַנ׳אונבעקאַנטע וואַרימקייט צוגיסט זיך אין איהם, אַ וואַרימקייט, וואָס איז עהנליך צו אַ זינד, און ער וואָלט אייביג אַזוי געזעסען נעבען דער שניי-ווייסער מיידעלע, אין דער קלעפּיגער לופט.

משה׳לע רעדט מיט איהר וועניג, און בשעת ער רעדט מיט איהר, ציטערט איהם דער קול. ער פערשטעהט זי נישט, ער קאָן זי נישט בעגרייפען, ער קאָן אפילו נישט טראַכטען וועגען איהר, אָבער ער פיהלט, ווי איהרע צוויי ווייסע נישט-זעהענדיגע אויגען טאַפּען איהם, ווי לבנה-שטראַהלען און ציהען איהם צו זיך, צו איהרע שלאַנקע געטאָקטע פיסלעך אין שוואַרצע זאָקען, צו איהר יונגען אָרעם, צו איהר האַלז. טיילמאָל פּרובט ער זיך ראַנגלען און וויל אַרויס פון דעמדאָזיגען כשוף, אָבער בשעת ער זעהט-איין, אַז דאָס איז שווער פאַר איהם, אַז דאָס איז איבער זיינע כחות, וויל ער שוין בעסער, אַז אַלע זאָלען אַנטרונען ווערען פון שטוב און ער זאָל בלייבען אַליין מיט טעמעלע׳ן. וואָס וואָלט ער געטהאָן מיט איהר? ער ווייס נישט, ער קאָן עס נישט וויסען, אָבער ער וואָלט זיך דערנעהנט צו איהר, ער וואָלט זיך צוגעקלעפּט צו איהר מיט׳ן קאָפּ, מיט די הענד און פיס. ער פיהלט, אַז ער מוז זיך צוקלעפּען צו איהר, ווי זעהר אַ מידער מענש וויל צומאַכען די אויגען.

קיינער אירצט נישט משה׳לען ביי די פעטערס אין שטוב, אָבער זי אירצט און בעטאָנט דורכ׳ן אירצען איהר מיידעלשע רייפקייט.

—איהר וועט דאָ נאָך לאַנג פערברענגען?—פרעגט זי מיט איהר אָבגעהאַקטען קול, און עס שפּירט זיך נישט, ווי זי אטעמט.

—נישט לאַנג...

—פאַרוואָס איילט איהר זיך?

—איך מוז... אַוועקפאָהרען...

—איהר מוזט?

די צוויי ווייסע חלמים טאַפּען איהם מיט די שפּיצען די נשמה, און איהם דאַכט זיך, אַז זי איז איינגאַנצען אַריין אין איהם און זוכט אין איהם, ווי אין אַ טונקעלען שאַנק. זי בעוועגט זיך אין איהם און מאַכט דאָרט אַזוינע שטילע טריט, ווי זי מאַכט אין שטוב, און משה׳לע פּיהלט, אַז עס פּערפעלט איהם אָטעם. וואָס וויל זי פון איהם? וואָס איז זי פאַר אַ מיידעל?

—איהר מוזט?—פרעגט זי איבער און בעזעצט זיך טיפער אין איהם.

—איך וויס...—פערהאַקט זיך משה׳לע און זיינע בעקלעך ווערען בעדעקט מיט הייסען בלוט.

—איהר פּלאָנטערט זיך נישט... ענטפערט, וואָס מען פרעגט אייך...

—צו וואָס בעדאַרפט איהר מיך?..—שטאַרקט זיך משה׳לע, ווי אַ מענש וואָס טרינקט זיך און מאַכט די לעצטע אָנשטרענגונג צו ראַטעווען זיך.

—איהר פערבלייבט דאָ...—הערט ער שאַרפער איהר קול, אָבער ער קלינגט, ווי אַ צוגעדעקטער. ווי אַ סוד.

—און אַז איך וועל נישט פערבלייבען?..—שטאַרקט זיך משה׳לע ווייטער.

—ניין, איהר וועט פערבלייבען.

—און אַז איך וועל אייך נישט פאָלגען?—פּרובט ער זיך אפילו שפּאַסען.

—איך זאָג אייך, שווייגט...

—וויל איך נישט שווייגען...

—ניין, שווייגט.

אין צימער בעווייזט זיך די מוהמע און טעמעלע גיט פּלוצלונג לייכט אַ פרעג:

—אַ טראַמוואַי געהט ביי אייך אין שטאָדט?

און איהר קול איז איצט נישט פאַר זיי ביידען, נאָר פאַר דער גאַנצער שטוב.

—משה'לע,—רופט איהם די עלטערע טאָכטער,—קום אין גרויסען צימער, וועלען מיר טרינקען טיי מיט מאַלינעס.

משה'לע הויבט זיך אויף און געהט, אָבער געהענדיג, שפירט ער, ווי עס ציהען איהם ביז וועהטאָג די שטריק, וואָס בינדען איהם צו טעמעלע'ן. זיי ציהען איהם צוריק צו דער קלעפּיגער לופט און צו די צוויי אויגען, ווי קאַלטע ווייסע חלומים. און באַלד נאָכ'ן טיי זיצט ער שוין ווידער אין דער קלעפּיגער לופט, אויף דעם אייגענעם אָרט, וואָס פריהער. ער ווייס אפילו נישט, ער געדענקט נישט, ווי אַזוי ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון דעם קנויל שוועסטער און זיך דאָ אַנידערגע-זעצט. דאָס אַלץ איז אַזוי ווי געשעהן אָהן זיינע אויגען און אָהן זיין זכרון. ער האָט זיך שוין פיינט דערפאַר, וואָס ער איז אַזוי שוואַך און קאָן נישט אַרויס פון דעמדאָזיגען כשוף און ער האָט זיך פיינט דערפאַר, וואָס ער רויטעלט זיך ווילעוויז, ווי אַ קליין יונגעל צווישען קלוגע דערוואַקסענע מענשען. אָבער ער קאָן זיך נישט אויפהויבען און קאָן נישט אַוועקגעהן. דאָס איז איבער זיינע כחות.

—און אויב איהר ווילט... קאָנען מיר געהן שפּאַצירען הינטער'ן בית-עולם...—הערט ער ווידעראַמאָל איהר קול, וואָס שוואַכט איהם אָב אַלע שרייפעלעך פון זיין ווילען.

—איך ווייס נישט, צי איך וועל האָבען צייט...

—איהר וועט האָבען.

—אָבער אַז די באָבע...

—איהר זענט אַ נאַריש יונגעל...

משה'לע לאָזט-אַראָב די אויגען און וויל זיך צעווייַנען פון עגמת-נפש, פון שוואַכקייט און פון דעמדאָזיגען כשוף, וואָס האַלט איהם געפאַנגען, ווי די מכשפות האַלטען געפאַנגען די פּרינצען אין זלמנ'ס מעשה'לעך. ער בעשליסט ביי זיך, אַז מעהר זאָל ער נישט געהן צום פעטער חיים, אָבער דערדאָזיגער בעשלוס

ווערט תיכף אויסגעלאָשען אין איהם, ווי פייער אין וואַסער. און ווידער הערט זיך איהר קול:

—מאָרגען פאַרנאַכט געהט דער טייטש אויפ׳ן שטריק, נאָכ-דעם וועלען מיר געהן שפּאַצירען...

—אָבער אַלע וועלען געהן?..

—אַלע, אָבער איהר וועט געהן מיט מיר...

—פאַרוואָס אַזוי?..

—איהר זענט אַ נאַריש יונגעל... איך האָב עס גאָרנישט געוואוסט...

—טעמעלע...

—יאָ, מען רופט מיך טעמעלע.

משה׳לע ווישט זיך איבער דעם שטערען, ווי אַ דערוואַקסענער מידער מענש, וואָס ווייס פון גרויסע אינערליכע אָנשטרענגונגען און איבערלעבונגען. עס איז איהם אַלצאיינס, עפּיס אַ קאַלטע גלייכגילטיגקייט בעהערשט איהם, און ער קוקט זיך אַרום, ווי אַ מענש, וואָס זיצט אין אַ תּהום און ווייס, אַז ער וועט נישט אַרויס פון דאַנען. אָבער פּלוצלונג רופט ער זיך אָן:

—קעגען אונז וואוינט אַ מיידעלע... שיינדעלע הייסט זי. איך לעב מיט איהר ווי מיט אַ שוועסטערל...

—וואָס, וואָס דערצעהלט איהר?

—גאָרנישט...

—שיינדעלע האָט איהר געזאָגט...—און אין האַלז נעהמט איהר טאַנצען אַ מין גלעכטערל, פּונקט ווי עמיץ וואָלט דאָרט געקלאַפּט מיט אַ האַמערל אין גלאָז.—שיינדעלע איז אַ מאוס מיידעלע און איהר זענט אַ מאוס יונגעל.

—ניין...—פּרובט ער זיך וועהרען און פערהאַקט זיך: איהר כּח שמידט איהם ווי אין קייטען.

—שיינדעלע איז מאוס און איהר זענט מאוס. איך האָב אַ מאוס׳ען שוועסטערקינד. געהט, וואָס זיצט איהר נעבען מיר...

איצט איז אייגענטליך די בעסטע צייט זיך אויפצוהויבען און אַריינגעהן אין צווייטען צימער, דאָרט, וואו די שוועסטער לאַכען געזונד און רוישיג. אָבער ער קען עס נישט טהאָן, עפּיס

פרעמד איז געוואָרען דער גוף, און פרעמד איז ער אינגאַנצען געוואָרען, און פון דעם פריהערדיגען משה׳לען איז אַזוי ווי געבליבען הענגען אין לופטען אַנ׳אויג, וואָס קוקט איהם אָן און חדוש׳ט זיך. דרויסען גנב׳עט זיך אַרויס דער טאָג פון אונטער די טונקעלע סאַמעטענע אָוועגד-הענד, פונקט ווי אַ גאָלד-געלאָקטער יונגעל אַנטלויפט פון אַ זיידען, און אין דער פּערטראַכּטער לופט פאַלט-אַריין עפּיס ווייטעס פון טעמעלעס האַלז, הענד און אויגען. און משה׳לע דערשפּירט מיט אַמאָל איין הייסען בעגעהר, איין אונבעקאַנטען פערלאַנג, וואָס לאָזט זיך נישט צוימען פון געדאַנק:

—צוקלעבען זיך צו איהר... צוקלעבען זיך.

ווי אין אַ חלום הויבט ער זיך אויף, צוזעגענט זיך מיט׳ן פעטערס טעכטער, מיט׳ן פעטער, מיט דער מוהמען און געהט צו דער באָבען אונטער אַ פּערטראַכּטען הימעל מיט אַ ליכטיגען אָוועגדשטערען, וואָס ציטערט אין דער הויך, ווי אַ גאָלדען שנייעלע. ער געהט מיט רבקה׳לען, דעם פעטערס עלטערער סאָכטער און זיין האַנד ליגט אין איהרער. רבקה׳לע איז אַ געוועהליך ליב מיידעל, און, געהענדיג מיט איהר, קומט משה׳לע צו זיך פונקט ווי פון אַ חלשות. עס קעהרט זיך אום צוריק דער פריהערדיגער משה׳לע, און די צוריקגעקומענע כחות שווענקען אַראָב ווי אַ וואַסער דאָס אַלץ, וואָס ער האָט פריהער איבערגעלעבט. וואָס שטאַרקער ער דערשפּירט זיך, אַלץ שוואַכער און בלאַסער שטעהט איהם טעמעלע אין דמיון און אַלץ שענער, העלער און ווייכער שיילט זיך איהם אויס שיינדעלע אין זכרון, און בשעת שיינדעלע נעהמט איהם שמייכלען נאָהנט און וואַרים און ער דערזעהט דייטליך אין זכרון איהרע אויסגעשאָרענע ליפּעלעך, דערשפּירט ער זיין אינגאַנצען בעפרייט פון טעמעלעס כשוף, פון איהרע חלפים-אויגען. איצט האָבען זיי איבער איהם קיין שום שליטה נישט.

פון רבקה׳לען פאַלט אויף איהם אַ וואַרימקייט, ווי פון אַ מאַמען, און אַ מאַמע קוקט איהר אויך פון די בלויע אויגען אַרויס. עס איז נאָר אַ וואונדער, וואָס אַרום איהר פלאָנטערן זיך

נישט קיין קליינע קינדער, אין העמדעלעך מיט פעררייסענע נע-זלעך. אָבער אַז מען קוקט זי בעסער אָן, דאַכט זיך, אַז פאַר איהר זענען שוין ערגעץ אָנגעגרייט אַ צעהן קינדער, וועלכע זי וועט האָבען איינס נאָכ׳ן אַנדערן באַלד ווי עס וועט נאָר קומען די צייט. אויב זי לאַכט נישט, איז מיט איהר זעהר-לייכט און אָנגענעהם צו ריידען, און משה׳לע זאָגט-אַרויס אָהן אָנשטרענ-גונג, רוהיג, ווי אַ גלייכער צו אַ גלייכען:

—רבקה׳לע, איך וואָלט געוואָלט מיט דיר צוזאַמען געהן זעהן דעם טייטש...

—נו, דו ועסט דאָך געהן מיט מיר...

—יאָ, אָבער...

—וואָס אָבער?

משה׳לע געפינט נישט די געהעריגע פאָרם, ווי אַזוי צו זאָגען רבקה׳לען, אַז ער וויל נישט געהן מיט טעמעלע׳ן. דאָס איז אַ דעליקאַטע זאַך און מען בעדאַרף עס קאָנען זאָגען. די מוטערליכע וואַרימקייט, וואָס וועהעט אויף איהם פון רבקה׳לען, דערוועקט אין איהם אפילו אַ חשק איבערצושמועסען מיט איהר וועגען טעמעלע׳ן עטוואָס אויספיהרליכער, דערצעהלען איהר פון דעם גאַנצען אַנגסט, וואָס זי האָט איהם פערשאַפט און בעטען, זי זאָל איהם בעשיצען פון איהר שוועסטער. אָבער אַז ער וויל אָנהויבען ריידען, שפירט ער זיך אַזוי ווי אַ שטומער, די צונג בעוועגט זיך נישט. עס איז אייגענטליך נישטאָ וואָס צו זאָגען, ווייל טעמעלעס האַנדלונג איז עפּיס אַ זאַך, וואָס לאָזט זיך נישט בעצייכענען מיט ווערטער. און וויל מען עס דערצעהלען, איז נישטאָ וואָס.

פאַר דער באָבעס שטוב צוזעגענט זיך מיט איהם רבקה׳לע. זי גיט איהם אַ קוש אין שטערען און געהט-אַוועק. דער קוש דערמאָהנט איהם זיין מאַמען. זיין מאַמע האָט זיך אויך אַזוי געקושט. די אייגענע בעריהרונג פון די ליפען און דער אייגע-נער קלאַנג. רבקה׳לע דערווייטערט זיך, ווי אַ הויכער שווימענ-דיגער בוים. אַ ווייך אָוועַנד-ווינטעלע דערטראָגט איהם נאָך דעם ריח פון איהרע קליידער, און ער קוקט איהר נאָך ביז די ווייַ-

טע טונקעלקייט נעהמט זי אַריין אין איהרע אָרעמס. דעמאָלט לאָזט ער איבער דעם טונקעלען דרויסען, וואָס רוישט מיט זיין שווערען שטילשווייגען, ווי אַ גרויסער, לאַנגזאַם-געהענדיגער טייך, און עפענט די טיר פון דער באָבעס ליכטיגער שטוב. אַ קליינע געשטאַלט, וואָס לעבט מיט איין האַלבען גוף אויף יענער וועלט און מיט׳ן צווייטען אויף דער, הויבט זיך אויף פון באַנק מיט בישט-געבויגטע קניה און פאַלט אויף איהם אַרויף מיט אויסגע-שפרייטע הענד.

—וואו ביזטו געוועזן אַזוי לאַנג?—פרעגט איהם די באָבע מיט אַזאַ האַרצציטערניש אין קול, אַז משה׳לע פערגעסט אויף אַ ווײַלע, וואו ער איז געוועזן און איהם דאַכט זיך, אַז ער איז געקומען פון אַ ווייטען לאַנד.

—ביים פעטער חיים בין איך געוועזן...—זאָגט ער אַרויס מיט אַזאַ טאָן, פונקט ווי ער וואָלט זיך פערענטפערט.

אַ ווײַלע שטעהט די באָבע מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, אַזוי ווי זָהן מחשבות. נאָכדעם דרעהט זי זיך אויס, קעהרט-אָב די אַלטע אויגען צו משה׳לען און זאָגט-אַרויס מיט אַ טרויסלענדי-גען אָטעם, פונקט ווי דאָס האַרץ וואָלט איהר געהאנגען אויף אַ דינן שנירעלע און וואָלט זיך געבאָמבעלט:

—מיט טעמעלע׳ן זאָלסטו נישט האַנדלען... דו הערסט?

—פאַרוואָס?—פרעגט משה׳לע אַ דערשראָקענער, ווי אַ גנב, וועלכען מען האָט געכאַפּט ביי דער האַנד.

—פאַרוואָס? אַזוי...

—און די באָבע פערקוועטשט די ליפּען, שאָקעלט-צו מיט׳ן קאָפּ, קוקט שטרענג און ערנסט אין איין פּינטעל אַריין און די פּיאַטעס הויבען זיך איהר און לאָזען זיך לאַנגזאַם אַראָב, הוי-בען זיך און לאָזען זיך לאַנגזאַם אַראָב, פונקט ווי אַ שטאַרקער ווינד וואָלט בעוועגט אַנ׳אַלטען איבערגעבליבענעם סלופּ פון אַנ׳-איינגעפאַלענעם פּאַרקאַן.

די פערוויילונג.

עלפטעס קאַפּיטעל.

דער הימעל מיט דער רויטער אונטערגעהענדיגער זון הענגט איבער׳ן שטעדטעל, ווי אַ בלויע מיץ מיט רויטע בלוט-פלעקען. אין דער שטילער לופט דרעהען זיך אַרום טויבען מיט יענעם לייכטען און גראַציעזען פליהען, וואָס רופט שטענדיג אַרויס קנאה אין דעם מענשענס האַרץ. פון דער גאַנצער קופּע הייזער, וואָס ליגען דאָ צונויפגעוואָרפען און וואָס דרעהען זיך מיט די בוידעמשפּיצען אין פערשידענע ריכטונגען, שניידט זיך אַרויס דאָס פער׳חלומ׳טע קלויסטערל, פונקט ווי עס וואָלט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפ׳ן אַקסעל פון אַ הייזעל, און שפּריצט גלייך אין הימעל אַריין דעם גאָלדענעם שיין פון זיין צלמ׳ל. אויף אַ בערגעל, נישט ווייט פון איהם, זיצט די שוהל צווישען די אַרומיגע הייזלעך, ווי אַ גוטע באָבע צווישען קינדער, און דער אויבערשטער טייל, וואָס איז נישט לאַנג געקאַלכט געוואָרען, זעהט-אויס אונטער׳ן אַלטען דאַך, ווי אַ ברייטער ווייסער שטערען אונטער אַ שוואַרצען פּאַרוק. דער וועג צו דער שוהל איז אַנ׳אויסגעטראָטענער. די דריי גרויסע שטיינער, וואָס ליגען

אויפ'ן מיטען וועג, זענען אויסגעשאַרט און אויסגעטראָטען געוואָ-
רען. הונדערטער יאָהרען זענען דאָ יודען געגאַנגען אַהין-אין-
צוריק, ווי זיי טהוען איצט אויך דאָס אייגענע. אָבער די אַלטע
באָבע איז טריב: די יונגע מיידען ביסלעכווייז אויס דעמדאָזיגען
וועג. לינקס, אין טהאָל, וואו עס ליגען אויסגעטריקענטע ביינער
פון קעץ און צובראָכענע צדקה-פושקעס, שטעהט אַ בנין מיט
אויסגעהאַקטע שויבען און מיט אַנ'אונרוהיגען פייפענדיגען קוימענ-
דעל. דאָס איז די איינציגע פאַבריק אין שטעדטעל—אַ שוועבעל-
פאַבריק. אַלע פאַרנאַכט שפייט-אויס דאָס גרויסע פאַבריק-טויערל
אַ דרייסיג באָרוועסע גויעס מיט צעראָבגעהאַנגענע לעדיגע בריסט,
אַ צעהנדליג בלאַסע אומעטיגע פויערים מיט עטליכע אונרוהיגע
יודלעך, און דאָס קוימענדעל פייפט-צו מיט אַ בעזונדער מין
גרילצען, פונקט ווי עס וואָלט חוזק געמאַכט פון זיי. אין דער
ווייכער לופט פון די געסלעך, וואָס שמעקען מיט יוד, היי און
ציג, טראָגען-אַריין די פאַבריק-אַרבייטער דעם בייסיגען שווערען
ריח פון שוועבעל.

אָבער דאָס האַרץ פון שטעדטעל איז דער מאַרק, וואָס
ליגט, ווי אַ וואולקאַן צווישען שלאָף און שטילקייט, צווישען
רוהיגע היהנער, ציגען און הינד. אויף דעמדאָזיגען מאַרק האַנ-
דעלט מען אייגענטליך נישט, נאָר מען שפּרינגט, מען לויפט,
מען כאַפּט, מען רייסט און מען שרייט; מען קלאַפּט זיך אין
האַרצען, מען קנייטשט מיט די שטערענס, מען שוויצט, מען
גלאָצט מיט די אויגען, מען סטראַשעט מיט אָדערדיגע הענד,
מען קלעטערט איינע אויף די אַנדערע, מען שווערט און מען
פאָכט מיט די גאָזלעכער, ווי פערד אונטער אַ משא. דער גרוי-
סער מאַרק-עולם פלאַטערט און צאַפּעלט זיך, שווימעלט און גרי-
בעלט, פונקט ווי אַ ראָד וואָלט איהם געדרעהט און געמישט,
ווי מען מישט זאַמד און פון דערדאָזיגער צאַפּלעניש און מישע-
ניש, פון דידאָזיגע געדיכטע פלייצעס, הענד און פיס קוקען-
אַרויס לאַנגע, מרה-שחורה'דיגע קעפּ פון פערד מיט הויכע שפּי-
ציגע אויערן. קוקט מען פון ווייטען אויפ'ן מאַרק, דאַכט זיך,
אַז מענשען געהען דאָ אויפ'ן בויך, ווי פיש, אויף די זייטען,

אויפ׳ן קאָפּ און אויף די הענד. איבערגעקעהרטע פיגורען מאַכען זיך דאָ אַ וועג מיט׳ן קאָפּ און פיס טענה׳ן צו פיס. די קולות פון עולם לויפען-אַרום הויך איבער די קעפּ, ווי ווילדע פויגעל און לעשען זיך לאַנגזאַם אונטער די שטילע קליינשטעדטעלדיגע הימלען, די סחורה אַליין איז, אפנים, נישט אַזוי וויכטיג. וויכטיג איז דער וועג ווי אַזוי מען קומט צו איהר, ווי אַזוי מען קויפט זי און פערקויפט זי, און בשעת דער קונה נעהמט-צו די סחורה, האָט ער אַזאַ פּנים, פונקט ווי ער וואָלט גענומען אַ נדבה.

היינט איז דער מאַרק לעדיג. היינט איז דער וואולקאַן שטיל, ווי די אַלע קרומע געסעלעך, וואָס גיסען זיך אַריין אין איהם, ווי שמאָלע טייכעלעך. פון די קרעמלעך קוקען-אַרויס זקנים אָדער קראַנקע מיט פערבונדענע קעפּ, וואָס זיצען גע-וועהנליך אין שטוב. דאָס גאַנצע שטעדטעל איז געגאַנגען זעהן דעם טייטש אויפ׳ן שטריק. אויפ׳ן גריגעם פּלאַץ, אַנטקעגען דעם גלח׳ס הויז, אַ ברייט איינגעפונדעוועט הויז, עהנליך צום גלח, וואָס האָט אַ קורצען האַלז מיט אַ ברייטען שיטער-פליישיגען פּנים פון עסען אַ סך חזיר, פון טרינקען גאַנצע סאַמאָווארען טיי און פון שלאָפען גאַנצע טעג אין אַ בעט מיט צעהן קישענס און פּע-רענעס,—איז פערצויגען אַ שטריק איבער דיקע סלופּעס, און אַ קורצער דייטש מיט אַ מצה-פּנים, אָהן וואָנסען און אָהן אַ באָרד, מיט פינטעלדיגע גנב׳ישע אויגען און מיט א שוויגענדיג שמיי-כעלע צווישען צוויי פעטע ליפּען, שטעהט געבען אַ קאַסטען און טחוט זיך לאַנגזאַם איבער אין לייב-קאַליר. נישט ווייט פון איהם שטעהט דער אוריאַדניק אויף צוויי שלאַנקע לאַנגע פיס אין גלאַנציגע שטיוועלעך, מיט לאַנגע פעך-שוואַרצע וואָנסען און מיט אַ נאָז, וואָס דער שפּיץ איז צוגעקוועטשט צו דער אויבערשטער ליפּ. אונטער׳ן שטערען שווימען איהם אַרום צוויי אויגען, ווי צוויי שוואַרצע פּיראַטען-שיפעלעך און גלייכצייטיג קוקען זיי לינקס און רעכטס און פאָראויס, אויבען און אונטען. אַ גרוזין איז ער, און מיט אַ צוויי יאָהר צוריק האָט ער דערשאָסען עפּיס אַ מיידעל צוליב אַ ליבע. הינטער׳ן אוריאַדניק שטעהט אַ געדיכטע וואַנד פון יודען, ווייבער, בחורים, מיידלעך, קינדער און פּויע-

רים, וואָס קוקען ווי מיט קליינינטשקע גרויע גלעזעלעך, אַריינ-
געשטעלט אין האָהריגע שאַרפע אָבגעריסענע פנימ׳ער. די על-
טערע יודען האַלטען אין די הענד טאַבאַק-פושקעס און רויטע
נאָז-פאַטשיילקעס; די עלטערע ווייבער צערעווען, שטעהענדיג,
זאָקען און בעוועגען שנעל מיט די אַלטע פינגער; די מיידלעך
פרישע, אויסגעפּאַשעטע, ווייס-בעקעלדיגע, מיט קיילעכיגע אַקסלען,
מיט הויכע בוזימס און בחור׳שע הענד, לאַכען, סוד׳ען זיך צווי-
שען איינאַנדער און וואַרפען זייטיגע אויגלעך צו די יונגעלייט.
די יונגעלייט, ווידער, מאַכען זיך נישט זעהענדיג, שטעהען פעסט
און מאַנסבּיליש אויף זייערע ערטער, ווילען נישט מחיה-זיין די
מיידלעך מיט אַ גנבֿ׳ישען בליק און קוקען אַרום זיך מיט יענער
בעגרענצטקייט, מיט וועלכער עס צייכענען זיך. אויס קליינ-
שטעדטעלדיגע בחורים. ביי די פיס פון דער מענשען-וואַנד איז
וואו-נישט-וואו אַרויסגערוקט אַ שאַרפער בייגיריגער שנוק פון אַ
הונד. דאָס בעסטע אָרט האָט אָבער דער גלח: פון איין פענ-
סטער קוקט ער אַרויס מיט זיין שיטער-פליישיגען פנים, בע-
שאָטען מיט קראַנקע קורצע העהרעלעך, ענליך צו טרוקענעם
סטעפ-גראָז; פון אַ צווייטען פענסטער קוקט-אַרויס דאָס ווייב,
וואָס האָט אַ גרויסען טרויסלענדיגען בויך און איז צוויי מאָל
אַזוי ברייט, ווי דער מאַן; פון דריטען פענסטער קוקען-אַרויס
די קינדער מיט דער דינסט. די קינדער—צוויי ראָז-מיילינע,
בלוי-אויגיגע מיידעלעך מיט עפּעל-פנים׳לעך און אַ זוהן אַ לע-
מעשקע מיט אַ לאַנגען פערדישען קאָפּ, מיט גרויסע רויטע אָב-
געשטאַנענע אויערן, מיט אַ פייכטער נאָז און מיט אַ האַלז דין,
ווי אַ שטרוי.

אין דער ערשטער שורה שטעהט אויך משה׳לע מיט דעם
פעטערס טעכטער. ער האָט אויסגעפיהרט: מיט טעמעלע׳ן איז
ער נישט געגאַנגען. איצט שטעהט טעמעלע ערגעץ אין דער זייט
און שמועסט מיט אַ יונגען גימנאַזיסטעל, וואָס אויף זיינע בלי-
ששענדיגע קנעפּלעך פון ווייסען העמדעל שפּילט דער אונטער-
גאַנג פון דער רויטער זון. אייגענטליך שמועסט טעמעלע נישט.
 טעמעלע שמועסט קיינמאָל נישט. זי גיט נאָר אַ וואָרף אַ וואָרט

מיט אַ שווייגענדיגער צונג. דאָס גימנאַזיסטעל היצט זיך, שוויצט און לאַכט, אָבער ער איז אונרוהיג, עפּיס אַזוי ווי פערשעמט און האָט, קענטיג, שלעכטע מחשבות. ער איז געפאַנגען, דאָס גימנאַזיסטעל אָבער ער וויל זיין געפאַנגען, און זיינע אויגען מאַכען דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטען וועלען זיך אַריינ׳גנב׳ענען אין איהרע ווייסע קאַלטע אויגען.

אין צעהן מינוט אַרום שטעהט זי שוין מיט אַנ׳אַנדערן. דאָס איז אַ חנ׳עוודיגער האָרבאַטער יונגעל פון די פיינשטיינס— די סאַמע רייכסטע פאַמיליע אין שטעדטעל. אויף זיינע האָרבאַטע אַקסלען זיצט אַ בלאַס שען פּנים פון אַנ׳עלוי, אָהן אַ האַלז, און דאָס פּאַטילניצע ליגט איהם אויפ׳ן פּלייצע, ווי אויף אַ בענקעלע. זיינע צוויי שענע גוטע פערטראַכטע אויגען זענען אָנגעפּילט מיט יענעם טרויער, וואָס לאָזט זיך שטענדיג מערקען ביי האָרבאַטע. דאָס איז יענער טרויער, וואָס קומט פון נישט קאָנען אָבענטפערן גאָט פאַר זיין שווערער בעליידיגונג. אָבער דער האָרבאַטער איז אויך געפאַנגען און ער שטעהט אויך אין איהר ווייסען קאַלטען ליכט, ווי אַ בלינדער, וואָס ווייס נישט, וואו צו געהן. באַלד קומט צו אַ דריטער— מאַקאַר זינאָוויעוו, אַ קריסטליך צולאָזען יונגעל מיט זומערשפּרינקלעך און מיט צובלוטיגטע הענד. אָבער מאַקאַר זינאָוויעוו האָט גרויסע מעלות: ער קאָן, צום ביישפּיל, גנב׳ענען געלד פון דער מאַמעס בייטעלע, ער קאָן רייסען עפּעל פון פרעמדע גערטנער, ער קאָן פּאַטשען אַנ׳עלטערן, און אויב מען בעדאַרף, קאָן ער אויך אויף אַ פּאָר שעה צייט אַרויספיהרען אַ פערד פון אַ פרעמדען שטאַהל. בעשטראָפען מאַקאַר׳ן איז נישט פון די לייכטע זאַכען: ערשטענס, גליטשט ער זיך אַרויס פון די הענד, ווי אַ פיש, און, צווייטענס, איז זיין טאַטע אַ זעמסקי נאַטשאַלניק, און כאָטש דער טאַטע האָט נישט זעהר ליב דאָס זוהנדעל און שמייסט איהם עפטער אויפ׳ן רוסישען שטייגער, דאָך האָט ער פיינט, אַז פרעמדע בעשטראָפן איהם. מאַקאַר איז דער איינציגער, וואָס איז אויסער טעמעלעס מאַכט, און ער בעציהט זיך צו איהר, ווי אַ צולאָזען יונגעל בעציהט זיך צו מיידלעך.

—טעמעלע,—זאָגט ער,—לאָמיר געהן קלייבען יאַגדעס אין וואַלד, אָבער ביינאַכט, אינדערפינסטער...

טעמעלע ענטפערט נישט און מאַקאַר צוהאַכט זיך מיט שי־טערע שפיציגע צייהן. באַלד דערדיך גיט ער זיך אַ דרעה־אויף אויף ביידע פיס, בויגט־אַראָב אַנ'אָקסעל, ווי אַ יונג קעלבעל, וואָס וויל אַ בריקע טהאָן, און רייסט זיך אַריין מיט אַ זייט אינ'ם איינגען צונויפגעקלעבטען המון.

—טעמעלע,—רופט זיך אָן דער האָרבאַטער מיט אַ טאָן, ווי מען רעדט צו אַ מאַמען—קום בעסער אין פעלד. דו ווילסט זעהר זעהן דעם דייטש?

—און אַז איך וויל...

—קום אין פעלד, טעמעלע. פון דאָרט וועלען מיר אַריינ־געהן צו מענליק'ן אין גאָרטען. אַגרעסען האָט ער פאַר מיר אָנגעגרייט...

—ניין, איך וויל נישט,—זאָגט טעמעלע גלייכגילטיג.

—מיט מיר ווילסטו קיינמאָל נישט געהן...—קלאָגט דער האָרבאַטער, ווי אַ יתום.—איך וויים, מיט אַנדערע—יאָ, מיט מיר נישט.

—אָבער איך וויל זעהן דעם דייטש,—זאָגט טעמעלע און הויבט־אויף די ווייסע אויגען צום הימעל, פונקט ווי זי וואָלט געוואַרט אויף אַ רמז פון דאָרט.

—טעמעלע...—זאָגט דער האָרבאַטער און מאַכט־צו די אויגען.

זיין בלאַס פּנים, ווערט דורכזיכטיג, ווי גלאָז, און עס דאַכט זיך, אַז ער לעבט שוין נישט.

דער עולם נעהמט זיך בעוועגען מיט אַמאָל—די העלזער זענען אויסגעצויגען, די אויגען שפּרינגען פון די אויגענלעכער. די הינטערשטע רייהען שפּאַרען זיך צו די פאָדערשטע. דער דייטש מיט'ן מצה־פּנים, אָנגעטהאָן אין אַנ'אַלטען צופּלאַצטען טריקאָ, שטעלט־צו אַ לייטערל צו די סלופּעס און קריכט מיט אַ לאַנגען שטעקען אויפ'ן לייטערל. עס הויבט זיך אָן. עמיץ נעהמט קלאַפּען אין אַ פּויק. דער עולם האַלט־איין דעם אָטעם. פאַמעלעך

און לאַנגזאַם הויבט זיך אויף דער דייטש אויפ׳ן שטריק, און אָט וואַרפט ער אַרויס איין פוס און מאַכט אַ טריט, אַ צווייטען פוס און מאַכֿט אַ צווייטען טריט, באַלאַנסירענדיג מיט׳ן לאַנגען שטעקען. דער קאָפּ און דער גוף שטעהען איהם גלייך און אָהן בעוועגונג. ביי יעדען נייעם טריט בויגט זיך עטוואָס אויס דער שטריק און דער פוס טהוט זיך אַ וויג, און עס דאַכֿט זיך, אַז די גאַנצע סכנה ליגט אין דעמדאָזיגען וויג. אָבער דער דייטש געהט בשלום דורך דעם גאַנצען שטריק און געהט באַלד צוריק מיט׳ן רוקען. ווי פריהער, וואַרפט ער אַרויס איין פוס, נאָכדעם אַ צווייטען, און דער קאָפּ מיט׳ן גוף שטעהען איהם גלייך. אַז מען קוקט לאַנג אויפ׳ן דייטש מיט׳ן שטריק, ווערט דער שטריק צוזאַמענגעגאָסען מיט דער לופט, און עס דאַכֿט זיך, אַז דעם דייטשס קאָפּ שאַרט זיך אונטער׳ן הימעל. עס ווערט שרעקליך: אַ מענש געהט צווישען הימעל און ערד און פאַלט נישט אַראָב. די גרויע אַלטעגליכע לאָגיק זאָגט, אַז ער מוז אַראָבפאַלען, אַז ער בעדאַרף געהן אויף דער ערד און נישט דאָרט, וואו ער געהט, און זי, די לאָגיק, ווערט אויך אַזוי אָנגעשטרענגט, ווי דער דייטש. עס דאַכט זיך, אַז איהר וואָלט לייכטער געוואָרען, ווען ער וואָלט אַראָבגעפאַלען. מאַנכע קאָנען נישט קוקען און פערדעקען זיך מיט די הענד די אויגען. דער דייטש געהט-איבער דעם שטריק אַהין און צוריק, זעצט זיך נאָכדעם צו אויפ׳ן שפּיץ פון אַ סלופּ און ווישט זיך אויס דעם שווייס פון געזיכט. אין דער אייגענער רגע וואַקסען-אויס עטליכֿע געזונדטע יונגען מיט בלעכֿענע פושקעס אין די הענד און בויערן-אַדורך דעם מענשען-קנויל פון עטליכֿע זייטען. געלד בעטען זיי פאַר׳ן דייטש. דער עולם וואַרפט קופּערנע מטבעות אין די הילכיגע בלעכענע פושקעס און קאָן נישט קומען צו זיך פון התפעלות. דער מענש מיט דער שטריק זעהט-אויס, ווי אַ וואונדער, אין וועלכֿען עס גלויבט זיך קוים.

נאָך אַ קליינער הפסקה ווייזט זיך ווידעראַמאָל אין לופטען דער אונבעוועגליכֿער שטעהענדיגער גוף מיט די בלינדע געמאָסטענע טריט. דער דייטש געהט שוין ווידער אויפ׳ן שטריק. ער

געהט ווי פריהער פון איין סלופּ צום צווייטען. פּלוצלונג גיט זיך אַ וואַקעל דער אונבעוועגליכער גוף און אין לופטען פאַלט דער דייטש מיט'ן שטעקען. דער גאַנצער עולם טהוט אַ ציטער, ווי איין מענש, פּונקט ווי די ערד וואָלט זיך אויסגעגליטשט אונטער זייערע פיס. פון מאַנכע ערטער הערט זיך אַנ'אויסגעשריי פול אימה און שרעק. עפּיס אַ יונג ווייבעל פאַלט אין חלשות. אַ פויער נעהמט זיך קראַצען אין פּאַטילניצע מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען. אַ מאַמע רופט איהר קינד. מיידלעך פלעכטען זיך אַרום מיט די הענד, פּונקט ווי זיי וואָלטען געשטאַנען פאַר אַ תהום און וואָלטען מורא-געהאַט אַריינצופאַלען דערין. אָבער אַז מען הויבט-אויף די אויגען צום געפעהרליכען שטריק, זעהט מען, ווי דער דייטש הענגט אויפ'ן שטריק מיט'ן קאָפּ אַראָב, מיט די שפּיצען פיס אויפ'ן שטריק און וויגט זיך רחבות'דיג, ווי אַ שפּין אויף אַ שפּינוועבס-פאָדעם. פונ'ם וויגענדיגען מענשען דערטראָגט זיך אַ פערשטיקט גנב'יש געלעכטערל, פּונקט ווי אַ ווייט בילען פון אַ הונד. אונטער די ברייטע אַקסלען ליגט איהם דער קאָפּ, ווי אַ צוגעבונדענע קויל און די פיס זענען פונאַנדערגערוקט, ווי צוויי אָפּגעשנ ... ווי אַנ'אָפּענע שער. עטליכע מינוט וויגט זיך דער דייטש און נאָכדעם נעהמט ער הויבען דעם קאָפּ, ווי אַ שלאַנג, פון אונטען אַרויף. אַז דער קאָפּ קומט עטוואָס העכער פון דעם שטריק און דער דייטש איז אויסגעדרעהט, ווי אַ בויגעל, נעהמט ער זיך דרעהען האַסטיג און גיך, פּונקט ווי אַ מיהלראָד, און דער עולם, וואָס האָט זיך פריהער אַזוי דערשראָקען פאַר דעם אַראָבגעפאַלענעם דייטש, פילט איצט אַז די לופט מיט הילכיגען געלעכטער און פרעהליכע ווערטלעך. דער הימעל טונקט זיך אָב אין דער ערשטער אָווענד-גרויקייט, די זון איז שוין פערגאַנגען און אין דעם גלח'ס פענסטער זיצט דעם גלח'ס קאָפּ מיט אַזאַ ברייטען שמייכעל אויפ'ן פנים, אַז די ליפּען זענען איהם צוצויגען ביז די סאַמע אויערן.

דער דייטש ווייזט נאָך אַ פּאָר קונצען און קריכט-אַראָב אויף דער ערד. די פאָרשטעלונג איז געענדיגט. ביים קאַסטען טהוט ער זיך איבער, אָבער דער עולם רינגעלט איהם אַרום,

ווי אַ שוואַרצע קייט און קוקט איהם אָן מיט אַזוינע התפעלות׳-דיגע אויגען, פונקט ווי ער וואָלט נאָך ווייטער בעוויזען קונצען.

אַ פער׳כשופ׳טער, אָבער כמעט אַ דערשטיקטער, רייסט זיך משה׳לע אַרויס פון מענשענרינג, און אַז ער הויבט-אויף די אויגען און וויל זיך אָבאָטעמען, דערזעהט ער פלוצלונג טעמעלע׳ן. זי שטעהט האַרט נעבען איהם און איהר ווייסקייט שיילט זיך מאָדנע אויס אונטער די ווייכע אָוועגד-גאַרדינען פון הימעל. אין דער ערשטער מינוט וויל ער זיך פערבאָרגען, בעהאַלטען הינטער אַ מענשען, אַריינכאַפּען זיך צוריק אין דעם הייסען מענשענרינג, אָבער איהר ווייסקייט נעהמט איהם אַרום, ווי אַ קאַלטע האַנד, און ער פערלירט אינגאַנצען זיין ווילען. און אַ מאָדנע זאַך: איהר ווייסקייט דערוועקט אין איהם עפּיס אַ שוואַרץ חיה׳לע. בשעת ער קוקט אויף איהר, שפּירט ער בפירוש אַ שוואַרץ חיה׳לע אין זיך. דאָס חיה׳לע שפּרינגט אין איהם אַרום און בעט זיך צו איהר, און וויל זיך בעהעפטען מיט איהר ווייסקייט. אָבער משה׳לען דאַכט זיך, אַז ער ווערט אינגאַנצען שוואַרץ, ווי די נאַכט. ער איז שוואַרץ און זי ווייס. ווי אַ ליכט ווערט אין איהם אויסגעלאָשען דער ווילען, דער מח און די בעגייסטערונג צום הימעל און צו גאָט, צו אַנדערע און צו זיך, און עס ציהט איהם בלויז צו איהר ווייסקייט, אָהן מחשבות און אָהן איבערלעגונג, ווי עס ציהט אַ דורשטיגען צו וואַסער.

—קומט...—זאָגט טעמעלע אָבגעהאַקט.—וואָס שטעהט איהר דאָ?

—וואוהין?..—פרעגט משה׳לע מיט פערבאָרגענעם שרעק.

—קומט, מיר וועלען שפּאַצירען...

—דאָס לעצטע ביסעלע ווילען ווערט אין איהם אויסגעלאָשען, און ער געהט מיט איהר, ווי אַ מענש, וואָס געהט פערדאַרבען זיין עבר, זיין פערמעגען, זיין נאָמען און זיין אינערליך ליכט צוליב עפּיס אַנ׳אונבעקאַנטער און אונפערמיידליכער אַוואַנטורע בלויז דאָס שוואַרצע חיה׳לע טאַנצט אין איהם פון גרויס תענוג און נצחון און מעקט אין איהם אויס אַלע מחשבות און זאָרגען. און אפילו דער דייטש מיט זיין שטריק ווערט איהם אויך פערשוואונדען אין זכרון.

איבער'ן שטעדטעל דרעהען זיך יודען, ווייבער און קינדער. מען געהט פון גלח'ס פלאַץ און מען רעדט הויך, מיט התפעלות, ווי עס קאָנען נאָר ריידען קליינשטעדטעלדיגע מענשען. אָבער משה'לען קלינגט עס פרעמד און משונה, פונקט ווי אַ געשעהעניש אין אַ פרעמדען קאַנט, וואוהין ער איז נאָר-וואָס געקומען. די קליינע געסלעך ענדיגען זיך שויך, און אַ ברייטער פערטראַכטער הימעל פאַלט אַזוי ווי אויף אַ ברייטען פעלד. ביידע קוקען צו איינאַנדער מיט איין גלייכען מידען אָווענד-אויסדרוק, פונקט ווי אַ שטילער סוד וואָלט געגאַנגען פון איינעם צום צווייטען, און די סוד-טרעגער זעגען די שטילע ווינדטעלעך, וואָס שווימען פון אויבען אַראָב און פון אונטען אַרויף. טעמעלע געהט איהם ביי דער זייט, אַקסעל ביי אַקסעל, אָבער מען הערט נישט איהרע טריט, ווי מען הערט נישט איהר אָטעם. זי שווייגט, טעמעלע, אָבער משה'לען שוידערט פון איהר שווייגען, פון איהר ווייסקייט און פון איהרע פערבעהאַלטענע בעוועגונגען. זי איז אינגאַנצען אַ פערבעהאַלטענע, פונקט ווי דאָ וואָלט געגאַנגען איהר שאָטען און זי וואָלט געווען ערגעץ אַנדערש, און מען ווייס נישט ווער זי איז און וואָס זי וויל. צו וואָס פיהרט זי איהם? וואָס וויל זי פון איהם? און פאַרוואָס שווייגט זי?

פון דער רעכטער זייט שווימט-אַרויס דער יודישער בית-עולם—אַ בערגעל מיט אַ פאַרקאַנדעל, און אויפ'ן בערגעל שטעהען ווייסע מצבות, בעשפריצט מיט שוואַרצע אותיות. גרויע שאָטענס הויערן צווישען די מצבות און אַ ריח פון ראָמאַשקעס טראָגט זיך אין דער לופט. אַלטע הויכע בעראָזעס מיט אַראָבגעלאָזטע צווייגען, פונקט ווי פערגליווערטע, שטעהען אין אַ לאַנגער שורה הינטער'ן פאַרקאַן, און איבער זייערע געבויגענע קעפ שווימט לאַנגזאַם דער אָוועגד. צום פנים פאַלט-צו אַ וואַרימקייט פון דער ערד, פונקט ווי אין איהר וואָלט ערגעץ געברענט, און וואו-נישט-וואו שליסען זיך צוזאַמען, אויפ'ן וואונק, אַ לעצטער שיין פון טאָג מיט דעם ערשטען שאָטען פון אָוועגד. דער אָוועגד געהט אַ טרוקענער און אַ וואַרימער, פונקט ווי ער וואָלט פערגעסען

מיטצוגעהמען זיין פרישקייט, און אין לופטען שפירט זיך דער דורשט פון די מידע גראָזען.

—אָט דאָ וועלען מיר זיצען...—זעצט זיך טעמעלע אַנידער אויף אַ בערגעלע, הינטער׳ן בית-עולם-פּאַרקאַן, אונטער אַן׳אַלטער הילכער בעראָזע און איהרע צוויי שלאַנקע פיס אין שוואַרצע זאָקען ווערען אַזוי ווי אַרומגענומען פונ׳ם גראָז.

משה׳לע שטעהט אַ ווײלע, ווי ער וואָלט זיך געוואַקעלט, און זעצט זיך אויך אַנידער נעבען איהר. עס קלאַפּט איהם דאָס הערצעל, אָבער ער שרעקט זיך שוין נישט, ווי אַ פערברעכער, וואָס האָט שוין איבערגעלעבט די וועהען פון זיין ערשטען פער-ברעכען. פערקעהרט, איצט וויל ער שוין נישט אַוועקגעהן פון טעמעלע׳ן, און ווען מען וואָלט זי איהם פּלוצלונג צוגענומען, וואָלט עס איהם זעהר באַנג געטהאָן און ער וואָלט זיך געשפּירט זעהר עלענד און איינזאַם. פאַר די אויגען האָט ער איצט שוין נישט קיין איין געזיכט פון יענע ליבע געזיכטער, וואָס פלעגען זיך איהם שטענדיג ווייזען מיט אַ מינע פון מוסר, בשעת ער פלעגט טהאָן עפּ״ס אַן׳עבירה. איצט זעהט ער נאָר אַ ברייט לעדיג אָוועגדפעלד פאַר די אויגען, וואָס ליגט אָהן אַ תכלית און אָהן אַ תכלית שטעהען די אַלטע הויכע בעראָזעס. אפשר בע-דאַרף מען טאַקי נישט קיין תכלית? אפשר איז טאַקי גלייכער צו זיין אַזוי בלינד און לעדיג און טונקעל, ווי דאָס אָוועגד-פעלד?

—משה׳לע...—הערט ער פּלוצלונג איהר קול, וואָס שניידט זיך איהם אַריין אין הארצען, ווי אַ קאַלט מעסערל, אָבער ער שפּירט דערביי עפּיס אַן׳אונפערשטענדליכע הנאה. —גיט מיר אייער האַנד... איהר ווייסט, איהר זענט אַ נאַריש יונגעל...

—איך בין אַ נאַריש יונגעל...—בעשטעטיגט משה׳לע און בלאָנדזשעט מיט די אויגען אין דער אָוועגדלופט.

—אָבער ווי איז מען עס אַ נאַר?

—איך ווייס נישט...—ענטפערט משה׳לע און שפּירט זיך ווירקליך, ווי אַ נאַר.

—און פון אַ גרויסער שטאָדט זײַנט איהר...—שנײַדט ווײַטער איהר קאָל, ווי אַ מעסערל.

—יאָ, פון אַ גרויסער שטאָדט,—בעדויערט משה'לע מיט הכנעה.

—זענען אַלע גרויסשטעדטישע יונגלעך אַזוי?

—איך ווייס נישט... מסתמא אַלע אַזוי...—ענטפערט משה'לע טרויעריג.

—ניין, איך קאָן קלוגע יונגלעך פון אייער שטאָדט.

—מסתמא זענען אַלע קלוגע... נאָר איך איינער אַ נאַר...

—אַ נאַר זענט איהר, אַ נאַר...

—אַ נאַר בין איך...—זאָגט איהר משה'לע נאָך מיט פער־ביטערונג.

ביידע ווערען שטיל און שווייגען מיט יענעם מין שוויי־גען, וואָס פערמיטעלט צווישען איינאַנדער.

—משה'לע...—הערט זיך אין אַ ווײַלע אַרום איהר קאָל,—משה'לע...

דערדאָזיגער קול וועקט עפּיס אַזן ווערטער, רופט ערגעץ אויף שוואַרצע וועגען, שטויסט עפּיס אַזוי וואַרים און לייבט דאָס האַרץ און ציהט ווי אַ גאָלדענער פאָדעם צו זיך. און משה'לע פאַלט־צו צו איהר מיט'ן אַקסעל, פערמאַכט די אויגען און קושט זי אויף די ליפּען, און איהם דוכט זיך בעת־מעשה, אַז ער טהוט דאָס, וואָס מען בעדאַרף טהאָן און אַז ער פאַלט פון אַ זיסער און וואַרימער הויך. אָבער פּלוצלונג דערשפּירט ער אַ לייכטען האַנד־שטויס און באַלד דערהערט זיך אַ קלוג און קאַלט געלע־כטערל. טעמעלע זיצט און לאַכט. איהרע ליפּלעך זענען אָפען, די ווייסע ציינער בלישטשען, פונקט ווי ווייסע פּיערלעך, און די אויגען, גרויסע און שטעהענדיגע, זענען בעשאָטענט מיט אָוועגד. און אַזוי ווי אַ שוואַרצער פאָרהאַנג וואָלט זיך פונאַנדערגעריסען און משה'לע דערזעהט מיט אַמאָל דער באָבען און דעם טאַטען און דער מאַמען און קינדערלע'ך, און זיי אַלע קוקען אויף איהם און שאָקלען מיט די קעפּ און חדוש'ן זיך און ווייזען אויף איהם מיט'ן פינגער און דריקען מיט די אַקסלען און שעפּטשען עפּיס

מאָדנע געהיים צווישען איינאַנדער. און צווישען זיי קוקט אויף איהם דער פריהערדיגער משה'לע, אַ יונגעל מיט אַ פרום פּנים'ל און ריינע גוטע אויגעלעך, אַ יונגעל מיט מצוות און מעשים-טובים, וואָס האָט אַזוי אָפט געטראַכט פון גאָט און וואָס האָט אַזוי אָפט געבעטען צו גאָט און געוואָלט זיין וואָס נעהנטער צו איהם. און דערדאָזיגער משה'לע שאָקעלט איך מיט'ן קאָפּ און דריקט אויך מיט די אַקסלען און סוד'עט זיך אויך מיט די איבעריגע, ווי אַ פרעמדער, ווי אַ שונא. צוויי משה'לעך זענען געוואָרען פון איינעם. איינער שטעהט נעבען דער באָבען און דער גוטער האַרציגער שיינדעלע'ן און דער צווייטער זיצט דאָ אויף אַ פעלד, אונטער אַ בית-עולם, נעבען טעמעלע'ן, און פוסט און זינדיג און שלעכט איז ער, ווי דער גרעסטער רשע. וועלען זיך ביידע שוין קיינמאָל נישט פעראייניגען?

—קומט. גענוג שוין געזעסען...—הויבט זיך טעמעלע אויף און מען זעהט נישט איהר בעוועגונג, אָבער די ווערטער זענען נאָך איינגעהילט אין די לעצטע קאַלטע נאָסקעלעך פון איהר געלעכטערל.

משה'לע הויבט זיך אויף אַ שווערער, ווי אַן אַלטער יוד, און שפירט ווי איהם איז קאַלט געוואָרען. איהם איז קאַלט אין האַרץ, אין רוקען, אין די הענד, און די פיס, אויף וועלכע ער געהט, זענען אַזוי ווי נישט זיינע, הילצערנע שווערע פיס. נאָר ער איז איינגאַנצען אַ הילצערנער, אַ שווערער און אַ מאוס'ער. אַזוינע, ווי ער, איז גוט צוצוהאַקען מיט אַ האַק און וואַרפען די שטיקער אין אויווען אַריין. אַזוינע, ווי ער בעדאַרף מען פערברענען אָהן רחמנות, ווי מען ברענט רשעים אויף יענער וועלט. און עס ווילט זיך איהם אַ ריס טהאָן דאָס לייב מיט די נעגעל, אַ קניפּ טהאָן זיך די באַק ביז וועהטאָג, אויסרייסען עטליכע האָאָר פון קאָפּ. אייגענטליך ווייס ער נישט וואָס איז געשעהן, אָבער ער פיהלט ערגעץ טיף אין זיך, אַז ער איז געשטאַנען ביים ברעג פון אַ תהום און האָט גערן געוואָלט אַריינפאַלען אין דעמדאָזיגען תהום. אָט דאָס איז די עבירה—ווילען אַריינפאַלען אין אַ תהום. קיין גרעסערע עבירה קאָן שוין גאָר אויף דער

װעלט נישט זײן. און װײטער שפּירט ער, אַז ער איז בעלײדיגט געװאָרען, טעמעלע האָט איהם בעלײדיגט אױפ'ן העכסטען גראַד, אָבער װאו איז דאָ די בעלײדיגונג, איז שװער צו װיסען. דאָס בעדאַרף מען נאָכקוקען, נאָכזוכען, פערשטעהן, אָבער משה'לע קאָן עס נישט. אײדער נאָכצוזוכען, איז שױן גלײכער בעטען צו גאָט, חרטה-האָבען, תשובה-טהאָן און װערען צוריק יענער משה'לע, דער פריהערדיגער. מיט תשובה און חרטה, זאָגט מען, קאָן מען װערען דער אײגענער, װאָס פריהער.

אין די ערשטע שטעדטעל-געסלעך ליגט דער אָװענד שװאַרצער, װי אין פעלד און די קלײנע הײזלעך טרינקען זיך אין איהם, װי אין אַ שװאַרצען װאַסער. אין די ערשטע שטעדטעל-געסלעך װאױנען גױים און פינסטער איז בײ זײ אין די הײזלעך. אָדער זײ שלאָפען אָדער זײ שטעהען אין לײװענדענע העמדער בײ די קורצע פאַרקאַנדלעך און גלאָצען מיט צוקודעלטע קעפּ אין הימעל אַרײן. נאָר װײטער אין די געסלעך, נעהנטער צום מאַרק, איז שױן ליכטיג אין די הײזלעך און די גאַנצע ערד איז דאָ אױסגעפלאָכטען מיט פאַסיקלעך שאָטען, פּונקט װי מיט בעװעגליכע שלאַנגעלעך. און עס דאַכט זיך, אַז די פאַסיקלעך שאָטענס עסען דאָס ליכט און דאָס ליפּט די שאָטענס. פון אַ װינקעל גאַס שפּרינגט פּלוצלונג אַרױס מאַקאַר זינאָװיעװ, װי אַ שװאַרצער הונד, גיט אַ טרױסעל מיט'ן פױסט אונטער טעמעלעס נאָז און װערט נישט, פּונקט װי אַ גרוב װאָלט איהם אײנגעשלונגען. טעמעלע קעהרט-אָב דעם קאָפּ און משה'לע שפּירט, אַז זי שמײכעלט. ער שפּירט אױך איהר װײסקײט, װאָס טריפט אין דערפינסטער, װי לבנה-ליכט. פון בית-עולם ביז'ן שטעדטעל קוקט ער נישט אױף איהר, פער'עקשנ'ט קוקט ער נישט אױף איהר, אָבער די גאַנצע צײט שפּירט ער זי, װי מען שפּירט אַ קראַנק הארץ. אַז זײ קומען אַרױף אױפ'ן ברײטען קײלעכיגען מאַרק, רופט זיך משה'לע אָן מיט אַ האַרבען ערנסטען טאָן:

—אָט איז דער מאַרק, איך װעל געהן צום פעטער.

—נו, יאָ, איהר געהט רעכטס און איך לינקס...—זאָגט טעמעלע שטיל און רוהיג.

—אַ גוטע נאַכט...

—אַ גוטע נאַכט.

משה'לע דרעהט זיך שנעל אויס און מאַכט פעסטע טריט, אָבער עפּיס טהוט איהם באַנג ביז צום וויינען. איהם דאַכט זיך, אַז ער האָט עפּיס פערלאָרען, עפּיס האָט מען איהם צוגענומען אָדער אַוועקגערויבט, אָבער ער ווייס נישט וואָס. אַז ער מאַכט אַ טריט צעהן, וויל ער זיך פּלוצלונג אומקעהרען, אָניאָגען זי, אַרויספאַלען אויף איהר און אַרומנעהמען זי מיט שטאַרקע הענד, אַרומנעהמען ביים האַלז און ביי די פיס און זאָגען איהר „טע-מעלע", ווי זי האָט פריהער געזאָגט משה'לע. אָבער זיין אייגע-נע שוואַכקייט זאָגט איהם אונטער, אַז מען טאָר דאָס נישט, אַז מען טאָר אפילו נישט טראַכטען וועגען דעם און ער געהט נאָך מיט פעסטערע טריט צום פעטער. אָט איז שוין דעם פעטערס שטוב, און אַז ער עפענט די טיר און טרעט-אַריבער די שוועל, דאַכט זיך איהם, אַז נישט ער, נאָר אַ שוואַרצער מענש איז אַריין אין שטוב.

ביים פעטער טרינקען אַלע טיי און מען רעדט פון דייטש. אפילו די שוויגענדיגע מוהמע מיט די קלאַפּענדיגע הענד זיצט אויך ביים טיש און דאָס פּנים שיינט איהר, ווי אויף אַ חתונה. אין אַ ווינקעל זיצט די באָבע און דרעמעלט נישט, לעבט און לעבט נישט.

—נו, משה-לייבעלע,—פרעגט דער פעטער און גיט איהם, ווי געוועהנליך, צו אַ צווייטען נאָמען,—האָסטו געזעהן דעם טייטש?

—געזעהן...—ענטפערט משה'לע און סטאַרעט זיך צו זיין פאַלש און פרעהליך.

—אָבער ווי ער האָט זיך דאָס געדרעהט אַ ביסעל,—חדוש'ט זיך די מוהמע, וואָס האָט איהם מיט איין אויג געזעהן פון אַ זייטיגען געסעל.

דער פעטער הויבט זיך אויף, גיט אַ קנאַק מיט די פינגער, אַ צופּ די באָרד, אַ זינג אונטער דער נאָז און זאָגט פּלוצלונג אַרויס:

—משה-טאָדרעסל,—דער טייטש האָט געמאַכט אַכטאונניינציג רובל מיט פערצעהן קאָפּיקעס. דער גלח האָט מיר פערצעהלט.

דער עולם שמועסט נאָך לאַנג ביים טיש און די ווערטער פאַלען אויף משה׳לען, ווי גרויע שווערע שטיינער. ער בעדאַרף האָבען מנוחה, משה׳לע, ער זאָל קאָנען זיך צוהערען צו זיין רועה און צער און זאָל אויך קאָנען אין רוה און שטילקייט רחמנות-האָבען איבער זיך. איהם דאַכט זיך, אַז ער איז אַנ׳אונטערגעוואָרפען קינד, וואָס איז אין גאַס צוטראָטען געוואָרען פון מענשישע פיס, און ער בעדאַרף זיך אַרומזעהן, זיך איינוואַשען און קומען צו זיך. אַלץ איז אין איהם צוקלאַפּט, צובראָכען און צושלאָגען, ווי נאָך אַ גרויסער שרפה.

דער ערשטער הויבט זיך אויף פון טיש דער פעטער, און באַלד דערהערט זיך, ווי די מוהמע קלאַפּט פערענעס און קישענס אין שלאָפצימער. אין שטוב טוישט מען איבער דעם גרעסערן לאָמפּ אויף אַ קלענערן—דער בעסטער סימן, אַז אַלע געהען שלאָפען. אין פינף מינוט אַרום איז שוין משה׳לעס געלעגערל אויך פאַרטיג, און אַז אַלע געהען-אַרויס פון צימער, עפענט די באָבע איהרע איינגעפאַלענע אויגען, געהט-אַרויס פון ווינקעל, שאַרט זיך צו, ווי אַ שאָטען צו משה׳לען און קוקט איהם אָן לאַנג און טיף און שוויגענדיג.

—דו ביזט געגאַנגען מיט טעמעלע׳ן?..—פרעגט זי מיט אַ טרויסלענדיגען האַרץ, אָבער איהר טאָן איז אָנגעזאַפּט נישט מיט בעס, נאָר מיט רחמנות, און משה׳לע פיהלט עס.

—יאָ...—ענטפערט משה׳לע און אַ וואַרימע פייכטקייט פערנעבעלט איהם די אויגען.

די באָבע רעדט נישט מעהר. זי לעגט איהם אַרויף איהר ביינינע האַנד אויפ׳ן אַקסעל און משה׳לע טוליעט-צו זיין גליהענדיג בעקעל צו דעם אַלטען, ליבען, איינגעפאַלענעם גוף, דאָרט, אויף יענעם אָרט, וואו עס איז אַמאָל געווען אַ ווייכע ווייבערשע ברוסט. די וואַרימע פייכטקייט ווערט פערוואַנדעלט אין וואַרימע געזאַלצענע טראָפּעלעך און זיי קויקלען זיך איינע נאָך די אַנדערע איבער די גליהענדיגע בעקלעך. משה׳לע וויינט, און די באָ-

עב שטעהט און שווייגט מיט דער ביינינער האַנד אויף זיין אַקסעל. און פאַמעלעך געהען-אַרויס פון איהם די בייזע ווינדטען, די אַלע ערגערנישען און אַנגסטען, די אַלע וועהען און שמערצען, און לייכטער און לינדער ווערט איהם, פונקט ווי עמיץ וואָלט איהם אינערליך אָבגעוואַשען. און אַז ער הויבט-אויף דעם קאָפּ צו דער באָבען, שמייכלען איהם שוין די יונגע בעקלעך און ליפּלעך, עטוואָס פערשולדיגט, אָבער ריין און העל, ווי עס שמייכעלט פאַרטאָג דאָס טויעלע אויף אַ יונג גרין בלעטעלע.

—באָבע,—זאָגט ער אַרויס, אַ פרייער און אַ לינדער, אַריינלעגענדיג זיין האַנד אין איהרע ביינינע פינגער,—איך וועל מעהר נישט געהן... איך זאָג אייך, איך וועל מעהר נישט געהן...

און די באָבע גיט איהם אַ קוש אין קאָפּ, אַ גלעט ביים האַלז, אַ פיהר מיט די פינגער איבער די האָהר, און אָטעמט איהם אַריין אין אויער:

—געה שלאָפען, מיין קינד... איך גלויב דיר.

משה'לע וואַרפט שנעל אַראָב די זאַכען פון זיך, כאַפּט זיך אַרויף אויפ'ן-געלעגער, מאַכט-צו די אויגען, לייענט אָב קריאת-שמע און פערזינקט מיט'ן קאָפּ אין גרויסען קאַלטען קישען, וואָס נעהמט איהם אַרום, ווי אַ ווייכער אָרעם, וואָס נאָר ער איינער קען שטענדיג גוט און זיס איינוויהגען און פערוויגען. דער דייטש, דער שטריק, טעמעלע, דער בית-עולם מיט די בערעזעס, דאָס לעדיגע אָוױנדפעלד, דער קוש, דאָס קאַלטע געלעכטער, דאָס געהן צוריק, מאַקאַרס פּויסט, דער מאַרק—דאָס אַלץ ווערט פערזונקען, פערשוואומען אין אַ טיפער, רוהיגער שוואַרצקייט.

די צווייטע פערוויילונג.

צוועלפטעס קאַפּיטעל.

פאַר׳ן בלימעל ליבט און פּויען,
פאַר׳ן פויגעל—לופט און ווינדין,
ט׳האָט דער ים מיליאָנען פישעס,
טויזענד ווענען האָט אַ קינד.

דידאָזיגע ווערטער פון עמיס אַן׳אומבעקאַנטע לידעל שטעהען איהם אַ גאַנצען פריהמאָרגען אין אויער, ווי גלעקעלעך, און קלינגען און וועקען אַזוי זוניג און פרעהליך, אַז משה׳לע קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען פון אינערליכען תענוג, פון יענעם מין תענוג, וואָס נישט בלויז די נשמה, נאָר אויך דאָס בלוט, דאָס לייב, יעדער ביינשלאַס וויל זיך בעוועגען, שפּילען און שטיפען פאַר זיך און צוזאַמען. און אַ גאַנצען פריהמאָרגען טרינקט משה׳לע זון און ליכט, לויפט מיט אַ בייגעל צום גראָז אין וואַלד אַריין, קלעטערט אויף ביימער, זוכט יאַגדעס, רייסט רויט-בלויע וואַלד-בלימעלעך, יאָגט זיך נאָך יאַשטשערקעס, ליגט מיט׳ן פּנים אַרויף קעגען דער זון אַזוי לאַנג, ביז עס בעהאַלט זיך איהם אויסדאַכטען, אַז ער איז בלינד געוואָרען און באָדט זיך אין אַ

טייך פון הייסען צושמאָלצענעם בליי, פּרובט דעם קול אין דער געדיכטער וואַלד-שטילקייט, רופט שיינדעלע׳ן הויך און הילכיג, פּונקט ווי זי וואָלט געשטאַנען אין דעם צווייטען עק וואַלד, זאָגט פּסוקים פון תהלים, מאַכט איינזאַמע קאָזשעלקעס, כאַפּט זיך ווידער פאַר׳ן בוך, שמייכעלט, שמייכעלט נאָכאַנאַנד נישט אוי-סערליך, נאָר אינערליך, אין זיין בלוט און גלידער און הערט נישט אויף צו פערנעהמען די ווערטער פון לידעל, וואָס קלינגען איהם אין אויער, ווי זוניגע גלעקעלעך:

פאַר׳ן בלימעל ליכט און טויען,
פאַר׳ן פויגעל—לופט און ווינד;
ס׳האָט דער ים מיליאָנען פּאַליעס,
טויזענד וועגען האָט אַ קינד...

אין משה׳לען קומט-פאָר די דערוואַכונג און אויפלעבונג פון אַ בעל-תשובה, יענע העלע פרייד און גליק, וואָס פערגיסען ווי אַ טייך די טונקעלע טיפקייטען פון דער נשמה, וואו עס איז פריהער געזעסען דער שאָטען פון זינד. נישטאָ קיין זינד אין משה׳לען און נישטאָ קיין צער און אַנגסט; נישטאָ איצט קיין טעמעלע, נישטאָ קיין קושעניש, וואָס לעשען-אויס דעם שכל, ווי אַ ברענענדיג ליכט און נישטאָ קיין נעבעלהאַפטע פערלאַנגען און בעגעהרן, וואָס דער יוצר-טוב אין מענשען זאָגט שטענדיג שטי-לערהייד אונטער, אַז מען קאָן זיך אויסגליטשען און אומקומען דורך זיי. עס איז נאָר דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, אַ גאָט פון מחילה און לייטזעליגקייט, וואָס בעגיסט אַלע טאָג די ערד, די פעלדער און וועלדער, די וויסטעס און מדבריות מיט זון און גאָלד. דערדאָזיגער גאָט קאָן נאָר שמייכלען און ליבען און פער-געבען אַלעמענס זינד און שלעכטע מעשים. ביי איהם ווערט מען פון שוואַרץ—ווייס, פון אַנגסטען און מרה-שחורה—פרעהליך און העל, ווי זיין טאָג, ווי זיינע הימלען, ווי זיין זון. און זון און ליכט גיסען זיך צו משה׳לען אין האַרצען, ווי זיי גיסען זיך אויף פעלד און וואַלד, אויף באַרג און טהאָל, און דאָס גליק, וואָס ער שפּירט אין זיך, דערקאָנט ער אויך אינ׳ם פליגעלע, וואָס שווימט, ווי אַ שוואַרץ פינטעלע, אין דער קלאָרער לופט;

אינ׳ם ביהנעלע, וואָס טרינקט פון יעדען וואַלד-בלימעל, ווי פון
אַ בעכֿערל; אינ׳ם רויט שטיל גאָטס בהמה׳לע, וואָס דרעהט זיך
אַרום אָהן אַ תּכלית נאָר גלאַט אַזוי פון פערגעניגען וועגען;
אין די פערשמייעטע מוראַשקעס מיט די רויטע בייכֿלעך, וואָס
נישטערן, זוכֿען, שלעפּען, קלעטערן, אַרבייטען און פּראַצעווען,
ווי קלוגע גוטע פרייע אַרבייטער; אין די סאַמעטענע, לייכֿט-שווי-
מענדיגע שמעטערלינגען, וואָס פונקט ווי ווייסע מלאכֿים׳לעך אויפ׳ן
הימעל וואָלטען זיי אויסגעשאָרען פון בלומען-בלעטעלעך און
באָכֿדעם, לאַכֿענדיג, אויסגעשאָטען זיי אויף דער ערד; אין די
לופטיגע זון-טרינקענדיגע שוועלבעלעך, וואָס האָבען מעהר פלי-
געל, ווי גוף און וואָס פייפען אין אויר אויף קליינינטשקע
פלייטעלעך; אינ׳ם רויטען קעלבעלע, וואָס שפּילט מיט דער אַל-
טער מיושב׳דיגער מאַמען און סטראַשעט זי מיט די הערנער,
וואָס זענען איהם נאָך גאָרנישט אויסגעוואַקסען; אין דער קליי-
נער, ווייס-האָהריגער פוּערטע-מיידעלע, וואָס ליגט דערביי מיט
שוואַרצע באַקעטע פיסלעך אויפ׳ן גראָז און האַלט אַ צווייגעל
אין מויל; אין די אַלע אונבעקאַנטע פויגעל, וואָס זיצען אויף
די רויטע סאָסנעס און רופען זיך אָן מיט פערשידענע קולות,
פונקט ווי עמיץ וואָלט איינציגווייז אָנגעריהרט די קלאַווישען פון
אַנ׳אונזעהעוודיגען קלאַוויר; אין די שפּינען, וואָס זיצען פער-
חלומ׳ט אין די קיילעכיגע ווייסע שפּין-געוועבען און אפילו אין
די זעמדעלעך, וואָס שמייכלען צו דער זון, ווי געשטויסענע רוי-
טע דימענטען. אַלץ איז בעגאָסען מיט איין ליכט און איין גליק,
וואָס פעראייניגט משה׳לען מיט׳ן ווערעמל, מיט׳ן ביהנעלע, מיט׳ן
שוועלבעלע און זעמדעלע, און זיי אַלע, ווידער, זענען בעהעפט
מיט דער זון, מיט׳ן הימעל, מיט גאָט. גאָט קוקט פון אַלץ און
אַלץ קוקט מיט גאָט. פון אומעטום שלאָגט זיין שמייכעל, ווי אַ
וואַרימער קוואַל און די לופט איז אָנגעפילט מיט שטיל׳ער שירה,
מיט לייטזעליגקייט און זומער-שפע. אַמאָל מאַכט דער הימעל אַ
שפּאַס, און טהוט זיך פלוצלונג אָן אין אַ גרויען מאַנטעל. די
פּאָלעס פון דעמדאָזיגען מאַנטעל פערדעקען די זון. עס ווערט
טונקעל, איבער דער ערד צוציהען זיך שאָטענס, ווי שיטערע

רויכען און פליג און שמעטערלינג פערבאָרגען זיך אין די שווייגענדיגע בוימער. פערשפעטיגטע שוועלבעלעך שניידען-דורך די טונקעלע לופט, ווי שוואַרצע מעסערלעך און עס שפירט זיך, ווי חיה און פויגעל ליגען פערשפאַרט אין די נאָרעס און נעסטען. אַ קאַלטער ווינד רייסט זיך אַרויס פונ׳ם גראָז און פאַלט-אַרויף אויף אַ יונג בלאַס בעראָזועלע. דאָס בעראָזועלע בויגט זיך אויס צו דער ערד און צוכליפעט זיך מיט זיינע דינע צווייגען, פונקט ווי אַ שוואַך קינד, וואָס איז פלוצלונג בעליידיגט געוואָרען פון עפיס אַ לאָבוז.

—הו-הו-הו!—סוד׳ען זיך די הימל׳ען צווישען אייננאַנדער און אַ פייערדיגע שלאַנג גיט אַ שמיץ מיט׳ן עק איבער׳ן האָריזאָנט.—הו-הו-הו!

אָבער דאָס איז נישט מעהר ווי אַ שפּאַס, קענטיג. אָט איז פון דאָסניי די זון און זי קוקט פון הימעל, ווי אַ גאָלדענע שיף אין אַ שטיל׳ען בלויען ים. דאָס בעראָזועלע שטעהט שוין גלייך און שמייכעלט קעגען דער זון, און פון די האָריזאָנטען פלייצט מיט ליכט נאָך שטאַרקער, ווי פריהער. חיה און פויגעל געהען-אַרויס פון די נאָרעס און נעסטען, און די לופט ווערט אָנגעפילט מיט טויזענדער קלאַנגען און קולות. און משה׳לע שפירט זיך ווי-דער געבונדען מיט׳ן ווערעמל, מיט׳ן שמעטערלינג, מיט׳ן בוימעלע און מיט גאָט, און דער תענוג ציהט איהם פונאַנדער, דאָס האַרץ, ווי אַ טייך, וואָס געהט-אַרויס פון די ברעגען.

פאַרנאַכט, אַז די זון שיפט זיך אין רויטע טייכען, פונקט ווי זי וואָלט מאַכען אַ לייכטען שפּאַציר נאָך אַ טאָג היץ אין שווערע נסיעות, בעשליסט משה׳לע אַריבערצוגעהן צום פעטער. ער שפירט זיך איצט אַזוי רייכגעוואַשען איבערליך און אויסערליך, ער שפירט זיך אַזוי בענייט און האָט אַזאַ לינד און פריי געמיט און איז אַזוי ווייט פון טעמעלע׳ן און איהר כשוף, אַז ער שרעקט זיך נישט מעהר פאַר איהר. ער שפירט אויך נישט קיין שום האַס צו איהר און געדענקט כמעט נישט איהר בעליידיגונג. דאָס אַלץ, וואָס איז געשעהן צווישען איהם און טעמעלע׳ן, פערשטעהט ער איצט אויך נישט, ווי פריהער, אָבער דער שרעק און די עולה זענען עפיס אַזוי ווי פערלאָרען געגאַנגען

און אין האַרבען איז געבליבען בלויז מחילה, ווי עס איז קענטיג מחילה אויפ׳ן ווייסען אונשולדיגען בעראָזעלע, וואָס איז אַזוי ביינ בעפּאַלען געוואָרען פון קאַלטען ווינד. פערקעהרט, טעמעלע איז איהם אפילו טייער, ווי אַ שוועסטערקינד, ווי דעם פעטערס אַ טאָכטער, ווי אייגען בלוט. אָבער געהן צום פעטער וויל ער איבערהויפּט צוליב רבקה׳לען, וואָס איהר אָטעם וואַרימט איהם, ווי אַ מוטער. ער האָט ליב רבקה׳לען. ער האָט ליב איהר הויכע וואוקס, איהרע ברייטע אַקסלען און איהר פולע ברוסט, וואָס איז אַזוי ווי צוגעגרייט פאַר אַ סך קינדער צו זויגען. ער האָט ליב איהרע בלויע גוטע מחילה-אויגען, איהרע בלאָנדע לאַנגע צעפּ, און די מאַמעדיגע פראַגע, מיט וועלכער זי בעגעגענט איהם אַלעמאָל:

—נו, משה׳לע, ביזט געזונד?

נעבען רבקה׳לען קאָן מען פערגעסען אָן דער מאַמען און אָן די אייגענע שוועסטער. זי איז די מאַמע און די שוועסטער צוזאַמען, אָבער זי האָט אַ טבע צו לאַכען, און דעמאָלט דאַכט זיך משה׳לען, אַז ער איז אַ קליין יונגעל און זי איז אַ כלה-מויד. איהר לאַכען איז איהר איינציגער פעהלער פאַר משה׳לען. אין איהר לאַכען שפּירט ער איראָניע און שכל, און דאָס מאַכט זי עטוואָס קאַלט און דערוואַקסען. אָבער זי האָט אַזויפיל וואַרימקייט אין זיך, זי איז אַזוי ווייך און מוטערליך און נאָכגיביג, אַז זי דערמאָהנט אָן אַ פויגעל, וואָס שפּרייט-פונאַנדער די פליגלען, צו דערוואַרימען איהרע אייעלעך.

אָבער משה׳לע וויל נישט געהן צום פעטער אָהן אַ דערלויבניש פון דער באָבען. אין די פענסטער שלאָגט דער רויטער זונאונטערגאַנג, פונקט ווי דער אָבשיין פון אַ ווייטער שרפה, און אין דעמדאָזיגען ליכט שטעהט די באָבע, אַ שוואַרצע און אַ געבויגענע מיט׳ן שטעקען אין האַנד, מיט אַ טרויסלענדיגען אָטעם און מיט אַראָבגעלאָזטע ליפּען-ווינקלען, ווי אַ האַלב רייפּעלע. און משה׳לע דערנעהנט זיך צו איהר מיט יענער ליבע און יראה אין אויג, וואָס גיט שטענדיג צו זיין פּנימ׳ל אַ מאָדנע פרומקייט און אָפענהערציגקייט, און ער זאָגט איהר שטיל און דייטליך:

—באָבע, איך מעג היינט גערן צום פעטער?

די באָבע דרעהט זיך אויס צו איהם מעכאַניש, מיט נישט-געזויגטע קניה און קוקט איהם אָן אַזוי, ווי זי וואָלט איהם געפענט אַ דעקעלע ערגעץ טיף אין האַרצען. נאָכדעם קעהרט זי אָב דעם קאָפּ און הערט זיך צו אַ ווײַלע צו די אייגענע אַלטע, לאַנגזאַם-געהענדיגע געדאַנקען, פונקט ווי זי וואָלט פּאַוואָליע אָבגעשאַצט דאָס, וואָס זי האָט געזעהן אונטער'ן דעקעלע. און נאָכדעם קעהרט זי ווידעראַמאָל אָב דעם קאָפּ און רופט זיך אָן צו משה'לען מיט איהר אַלטען טונקעלען קול, אין וועלכען עס לייכט זיך די ליבע צום יונגעל, ווי דער אָבשלאָג פון שטערען אין אַ שוואַרצען טייך:

—געה נישט היינט... היינט איז שוין שפּעט. וועסט בעסער געהן שבת...

משה'לע שאָקעלט-צו מיט'ן קאָפּ נאָכגיביג און געהאָרכזאַם, און לעגט, ווי אַלעמאָל, אַרײַן זײַנע יונגע וואַרימע פינגער אין איהר קאַלטער ביינערנער האַנד. צוויי דורות שליסען זיך צוזאַמען, צוויי וועגען: איינער געהט-אַרײַן אין לעבען, דער צווייטער געהט צוריק. אַרײַנלעגען דאָס הענדטעל אין דער באָבעס האַנד איז שוין ביי משה'לען געוואָרען אַ געוואָהנהייט, און ער טהוט עס יעדעס מאָל, ווען ער זעהט נעבען זיך איהר אַלטען גוף, וואָס מאַכט דעם איינדרוק, פונקט ווי ער האַלט ביים פונאַנדערפאַלען.

—פערשטעהסט?..—רוקט זי צו איהרע אויגען צו זײַנע און קיהלט איהם די וואַרימע פינגער מיט דער ביינערנער האַנד,—פערשטעהסט? האָסט זיך נישט וואָס צו אײַלען... ניש'קשה, וועסט גאָרנישט פערשפּעטיגען... רוה דיך אויס, לייען-דורך די מעשה-ביכלעך, פאַרהאַן דאָ אַ סך מעשה-ביכלעך, געה אין וואַלד, אָבער נישט ווייס... מען טאָר נישט ווייט. דאָס זאָלסטו געדענקען... מען טאָר נישט ווייט. אָט אַזוי, פון אָנהויב, וואו די בערעזע-בוימלעך שטעהען... איך ווייס, איך קאָן דעם וואַלד. אָבער צום פעטער וועסטו שוין געהן שבת. שבת, מיין קינד, שבת...

—יאָ, באָבע, איך וועל געהן שבת,—זאָגט איהר משה'לע

נאָך און שאָקעלט איהר צו מיט'ן קאָפּ, ווי אַנ'אַלטעטשקער רעדט מיט אַנ'אַלטינקער.

און משה'לען איז גוט און לייכט אויף דער נשמה און דער רויטער זונאונטערגאַנג, וואָס שלאָגט אין די פענסטער, זעהט איהם אויס, ווי רויטער וויין, וואָס גאָט צוגיסט איבער דער וועלט מיט אַ ברייטער האַנד.

—פונדעסטוועגען,—זאָגט ווידער די באָבע, פונקט ווי זי וואָלט נאָכאַמאָל איפּגעהויבען דאָס דעקעל און אַ קוק געטהאָן צו איהם אין האַרץ אַריין,—קאָנסטו געהן היינט... אָבער שבת איז גלייכער, בעסער... דו ווילסט דוקא היינט?..

—ניין, באָבע, איך קאָן געהן שבת... מיך אַרט עס נישט. איך האָב נאָר אַזוי אַ פרעג געטהאָן...

—יאָ, משה'לע, שבת...—שאָקעלט די באָבע מיט'ן קאָפּ און אָטעמט אויף איהם מיט יענער וועלט, און דערפון ווערט זי עפּיס טייערער און הייליגער און נעהנטער.

פון רויטען דרויסען קומט-אַריין רבקה'לע. אַ מינוט איז זי טונקעל, ווי אַ סילועט, אָבער באַלד ווערען קענטיג איהרע בלויע אויגען און אונטער די פרישע ליפּלעך געהמען גלאַנצען די שמייכלענדיגע צייהן, ווי ווייסע פּייערלעך. אין שטוב ווערט וואַרימער פון איהר, און עס דאַכט זיך, אַז דידאָזיגע וואַרימקייט געהט-אויף פון איהר הויכען בוזים, פון איהרע שלאַנקע פיס און פון די קליינטשקע אויערן, וואָס ליגען פערבאָרגען, ווי אַ טייערע צירונג, אונטער די ווייכע בלאָנדע האָהר. איין האַנד פערלעגט זי אונטער משה'לעס גאָמבע, מיט דער צווייטער גלעט זי איהם די האָהר, קוקט איהם טיף אין די אויגען אַריין, פונקט ווי זי וואָלט איבערגעגאָסען די שטראַהלען פון איהרע אויגען אין זיינע און פרעגט מיט אַ זיסען כלה-קול:

—משה'לע, פאַרוואָס קומסטו נישט צו אונז? ביי אונז איז דאָך פרעהליכער, ווי דאָ... קום צו אונז, משה'לע...

—איך ווייס נישט...—דריקט משה'לע מיט די אַקסלען און שפּירט זיך אין איהר וואַרימקייט, ווי אַ חיה'לע אַנטקעגען דער זון.—איך וועל קומען. געוויס וועל איך קומען.

—מאָבע, זאָג איהם, ער זאָל געהן צו אונז,—רופט זיך רבקה׳לע אָן צו דער באָבען און הויבט זיך איבער איהר, ווי אַ יונגער בוים איבער אַ קאַרטש.

—שבת וועט ער געהן, רבקה׳לע, שבת...—שאָקעלט די אַלטע מיט׳ן קאָפּ, מיט׳ן האַלז און מיט׳ן גאַנצען גוף און די ליפּען-ווינקלען זענען איהר בעת-מעשה אַראָבגעלאָזט, ווי אַ האַלב רייפּעלע.—שבת, שבת...

און משה׳לע טוליעט זיך צו רבקה׳לען, זוכט ערגעץ אַ טירעלע אין איהר, ער זאָל קאָנען אַריינגעהן, פּלעכט זיינע פינ-גער אין איהרע, שלעפּט זי צו זיך און שטויסט זי אָב און שטיפט מיט איהר, ווי אַ יונגעל מיט אַ יונגעל, אָדער ווי אַ מיידעל מיט אַ מיידעל, און אויפ׳ן האַרצען איז איהם ליכטיג, פרום און עהרליך און אין קערפּערל לייכט, פּונקט ווי ער וואָלט נישט געשטאַנען אויף דער ערד, נאָר אין לופטען, און מיט די אויגען זעהט ער פאַר איין מאָל אַ סך—אי דעם רויטען הימעל, אי די דעכלעך פון שטעדטעל, אי דער באָבען, אי רבקה׳לען, אי זיך גופא, און לאַכען ווילט זיך איהם און געהאַרזאַם וויל ער זיין, און צו רבקה׳לען שמייכעלט ער שטיל און פערגאַפט, אָבער מיט׳ן גאַנצען פּנים, מיט די בעקלעך, מיט די אויגען און מיט די ליפּען און אויף די שפּיץ פינגער שטעלט ער זיך, איהרע האָהר זאָלען בעריהרען זיין שטערען און עס דאַכט זיך איהם, אַז ער האָט געפונען אַ טירעלע אין איהר, און אַז ער וועט עפענען דאָס טירעלע, וועט אַרויספאַלען אויף איהם אַ וואַרימע זיסע כוואַליע, און ער שעפּטשעט איהר מיט אַ קול, וואָס האָט דעם סאַמע ווייכסטען, דעם סאַמע האַרציגסטען קלאַנג:

—שבת וועל איך קומען, רבקה׳לע, שבת...

און רבקה׳לע קושט איהם אין די ליפּען שטאַרק, הייס און אָפען, ווי אַ מאַמע. זיין קאָפּ ווערט פערדריקט אין איהרע אָרעמס, ווי אין צוואַנגען און ער מאַכט-צו די אויגען, ווי אַ קינד.

באַלד ווערט רבקה׳לע אַנטרונען, איבערלאָזענדיג הינטער זיך אַ ווינד, וואָס שמעקט מיט יונגען לייב, און דרויסען לאָזט

זיך אַראָב די נאַכט, ווי אַ טונקעלער חוט איף אַ בלאָנדען קאָפּ. משה׳לע זאָגט-אָב זיין שטענדיגע תּפילה צו גאָט, לעגט זיך אויף זיין געלעגער מיט אַ בוך אין דער האַנד און דאָס קליינע נאַכט-לעמפּעלע אויפ׳ן טיש הענגט-פונאַנדער אויף די ווענד גרויע לאַנגע ציטריגע שאָטענס. און ווי אַ שאָטען בויגט זיך אָן די באָבע און קושט איהם אויפ׳ן שטערען און שעפּטשעט עפּיס און ציטערט מיט׳ן גוף, און אַז זי געהט-אַוועק, ווערט די גאַנצע שטוב אָנגעגאָסען מיט אַ שטיל-פייפענדיגער שטילקייט, פּונקט ווי די שאָטענס וואָלטען זאַכט געשפּילט אויף פערבאָרגענע פלייטען.

אין דעם בוך, וואָס משה׳לע האַלט אין די הענד, לייענט ער: „ער איז געגאַנגען שבת און האָט זעהר גוט פערבראַכט דעם טאָג".

—און איך געה אויך שבת...—גיט משה׳לע אַ טראַכט און מאַכט-צו די אויגען.

דער טאָג שבת קומט-אָן גאָר אונבעמערקט, ווייל משה׳לע וואַרט נישט אויף איהם. בייטאָג, נאָכ׳ן טשאָלענט, בשעת דער פעטער לעגט זיך אַריין אין דער ברייטער הילצערנער בעט מיט דער זינגענדיגער נאָז, מיט אַ געלעכטערל אין דער געלער באָרד און די באָבע מיט אויסגעלעבטע אויגען און מיט גרויסע שפּאַ-קולען איבער זיי זוכט עפּיס אין דעם אַלטען, מיט טרעהרען אויסגעווייקטען קרבן-מנחה, געהט משה׳לע צום פעטער חיים. דרויסען, איבער׳ן קאָפּ, געהען כוואַליעס גאָלדענע לופט, די הימלען פלייצען מיט ליכט, די זון וויקעלט די ערד אין פייער און דאָס שטעדטעל דרעמעלט פון היץ און פון טשאָלענט. עס דאַכט זיך, אַז די הייזלעך פינטלען מיט די פענסטער, ווי מיט שלעפעריגע אויגען, די דעכער ליגען, ווי היטלען, אַראָבגערוקט איבער די ווענד און אַ שוואַרצער בעוועגליכער שאָטען פאַלט פון זיי אין דער בלענד-ווייסקייט פון טאָג. אויפ׳ן לעדיגען מאַרק, וואָס איז אינגאַנצען בעדעקט מיט טריט פון שטיוועל און פערדישע קאָפּיטעס, דרעמלען פוילע היהנער, אַלטע ציגען מיט קאָלטענעוואַטע בערדלעך און איינצעלנע הינד בלאָנקען-אַרום, פּונקט ווי משוגע, מיט אַראָבגעלאָזטע עקען, מיט אַרויסגעשטעקטע

צונגען און סאָפּענדיגע בייכער. אינמיטען מאַרק, אויף אַ גרויסען
שטיין, זיצט יאָסעלע דער משוגע'נער, אָהן אַ העמד, מיט צורי-
סענע הויזען אויפ'ן בויך און אויף די פיס און זוכט עפּיס מיט
די פינגער אין קאָפּ. זיין טונקעל לייב גלאַנצט ווי קופּער אַנט-
קעגען דער זון. דער לאַנגער גוי מיכאַש, וואָס טראָגט אַ גאַנצע
וואָך וואַסער אין שטעדטעל, ליגט אויסגעצויגען מיט'ן פּנים אַראָב
און מיט באַקעטע פיס אין אַ לאַנגען לעדיגען וואָגען און כראָפּעט
מיט אַזאַ פּייפעריי, פּונקט ווי אַ ראָד אין אַ מאַשין וואָלט זיך
ווילעוויז פערהאַקט און באַלד דערויף ווייטער געלאָפען. די
היץ שפּרייט זיך איבער דער ערד, ווי אַ שטיקענדיגער רויך און
טויט-אָב יעדע בעוועגונג פון מענש, חיה און בוים.

אָבער ביים פעטער אין שטוב איז פרעהליך און רוישיג.
צו דעם פעטערס ניין מיידל'עך זענען געקומען מיידלעך פון
שטעדטעל, און דאָס געלעכטער איז גרויס און הילכיג, פּונקט ווי
מען וואָלט געקלאַפּט אין טאַצען. הויכע בוזעמס, יונגע שמייכלענ-
דיגע אויגען, ווייסע ציינער. עס איז אַ בעוועגונג און אַ געדרענ-
געניש און אַ טומעריי. מיידעלשע קולות דרעהען זיך אין לופטען,
ווי קאָלירטע גלעזעלעך און געלעכטערס פאַל'ן אויף געלעכטערס,
ווי רוישיג וואַסער אויף וואַסער. מיידעלשע נאַקעטע הענד פלע-
כטען זיך אַרום טאַליעס, מיידעלשע קעפּ ווערען צוגעלעגט צו
איינאַנדער, אויגען קוקען אין אויגען, ליפּען שמייכלען צו ליפּען,
אַקסלען לעהנען זיך צו אַקסלען. אין איין ווינקעל כאַפּען זיך
מיידלעך פאַר די הענד און נעהמען טאַנצען אַ פּאָלקע, אין אַ
צווייטען ווינקעל סוד'עט מען זיך מיט צוגערוקטע קעפּלעך, אין
אַ דריטען בעקוקט מען זיך איינאַנדער די קליידער. אין דעם
פּלאָנטער פון מיידלעך דרעהען זיך אַרום צוויי בחורים, ווי צוויי
גאָנערס צווישען געגנז, און אויפ'ן פּנים הענגט זיי יענץ שמייכע-
לע און יענץ קלוג און מאַנסבילי'ש מינעלע, וואָס ווייזט זיך
שטענדיג אויפ'ן פּנים פון אַ מאַנסביל, ווען ער געפינט זיך פריי
און זאָרגלאָז צווישען אַ סך פרויען. איינער פון זיי איז רבקה'-
לעס חתן. דאָס איז אַ בחור מיט אַ רויטען האַלז, מיט אַ קורצ-
געשאָרענעם קאָפּ און מיט שוואַרצע וואָנטען, וואָס ליגען איהם

אונטער דער ברייטער נאָז, ווי בעזעמלעך אונטער אַ דעכעלע.
דער צווייטער איז אַ בחור מיט אַ רויטען האַלז, מיט אַ קורצגע-שאָרענעם קאָפּ, אָבער מיט רויטע וואָנסען, וואָס ליגען איהם אונ-טער דער ברייטער נאָז, ווי בעזעמלעך אונטער אַ דעכעלע. ביי ביי-דען זענען די רויטע העלזער איינגעפּאַסט אין האַרטע איינגע קעל-נער, ווי פּעסער אין רויפען, און דאָרט, וואו דער ברעג שניידט זיך אַריין, ווי אַ מעסער, אין דער חויט, שפּרינגט-אויס אַ ווייסער פּאַס, פּונקט ווי אַ ריב פון שוועבעל אויף אַ טונקעלער וואַנד. צוליב די האַרטע איינגע קעלנערס האָבען זיי טיילמאָל גלעזערנע אויגען, אויף די שטערנס שטעהען די אָדערן, פּונקט ווי וואָרצלען, וואָס זענען אַרויסגעקראָכען פון אונטער דער ערד און די קעפּ אויף די אַקסלען בעוועגען זיך ווייניג. פאַרהאַן אפילו אַ דריטער בחור. דערדאָזיגער טראָגט לאַנגע שוואַרצע האָהר, ווי אַ פּאַרוק. פון אונטער די האָהר פאַלען-אַרויס צוויי קליינטשקע בעקעלעך און אינמיטען, צווישען די בעקעלעך, זיצט איהם אַ גרויסע שפּיציגע נאָז, ווי אַ טרוקענער ביין. אויף דעמדאָזיגען ביין הענגט אַ פּענסנע אין שוואַרצע רעהמעלעך מיט אַ לאַנגען פּאָדעם, פער-וואָרפען אויפ׳ן אויער. אַז דערדאָזיגער בחור שטעהט, זעהט מען בלויז לאַנגע הענד און פיס, אָבער אַז ער זיצט, זעהט ער אויס זעהר קליין און די פיס ציהען זיך בעת-מעשה איבער דער פּאָ-דלאָגע, ווי לאַנגע שטעקענס. דאָס איז דער לעהרער פון שטעד-טעל און ער הייסט באָנטשע הירשקאָוויטש. בשעת ער רעדט מיט אַ מיידעל, שפּיליעט זיך איהם פונאַנדער דאָס קליינע פּנימ׳ל און עס דאַכט זיך, אַז אַלץ וויל אין איהם פונאַנדערפאַלען פון ווייכקייט. ווייך און שיטער ווערט איהם דער קול, ווייך און שיטער דאָס שמייכעלע, ווייך און שיטער די אויגען, און מיט די שפּיצען פינגער בעטאַפּט ער איידעל די פּענסנע און נויגט זיך אויף אַלע זייטען און רייבט זיך די הענד און שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ האָהר, ווי אַ ווערבע-בוים אין אַ ווינד און זאָגט פלוצלונג אַרויס מיט אַ ווייך שיטער קול:
—נו, יאָ, פריילין, אַמאָל איז געווען אויף דער וועלט אַ געאָגראַף סטראַבאָן...

ווערט דער מיידעל לאַנגווייליג און זי געהט־אַוועק פון איהם. בלייבט באָנטשע הירשקאָוויטש שטעהן אויף די לאַנגע פיס מיט'ן קורצען מאָגערן בויך, שטעהט ער אַזוי לאַנג, לאַנג, ביז ער געפינט עפיס אַנ'אַנדער מיידעל און ווערט ווייך פאַר איהר. ווידעראַמאָל צושפּיליעט זיך איהם דאָס קליינע פנימ'ל און ווי־דעראַמאָל נויגט ער זיך אויף אַלע זייטען און זאָגט ווידעראַמאָל פלוצלונג אַרויס מיט אַ ווייך־שיטערן קול:

—נו, יאָ, פריילליין, אַמאָל איז געווען אויף דער וועלט אַ געאָגראַף סטראַבאָן...

באָנטשע הירשקאָוויטש, די בחורים מיט די רויטע העלזער, די איבערגעוואַקסענע שטיפערישע און לאַכענדיגע מיידלעך,— דאָס אַלץ כאַפּט משה'לען אַרום, ווי אַ וואַסערפאַל און ביי אַ מינוט שטעהט ער, ווי אַ צומישטער. פאַר די אויגען צאַפּלען זיך איהם הענד, בעוועגען זיך פיס און קערפּער, פלאַמען באַקען און אויגען, און ער האָט מורא צו מאַכען א טריט פאַראויס. אַ געדיכטער מיידעל־ריח פאַלט אויף די נערווען און שוואַכט־אָב די רעיונות. עס דאַכט זיך, אַז די שטוב וויגט זיך און זינקט ערגעץ אין אַ תהום. פלוצלונג דערשפירט ער צוויי הענד אויף די באַקען, און אַ בעקאַנטער קול, רבקה'לעס קול, שרייט־אויס נאָהענט און וואַרים:

—אַ, משה'לע געקומען! ביזט אַ וואויל יונגעלע! זעהר גוט! זעהר גוט! באַלד וועט זיין פרעהליך. מיר וועלען שפּילען.

און די צוויי הענד, וואָס האַלטען איהם ביי די באַקען, דריקען איהם איצט צו אַ ווייכער אָטעמפולער ברוסט. רבקה'לע איז זעהר צולעבט און פערהאַוועט. אין די באַקען שפּילט איהר ראָז בלוט און זיי דערמאָהנען יונגע מאָן־בלומען. דאָס ווייסע בלוזקעלע, וואָס זי טראָגט, מאַכט זי אַזוי ווי נאַקעט מיט יענער חנ'עוודיגער נאַקעטקייט, וואָס נעהרט דאָס אויג מיט תענוג און עס ווילט זיך מאַכען אַ ברכה דערויף. איהרע בלאָנדע האָהר זעהנען אַזוי ווי בעשפּריצט מיט גאָלד, און פון די בלויע אויגען טריפען פייערלעך, פונקט ווי זי וואָלט געווייהט אַרום זיך מיט פייערלעך פון איהר נשמה.

—לוי-נח!—רופט זי איהר חתן, וואָס דרעהט זיך מיט אַנ׳איבערגעוואַקסען מיידעל אין אַ ווילדער פּאָלקע,—דאָס איז משה׳לע, מיין שוועסטערקינד...

לוי-נח גערט-צו און טונקט אין איהם גלייכגילטיג איין אַ פּאָר גרויע גוסטאַמיגע אויגען. באַלד נעהמט ער אַרויס אַ ווייס טיכעלע און פּאַטשט זיך איבער׳ן רויטען, שווער-אָטעמדיגען פּנים, און זיין רויטער האַלז זיצט איהם אין איינגען קאָלנער, ווי אַ פּאַס אין אַ רינג. באַלד געהט אויך צו די מוהמע. צווישען די מיידלעך איז זי שווער צו דערקענען. זי זעהט אויך אויס אַזוי ווי אַ מיידעל. זי טראָגט אַ לאַנג זײַדענע טלומאַדיש ליליען-קלייד מיט ווייסע שפּיצען, אָבער עס פּאַסט איהר זעהר. אונטער דער הויכער פריזור בלישטשען איהר די אויגעלעך אויף קליינע מיידעלשע אויערן און זי שטעלט נאָך דעם מוס לייכט און בעוועגליך, ווי אַ מיידעל. איהר בלאַסקייט איז עפּיס אַ געבענשטע: אַזוי זעהט-אויס אַ פרוי, וואָס איז געווען געפעהרליך קראַנק און קומט איצט צוריק צו די פּחות. צווישען איהר און רבקה׳לען איז כמעט אַ קליינער אונטערשייד, די מאַמע איז כמעט אַזוי יונג, ווי די טאָכטער, אָבער אַז מען קוקט זיך בעסער צו, זעהט מען אויף דער מאַמען טערגנב׳עטע דראָבנע קנייטשעלעך, וואָס קומען פון קינדער-געבוירען און פון האָבען קינדער.

—משה׳לע,—זאָגט זי און בויגט זיך אָן צו איהם מיט די לאַנגע בלישטשענדיגע אויגעלעך, וואָס וויגען זיך עטוואָס און גיבען-אַרויס אַ דינעם שטילען קלאַנג,—פאַרוואָס האָב איך נישט קיין יונגלעך, משה׳לע? פאַרוואָס האָב איך נישט אַזאַ יונגעל, ווי דו...

משה׳לע פאַרשעמט זיך, און ווייס נישט וואָס צו ענטפערן, און זי צולאָכט זיך און גיסט איהם אָב מיט איהר געבענשטער בלאַסקייט. דערנאָך אין די געלעכטערס ציהען-אַוועק פון איהם די מוהמען, מיט רבקה׳לען, מיטן חתן און ער בלייבט אַליין און קוקט, אַ נייגיריגער, אין דער הייסער לופט, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט אַ געדיכטען מיידעל-ריח, אין דער קענגאיבערדיגער מהיר ווייזט זיך דער פעטער מיט דער ברייטער געלער באָרד.

ער שטעהט מיט די הענד אין די הויזענקעשענעס, מיט אויפגעהויבענע אַקסלען, ווי אַ פוילער מענש נאָך אַ שווערען מיטאָג און דורך די געשרייען און געלעכטערס גנב'עט זיך אַדורך אין צימער אַ פסוק פון דער תורה מיט'ן טראָפּ:

—כי לולא התמהמהנו כי עתה שבנו זה פעמים...

די באָרד און דאָס ניגונ'דעל פערשווינדען, און משה'לע שניידט זיך פּאַמעלעך דורך צווישען די מיידלעך. אין זיין בלוט פאַלען-אַריין פונקען פון די פרעהליכע געלעכטערס און ער קאָן נישט שטעהן אויף איין אָרט. אָבער אַז ער קומט צו דער קעגענאיבערדיגער טהיר, וואו דער פעטער איז פריהער געשטאַנען, דערזעהט ער פּלוצלונג טעמעלע'ן. זי שטעהט אין צווייטען צימער נעבען פענסטער און הינטער איהר זיצט דער האָרבאַטער פיינשטיין מיט צוגעמאַכטע אויגען. עפּיס שטעכט איהם אָן דאָס הארץ, פונקט ווי אַ דין קאַלט שפּיזעלע, אָבער ער שפּירט שוין פאָראויס, ווי אַ גרויסער דערוואַקסענער מענש, אַז ער וועט שוין נישט ליידען אַזוי שטאַרק, ווי פריהער. טעמעלע איז אפילו שען, קלאָר און לופטיג, ווי אַלעמאָל, און עס ווילט זיך קלעבען צו איהר. עס ווילט זיך ווידער צופאַלען צו איהרע פיס, צו איהר פנים, צו איהר האַלז. אָבער משה'לע פיהלט, אַז ער קאָן שוין איצט גובר-זיין דעמדאָזיגען חשק און אַז איהר כשוף האָט שוין קיין שליטה נישט איבער איהם. דאָך שטעהט ער פון ווייטען און טרינקט מיט די אויגען איהר ווייסקייט און קאָן זיך נישט אָב'חדוש'ן פון איהר פיגורל, וואָס איז אַזוי ווי אַרויסגעפאַלען פון אַ פאָרם. דורך טעמעלע'ן פערשטעהט ער צום ערשטען מאָל די שענקייט פון אַ פרוי, דעם רייץ פון איהרע פאָרמען. און עס קומט ביי איהם אויס אַזוי: אויב אַ פרוי איז עהנליך צו טעמעלע'ן, איז זי שען, אויב נישט, איז זי מאוס. עס דאַכט זיך, אַז ווייסע שנייעלעך געסטיגען זיך אין איהר און אַז זי קאָן צוגעהן אין די הענד ווי אַ וואָלקענדיל. אָבער טעמעלע קעהרט-אַב דעם קאָפּ און קוקט איהם אָן קאַלט און גלייכגילטיג, ווי מען קוקט אויף אַ גלאַטע וואַנד, אויף אַ ליידיג פעלד. משה'לע ווערט רויט און פערשעמט זיך. ער וויל איהר אַ שאָקעל טהאָן מיט'ן

קאָפּ, בעגריסען, אָבער ער שפּירט, אַז זי וועט עס נישט צו-צעהמען און נישט ענטפערן דערויף. וואָס האָט זי צו איהם? פאַרוואָס האָט זי איהם פיינט? דער האָרבאַטער פיינשטיין עפענט לאַנגזאַם די אויגען, ווי אַ חולה אין אַ גרויסער היץ און שעפּ-שעט-אַרויס מיט אַ פערשטיקטען קול:

—טעמעלע, איך וועל משוגע-ווערען... דו הערסט, טעמעלע...

משה'לע האָט רחמנות אויפ'ן האָרבאַטען, וואָס איז אַ פער-פאַלענער מענש אין זיינע אויגען, אָבער פאַרהאַן אַ ווינקעלע האַרץ אין איהם, וואָס איז מקנא דעם האָרבאַטען, וואָס איז מקנא זיינע ליידען און וועהען, זיין פערשמאַכטקייט און צער, און דאָס שרעקט איהם עפּיס נישט. דאָס שרעקט איהם נישט, ווייל ער ווייס שוין פאָראויס, אַז זיין וועג ליגט נישט אויף איין ליניע מיט טעמעלעס וועג, אַז טעמעלע איז שוין נישט מעהר קיין סכנה פאַר איהם און וועט איהם מעהר נישט פערשאַפען קיין טיפע שווערע איבערלעבענישען, וואָס זענען פערבונדען מיט עבירות און חרטות. אָבער פאַרוואָס האָט זי איהם פיינט? פאַר-וואָס רעדט זי נישט מיט איהם?

—טעמעלע!—זאָגט ווייטער דער האָרבאַטער מיט האַלב-אָפענע אויגען און מיט אַ קול פון אַ דערוואַקסענעם ליידענדיגען מענשען,—דו ווייסט נישט, ווי איך מוטשע מיך, ווי מיר איז שלעכט. ווען איך וואָלט געקאָנט וויינען, וואָלט איך געוויינט... טעמעלע, איך שלאָף נישט ביינאַכט און אַז איך ווער אַנטשלאָפען אַמאָל, זעה איך נאָר רוחות און וואָלקעלאַקעס... טעמעלע, דער טאַטע האָט מיר פיינט געקראָגען און די מאַמע וויל מיך אַוועק-שיקען אין אַנ'אַנדער שטאָדט, די ברידער ריידען נישט מיט מיר און די שוועסטער וויינט איבער מיר... טעמעלע, וואָס וועט עס זיין?..

נאָר טעמעלע ענטפערט איהם נישט. דאָס ליכט פון הימעל פאַלט איהר אויפ'ן פנים און ראַנגעלט זיך מיט איהר ווייסקייט, דאָס אויג איז איהר ברייט אויפגעריסען און עס קוקט קאַלט און רוהיג אין דער ווייסקייט אַריין, אָבער זי שטעהט אַזוי דייטליך און בולט אין העלען טאָג, פונקט ווי עמיץ וואָלט זי אויסגע-

שניצט און נאָר-וואָס אַרויסגעלאָזט פון די הענד.
—טעמעלע, וואָס שווייגסטו?—מאָהנט דער האָרבאַטער ווי
אַ זיידע און מאַכט-צו די אויגען, פונקט ווי ער וואָלט זיך צו-
געהערט צו אַ שאַרפען אינערליכען וועהטאָג.—טעמעלע...
איבער׳ן פענסטער לויפט-דורך אַ שאָטען. משה׳לע קוקט
זיך צו און דערקאָנט מאַקאַר זינאָוויעוס פלייצע מיט די אויס-
געבויגטע הענד, פונקט ווי צום שלאָגען זיך. מאַקאַר לויפט-איבער
דעם מאַרק און ווערט פערפאַלען אין אַ זייטיג געסעל. משה׳לען
ווערט פלוצלונג אומעטיג ביז צום וויינען, פונקט ווי עמיץ וואָלט
איהם פערשוועכט עפּיס אַ הייליגע זאַך. ביי אַ פּאָר מינוט שטעהט
ער אָהן געדאַנקען, נאָכדעם דרעהט ער זיך אויס און געהט-
אַוועק צוריק אין הייסען צימער, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט אַ גע-
דיכטען מיידעל-ריח.
די מיידלעך לאַכען און פילדערן, ווי פריהער, אָבער
רבקה׳לע לעגט-פאָר, מען זאָל שפּילען אין שטעדט. די מאַמע
און דער חתן העלפען איהר צו, און אָט ווערט פלוצלונג שטיל.
באַלד דערויף ווערט אַ שאַרעניש מיט שטוהלען און די מיידלעך
זעצען זיך אויס ביי די װענד אין אַ ברייטען קרייז. אינמיטען
ווערט אַנידערגעשטעלט אַ שטוהל פאַר רבקה׳לען, וואָס איז די
אָנפיהרערין. קודם ווערען איינגעטיילט שטעדט. יעדעס מיידעל
קלויבט זיך אויס אַזאַ שטאָדט, ווי איהר געפעלט. עפּיס אַנ׳אַלט
שוואַרץ מיידעל מיט אַ פויגעלשער נאָז קלויבט זיך אויס פּאַריז;
פערקעהרט, אַ יונג מיידעלע מיט ראָזע ליפּלעך געפעלט בעסער
ווין. רבקה׳לעס מאַמע נעהמט זיך ווילנאָ און דער חתן—אָדעס.
משה׳לע, וואָס זיצט צווישען צוויי אונבעקאַנטע מיידלעך, רופט-
אָן מינסק און באָגושע הערשקאָוויטש ליסאַבאָן. לאָנדאָן פאַלט-
אַריין צו אַ יונגער אַלמנה און ניו-יאָרק צו אַ כלה-מיידעל, וואָס
האָט אַ חתן אין דערזאָזיגער שטאָדט. אין צימער פליהען נעמען
פון שטעדט און אפילו איישישאָק געהט אויך נישט פערלאָרען. איצט,
אַז אַלע שנילער זענען שוין בעזאָרגט מיט שטעדט, הויבט זיך
אָן דאָס שפּיל, וואָס איז פאַר משה׳לען ניי און טשיקאַווע.
רבקה׳לע זעצט זיך לאַנגזאַם אַנידער אויפ׳ן שטוהל, אינמיטען

צימער, פערלעגט די הענד אויפ'ן האַרצען און קוקט זיך אַרום מיט אַ קלוג, גנב'יש שמייכעלע, ווי איינער זאָגט: איך וועל אייך שוין אַלעמען פערגעבען דאָ, איהר וועט מיך שוין האָבען צו געדענקען. דאָס גנב'ישע שמייכעלע ווערט איהר אָבער פערפאַלען און פּאַוואָליע ציהט זי אויס אַ פוס און בעטראַכט דעם שפּיץ פון שיכעלע, נאָכדעם ציהט זי אויס דעם צווייטען פוס, קוקט לאַנג אויף די נעגעל, בעטאַפּט און בעקוקט אַ קליין קנעפּעלע פון דער בלוזקע, נעהמט-אַרויס אַ שפּילקעלע פון קאָפּ און שטעלט צוריק אַריין און מאַכט בכלל אַנ'איינדרוק, ווי זי וואָלט געוואָלט געגעצען אָדער געהן שלאָפען. אין צימער שפּרייט זיך יענע געדיכטע שטילקייט, וואָס רופט-אַרויס איינצעלנע הוסטען, און מען הערט ווי הערצער קלאַפּען. פון גרויס אָנשטרענגונג פערגעסט דער עולם צו שמייכלען, מען פערגעסט, אַז דאָס איז אַ שפּיל, און די אויגען ברענען מיט יענער אונגעדולד, וואָס לאָזט זיך מערקען אויף חיות, בשעת זיי דערשמעקען זייער קרבן. אָבער איין רבקה'לע איז רוהיג, איין רבקה'לע וויל געהן שלאָפען. זיצט זי דען צווישען מענשען, וואָס זענען זיך מכין צו שפּילען? זיצען. דאָ בכלל מענשען אין צימער? אַ לעדיג צימער איז עס און דרויסען איז נאַכט און פינסטער און אַלע, אַלע שלאָפען שוין לאַנג. נאָר די אונגעדולד פון די שפּילער גרייפט-אָן שטו־מערהייד רבקה'לעס רוהיגקייט, עס קומט-פאָר אַ געהיימער קאַמף, און אַ מאָדנע זאַך, וואָס רבקה'לע איז רוהיגער, אַלץ אונגעדול־דיגער ווערען די שפּילער. רבקה'לע ווירקט אויף זייער געדולד, זיי ווירקען אויף איהר רוהיגקייט, און ביידע וואַקסען געגענזייטיג.

—וואָס זיצט זי דאָרטען?—כאַפּט זיך עמיץ אַרויס מיט אַ בעליידיגטען טאָן.

—זי לייענט קריאת-שמע!—בעמערקט אַ צווייטער מיט אַ שמאָך.

—רבקה'לע, דו האָסט געחלש'ט?—פרעגט דאָס מיידעל מיט דער פויגעלשער נאָז, וואָס האָט זיך אויסגעוועהלט די שטאָדט פאַריז.

נאָר רבקה'לע וויים גאָרנישט, אַז מען וויל שפּילען, רבקה־

לע קוקט גאָר אויף די רויטע קליינע איניציאַלען פון איהר נאָז-טיכֿעל, פונקט ווי זי וואָלט זיי דערזעהן צום ערשטען מאָל אין איהר לעבען. און נאָכֿדעם קוקט רבקה'לע ווידער אויף די שפּיצען פון איהרע שיכעלעך, אויפ'ן קנעפּעלע פון דער בלוזקע און זי זעהט-אויס אַזוי איינזאַם און אַליין, פונקט ווי זי וואָלט זיצען אויף אַ פערוואָרפענער אינזעל צווישען קאַלטע ווּסטע שטיינער און עס איז נישטאָ קיין מענש, מיט וועלכֿען זי זאָל קאָנען אויסריידען אַ פּאָר ווערטער. אָבער אַז די אָנשטרענגונג ווערט אַזוי געדיכט, ווי די שטילקייט, און זי שפירט זיך אַזוי ווי אַ משא, וואָס מען קאָן כמעט אָנטאַפּען מיט די הענד, זאָגט רבקה'לע אַרויס שטאַרק פערטראַכֿט, מיט אַ פינגער ביים שטערען, ווי אַ מענש, וואָס רעדט צו זיך אַליין אין אַ מינוט פון שטילער בעדאַכֿטונג:

—ביי אַזויגע גרויסע הוצאות... ביי אַזאַ שווערען וועג, ווייס איך גאָרנישט צי עס וועט זיך לוינען צו פיהרען די סחורה קיין אָדעס... אַ פּאַנט!!!—שרייט זי פּלוצלונג אויס מיט אַ פּאָליציי-קול, גיט זיך האַסטיג אַ ריס פון אָרט צום חתן און פערגעהט זיך פון געלעכטער.

דער צומישטער חתן פרובט זיך אויפהויבען פון אָרט, אָבער עס איז שוין שפּעט. דער עולם לאַכט און פּאַטשט מיט די הענד, און דער חתן בעהמט-אַרויס זיין גאָלדען זייגערל און גיט-איבער רבקה'לען. רבקה'לע נעהמט-צו זיגעריש דעם ערשטען פּאַנט, גיט אַ קנאַק מיט די פינגער, אַ טאַנץ אויף אַ פוס און לעגט עס אַוועק מיט גרויס פּאַראַד אויף אַ קליין ווינקעלטישעל, וואָס איז אָנגעשטעלט געוואָרען פאַר די פּאַנטען.

—האָסטו געהערט די נייס?—רופט זיך רבקה'לע פּלוצלונג אָן מיט אַנ'ערנסטער מינע צו דער מיידעל מיט דער פויגעלשער נאָז.—דער עלטערער פיינשטיין פאָהרט היינטיגע וואָך אַוועק קיין לאָנדאָן... אַ פּאַנט!—קלינגט ווידער נצחונ'דיג איהר קול און זי שטעהט שוין מיט אַנ'אויסגעשטרעקטער האַנד ביי דער יונגער אלמנה, וואָס האָט זיך גראָד מיט גרויס ערנסט צוגעהערט צו דערדאָזיגער נייס.

די יונגע אַלמנה צאָהלט מיט איהר בראָש פאַר איהר נאַכ־לעסיגקייט, און דער עולם לאַכט. רבקה׳לע טראָגט צום טיש איהר צווייטען קרבן, אָבער, געהענדיג, גיט זי זיך פּלוצלונג אַ קלאַפּ מיט׳ן פינגער אין שטערען, פערגלאָצט די אויגען און שרייט־אויס מיט גרויס שרעק:

—איהר ווייסט? פּאַריז ברענט!..

דאָס שוואַרצע מיידעל מיט דער פויגעלשער נאָז, די סאַמע אונרוהיגסטע שפּילעריןן, וואָס צו איהר געהערט פּאַריז, בעווייזט זיך נישט אויפצוהויבען, און צאָהלט מיט גרויס בדיון אַ פאַנט. זי האָט זיך, קענטיג, נישט געריכט אויף אַזאַ שנעלער מפּלה, און בשעת אַלע לאַכען, ווערט זי רויט און אָנגעבלאָזען, פּונקט ווי עמיץ וואָלט איהר אַרויפגעטראָטען אויפ׳ן פוס. אָבער רבקה׳־לע קוקט זי אָן גוטמוטיג און ווייך.

—וואָס ביזטו ברוגז,—זאָגט זי,—נאַרעלע, פּאַריז איז ריי־כער פון ווילנאָ... אַ פאַנט, מאַמעלע!!—דרעהט זי זיך אויס און פאַלט־אַרויף אויף דער מוטער מיטביידע הענד.—אָבגענאַרט דער מאַמען, אָבגענאַרט דער מאַמען... גיב אַ פאַנט, שעם זיך נישט, נישטאָ זיך וואָס צו שעמען...

איהר מאַמע בעהמט־אַראָב דעם שבת׳דיגען, אַלט־גאָלדענעם בראַסלעט און רבקה׳לע טרויסעלט איהם אין לופטען און טריאומ־פירט, וואָס זי האָט אויסגענאַרט דער מאַמען.

— איהר ווייסט, מיר גלויבט זיך גאָרנישט,—זאָגט רבקה׳לע מיט אַ ניכטערן קול—אַז מען זאָל אין צוויי וואָכען צייט קאָנען פאָהרען פון גראָדנע קיין ניו־יאָרק... פאַנטען, פאַנטען, קינדער־לעך!—מאָהנט זי באַלד די פאַנטען ביי צוויי צוטומעלטע מיידלעך, וואָס האָבען פערגעסען זיך אויפצוהויבען.

אויפ׳ן קליינעם טישעל וואַקסען איהרע קרבנות, אָבער זי אַליין וואַקסט אויך. זי פיהלט זיך שטאַרק אין איהר ראָל און געוועלטיגט איבער אַלעמען. די שטעדט רופט זי אָן אַזוי קונציג און אונבעמערקט, אַז מען פערגעסט זיך אויפצוהויבען און ווי אַלע זיגער, האָט זי שוין שונאים. אפילו דער חתן בלאָזט זיך אַ ביסעל. ער קאָן איהר, קענטיג, נישט מוחל־זיין, וואָס ער איז

געווען זיער ערשטער פאנט-געבער, און אז באנטשע הירשקאוויטש פאלט-אריין מיט זיין ליסאבאן און דער עולם בעגלייט דידאזיגע מפלה מיט גרויס געלעכטער, רופט זיך אן רבקה׳לעס חתן מיט עטוואס א שטעכיגען טאן:

—רבקה׳לע, פרעה דיך נישט אזוי, א צווייט מאל ווערסטו מיך שוין נישט פאקען...

—נישט פאקען, זאגסטו?

רבקה׳לע גיט זיך א דרעה-אויס אויף איין פוס, מאכט א שירמל פון איהר לייכט קליידעל און פערגעהט זיך פון געלעכטער. אבער אין דער אייגענער רגע מאכט זי אנ׳ערגסטע מינע און גיט שטרענג א זאג:

—אדעס!

דער חתן הויבט זיך אויף.

—אדעס!

דער חתן הויבט זיך אויף.

—אדעס!

דער חתן הויבט זיך אויף צום דריטען מאל, א רוישער, און איפ׳ן שטערען צוקען איהם די אנגעשטרענגטע אדערן.

—נו, וויפיל איז דער שיעור?—דריקט ער מיט די אקסלען.

—איך האב רעכט דיך אויפצוהויבען ביז הונדערט מאל!—זאגט רבקה׳לע שטאלץ און מיט בעפעהל,—אבער דו קאנסט זיצען און דו וועסט מיר שוין זיצען, אז איך וועל עס בעדארפען...

און רבקה׳לע צולאכט זיך, ווי א קינד, מיט צוגעמאכטע אויגען.

—איך וועל אייך גאר דערצעהלען א מעשה׳לע...—זאגט רבקה׳לע אזוי ווייך און מילד, אז מען דערמאהנט זיך נישטווילענדיג אין א וויגעלע מיט א קינד.—אמאל, גאר אמאל, פארצייטענס, אפשר מיט טויזענדער יאהרען צוריק, איז אנשטאט אדעס...

דער חתן זיצט, און רבקה׳לע גיט א פאטש מיט די הענד, א שפרונג אויף די לייכטע פיס און בויגט זיך אן צום חתן מיט גוטמוטיגע חוק-פייערלעך אין די אויגען:

—בע, בע... לוי-נח, בע... אַ פאַנט, אַ פאַנט אַהער!

דאָס איז איהר גרעסטער טריאומף. אַלע, אפילו איהרע שונאים, לאַכען, שפּרינגען-אויף פון די ערטער און פּאַטשען מיט די הענד, און לוי-נח, דער חתן, פאַרלירט די בייזע רויטקייט פון געזיכט און זאָגט שוין מיט אַ טאָן פון אַ חתן צו אַ כלה:

—רבקה׳לע, דו ביזט אַ כוואַט. איך מוז מיך אונטערגעבען...

איינע נאָך די אַנדערע פאַלען-אַריין די שפּילערס אין רבקה׳לעס נעץ. זי שניידט זיי ווי גראָז מיט אַ קאָסע און עס העלפט נישט זייער קליגען זיך און זייער אָנשטרענגונג: אָדער זיי הויבען זיך אויף שפּעטער, אָדער זיי פערגעסען אינגאַנצען זיך אויפצוהויבען. רבקה׳לע פיהרט איהר ראָל אונפערגלייכליך. און, ווי עס טרעפט שטענדיג מיט שונאים, זענען זיי איצט, בשעת רבקה׳לע שטעהט אויף דער העכסטער מדרגה פון פאַנטען-רוהם, פערוואַנדעלט געוואָרען אין חניפה׳ניקעס און אונטערשמייכלער און זיי וואַרפען איהר צו קאָמפּלימענטען פון אַלע זייטען.

—שפּילען אין פאַנטען איז גוט נאָר מיט רבקה׳לען!—שרייען אַלע.

די מוטער קוקט אויף דער טאָכטער מיט אַזויפיל גלאַנץ אין די אויגען, אַז דערדאָזיגער גלאַנץ פערדעקט אינגאַנצען די שוואַרצאַפּלען, און עס דאַכט זיך, אַז זי קוקט נישט מיט אויגען, נאָר מיט פּיירלען. דער חתן ווערט אַלץ ווייכער און ווייכער, פּונקט ווי ער וואָלט זיך ערשט דערמאָהנט, אַז אָט דאָס געשיקטע מיידעל איז זיין כלה, וואָס וועט אַמאָל זיין זעהר אַ גוט ווייב, און די שוועסטער שפּרינגען, ווי ציגען און לאַכען מיט יענע הילצערנע זינלאָזע קולות, וואָס קומען פון איבערלאַכען זיך. בלויז איין משה׳לע איז נישט פרעהליך. עפּיס עקבערט איהם אין דער נשמה. דאָס ערשטע מאָל שפּילט ער אין אַ געזעלשאַפט, אָבער שוין נישט צום ערשטען מאָל שפּירט ער די מניעה פון זיינע יאָהרען: מען האָט אַזוי ווי פערגעסען אָן איהם, מען האַלט איהם פאַר אַ יונגעל און זיין שטאָדט איז גאָרנישט דערמאָהנט געוואָרען. קיינער פון די שפּילער זיצט אפשר נישט מיט אַזוינע פערשפּיצטע אויערן, ווי ער—אויפצוכאַפּען זיך פון אָרט באַלד ווי

זיין שטאָדט וועט דערמאָהנט ווערען ביי דעם ערשטען אות, אָבער רבקה׳לע האָט אַלעמען אויסגערופען, אַלעמען, אַלעמען און איהם נישט. דער פערדרוס צעוואַקסט זיך אין איהם, ווי אַ ביטערע פלאַנצונג, און ווען עס וואָלט נישט געווען אַזוי מאוס, וואָלט ער זיך צעוויינט. ער וואָלט געוויינט דערויף וואָס ער איז יונג און וואָס די גרויסע—די סאַמע אינטערעסאַנטסטע מענשען— מיידען איהם אויס, ווי מען מיידט-אויס אַ נאַר. אַ טפש אָדער אַ פערדאָרבענעם יונג. פאַרוואָס איז ער ערגער פון אַלעמען? פאַרוואָס איז ער דער לעצטער פון די לעצטע? משה׳לע פערזינקט אין שווערע, טריבע און ביטערע רעיונות, ווי אין אַ קאַלטען טייך. איהם דאַכט זיך, אַז עס לוינט נישט צו לעבען אויף דער וועלט און אַז עס איז גלייכער גאָרנישט געבוירען צו ווערען, און אַז ער וואַרפט אַ בליק צום פענסטער, זעהט איהם אויס דער בלויער הימעל ווי אַ שוואַרצער דאַך, וואָס נידערט לאַנגזאַם צו דער ערד. די רעיונות טראָגען איהם אַוועק אין ווייטע שוואַרצע מדבריות, אין וויסטע מקומות, דאָרט, וואו עס זיצט דער טויט און וויינט פון שוואַרצער איינזאַמקייט, און ווי דורך אַ חלום הערט ער ווי עס ווערט דערמאָהנט מינסק און ער פערשטעהט נישט צו וואָס, אָבער באַלד דערויף כאַפּט איהם רבקה׳לע פאַר די הענד, גיט איהם פרעהליך אַ ציה צו זיך און שרייט-אויס:

—משה׳לע, אַ פאַנט! אַ פאַנט!..

משה׳לע קומט צו זיך און צולאַכט זיך. איצט איז דער הימעל בלוי און אַ גאָלדענע זון שפּילט אין איהם. אָבער מען בעדאַרף געבען אַ פאַנט, און משה׳לע האָט נישט. און דאָ דערשפּירט ער ווידער דעם פאָרצוג פון די גרוסע געגען די קליינע. די גרויסע האָבען זייגערלעך און פינגערלעך און געלד. היינט איז אפילו שבת, טאָר מען קיין געלד נישט האַלטען ביי זיך. אָבער ער האָט דאָך געקאָנט האָבען אַ זייגערל, די שענסטע מאַנסבילשע צירונג אין זיינע אויגען, די צירונג, וואָס האָט אַזוינע אונפערשטענדליכע לעבעדיגע רעדערלעך און שרייפעלעך, און, אַ פערשעמטער, רופט ער זיך אָן צו רבקה׳לען:

—איך האָב נישט... איך האָב נישט וואָס צו געבען...

—נו, וועל איך פאַר דיר געבען אַ פאַנט,—זאָגט רבקה'לע און נעהמט-אַראָב איהר בראָש פונ'ם ווייסען בלוזקעלע.

מיט משה'לען ענדיגט זיך איין טייל פונ'ם שפיל. אינ'ם צווייטען טייל בעקומט יעדער זיין חלק, זיין שטראָף. דאָס איז אַ גרויסער און פרעהליכער טייל, וואָס פערציהט זיך ביז רעכט אין אָווענד. רבקה'לע שפילט דאָ אויך די הויפט-ראָליע. זי געהט-אַריין אין אַ בעזונדער צימער צוזאַמען מיט נאָך אַ מיידעל, וואָס האָט זיך נישט בעטייליגט אינ'ם שפיל און ביידע בעשטימען די שטראָף. די ערשטע פּאָרציע כאַפּט רבקה'לעס חתן. מען הייסט איהם געהן אויף אַלע פיר און מעקען, ווי אַ שעפּס. ער טהוט עס גאַנץ גערן, אָבער דער ווייסער רייף שטיקט איהם אַזוי דעם האַלז, אַז די אויגען שפּאַרען איהם אַרויס פון אונטער'ן שטערען, און בשעת ער מעקעט, דאַכט זיך, אַז דער רויטער האַלז ,וועט איהם באַלד פּלאַצען, ווי אַנ'איבערגעשטאָפּטער זאַק און דאָס בלוט וועט פערגיסען דאָס צימער. די מיידלעך לויפען איהם נאָך און שלעפען איהם פאַר די פּאָלעס פון זיין רעקעל. אָבער ער טהוט-אָב זיין אַרבייט בשלמות. נאָכדעם הויבט ער זיך אויף, אָטעמט זיך אָב, ציהט-פונאַנדער די וואָנסען, רייניגט-אָב מיט אַ בערשטעל די קליידער און בעת-מעשה זעהט ער אויס אַזוי ערנסט, פונקט ווי ער וואָלט געאַרבייט אויף אַ פּאָסטען. אַנ'אָבגעקומענער און אַנ'אויסגעלייטערטער, געהט ער אַריין מיט רבקה'לען אין צווייטען צימער, דאָרט, וואו עס ווערט געהיים אויסגעאַרבייט די שטראָף פאַר די איבעריגע. אין פינף מינוט אַרום געהט ער אַרויס פון צימער און נאָך איהם געהט רבקה'לע און דאָס מיידעל. די קניה, די הענד, דער בויך און די גאָמבע ציטערן איהם פון געלעכטער.

—ה... ה... ה... הער הערשקאָוויטש...—טרויסעלט איהם דאָס געלעכטער און לאָזט איהם נישט ריידען.—זענט אַזוי גוט, איהר וועט זיך איצט בעצאָהלען... איהר האָט אַ לייכטערע שטראָף פאַר מיר: איהר וועט בלויז אַ קוש טהאָן יענטלע'ן...

יענטעל, דאָס שוואַרצע מיידעל מיט דער פויגעלשער נאָז,

הייבט זיך אויף און לאָזט זיך אַראָב, ווערט רויט און בלאַס און הייס נישט, צי זי זאָל פּראָטעסטירען אָדער אדורכלאָזען עס דורך דער האַנד.

—אָבער פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ שטראָף? איהר בע-שטראָפט דאָך גאָר אידען?—פרעגט זי ביי די לאַכענדיגע מיידלעך.

—ניש'קשה, ניש'קשה, יענטעלע, דיר וועט גאָרנישט אָב-קומען,—וואַרפט איהר רבקה'לע צו איילענדיג.—אָט וועל איך צופיהרען הערשקאָוויטש'ן.

באָנטשע הערשקאָוויטש, וואָס איז ענליך צו פיר לאַנגע שטעקענס, וועלכע האַלטען-אונטער אַ האָהריגע קיל, ווערט מיט גרויס פאַראַד געפיהרט דורך רבקה'לען צו זיין שטראָף-פונקט. דאָס שוואַרצע מיידעל מיט דער פייגעלשער נאָז איז נאָך אַלץ אויפגערעגט און צוטראָגען. איצט דאַכט זיך, אַז זי איז אויפגע-רעגט נישט פון שעמעריי, נאָר פון דעם, וואָס אַ בחור וועט זי אַ קוש טהאָן דאָס ערשטע מאָל אין לעבען. אמת, באָנטשע הערשקאָוויטש איז נישט אַזאַ פאַראַדנער בחור און דער קוש איז אויך אַ געצוואונגענער, אָבער פונדעסטוועגען איז דאָס פאָרט אַ בחור און פאָרט אַ קוש. און אַז רבקה'לע פיהרט-צו הערשקאָ-וויטש'ן צו דעם מיידעל, ווערט זי גלייכצייטיג בלאַס און רויט און בלוי, אָבער הערשקאָוויטש האַלט זיך זעהר ערנזירדיג און שאַרט מיט די פיס, ווי אַ באַראָן.

—ע... ע... ע... צי וויסען זי, פריילין...—מורמעלט ער און טרייסעלט מיט'ן קאָפּ און מיט'ן פענסנע-שנירעלע, פונקט ווי עמיץ וואָלט איהם געשנעלט אין דער נאָז.

—וואָס טויג אייך צו ריידען,—רופט זיך רבקה'לע אָן מיט אַ דערשטיקטען געלעכטערל,—נעהמט און צוקושט זיך...

ביידע האָבען לאַנגע ביינינע נעזער, און עס איז זיך שווער פאָרצושטעלען, ווי אַזוי ביידע זאָלען זיך צוקושען אין די ליפען, די ביינינע נעזער שטעהען, ווי שנאָבלען און לאָזען נישט.

רבקה'לעס חתן קנייפט דערווייל דעם צווייטען בחור מיט די געלע וואָנסען, דער צווייטער בחור קיצעלט אין דער-שטיל אַ מיי-דעל, דאָס מיידעל שלעפט ביי דער האַנד אַ צווייט מיידעל, דאָס

צווייטע מיידעל לאָזט ווידער נישט אָב אַ דריט מיידעל, וואָס ליגט האַלב אויף דער פּאָדלאָגע מיט פער'חלש'טע אויגען פון לאַכען. נאָך דערדאָזיגער מיידעל שלעפּט זיך אַ פּערטע, אַ פינפטע און אַ זעקסטע, און עס זעהט-אויס, ווי אַ געפלאָכטענער מיידעל־קראַנץ, וואָס איז משוגע פון לאַכען. באָנטשע הירשקאָוויטש האָט זיך נאָך אַלץ נישט דערוועגט אַ קוש צו טהאָן דאָס מיידעל, הגם זיין פּאָזע איז אַ העכסט דאָן־זשואַנישע. ביידע לאַנגנעזיגע, קוקען זיי אָן איינאַנדער, ווי צוויי אונבעקאַנטע מאַלפּעס אין אַנ'איינגען שטייגעל. פון צייט-צו-צייט גיט ער אַ פערלעג די לאַנגע הענד אין די הויזענקעשענעס און ברומט-אַרויס מיט עפּיס אַ בעזונדער צופרידענקייט:

—ע... צי ווייסען זי, פריילין...

רבקה'לעס חתן, וואָס קאָן זיך, קענטיג, נישט דערוואַרטען, גיט אַ קלאַפּ איבער ביידענס פּאַטילניצעס און שטויסט-צוזאַמען ביידענס נעזער. ביי באָנטשע הירשקאָוויטש פּאַלען־אַראָב די ברילען פון דער נאָז, ביי דער שוואַרצער מיידעל צופלאַקערן זיך די באַקען, פונקט ווי זי וואָלט געשטאַנען אין אַ פייער און ביידע צוקושען זיך קרום און משונה, פונקט ווי זיי וואָלטען גע-האַט די מיילער אויף די באַקען. די גאַנצע שטוב ווערט אָנגע-פילט מיט ווילדען הירזשענדיגען געלעכטער. דאָס איז דער סאַמע שטאַרקסטער פּאַנטען-נומער, און עס איז אַ זינד נישט צו לאַכען, נישט צו טופּען מיט די פיס און נישט צו פּאַטשען מיט די הענד. פון לאַכען פּאַלען רבקה'לעס שוועסטער איינע אויף די אַנדערע, פונקט ווי אומגעשטויסענע סלופּעס, אָהנמעכטיג און משוגע און פון די אויגען קאַפּען זיי גרויסע טרעהרען, ווי רע-גענטראָפּענס. אין דער אָפענער טיר בעווייזט זיך ווידער דער פעטער מיט אַ פוילער טשאָלענט-מינע. ער וואַרפט-אַריין אַ פּאָר פוילע בליקען צווישען די הייסע מיידעל-קעפּ און גיט אַ דריק מיט די אַקסלען, ווי איינער זאָגט: צו וואָס אַזויפיל לאַכען? אָבער רבקה'לעס מאַמע האַלט זיך ביי די זייטען, בעוועגט זיך, ווי אַ שכור'ע און שרייט פון וויטען צום מאַן:

—אוי, חיים, וואָלסטו נאָר געזעהן, וואָס דאָ איז געווען...
וואָס דאָ איז געווען...

באָנטשע הירשקאָוויטש בלאָזט זיך אָב, אָטעמט זיך אָב, ווי נאָך אַ שווערער נסיעה. אויף זיין קליין פּנים׳ל ליגט אויסגעגאָסען עפּיס אַן׳ערנסטע צופרידענקייט, פּונקט ווי דער עולם וואָלט געלאַכט נישט דערפאַר, וואָס ער איז געווען זעהר לעכערליך, נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט דעם עולם געוויזען זעהר אַ קלוגע און אַ שאַרפזיניגע זאַך. אַזוי זעהט-אויס אַ ווירטואָז נאָך אַ געלונגענעם קאָנצערט. אָבער דאָס שוואַרצע, געקושטע מיידעל ליגט ביי אַ געלער מיידעל אין די אָרעמס און בעהאַלט דאָס געזיכט. לויט איהר אויפרעגונג און שעמעריי האָט זיך געשפּירט, אַז זי וואָלט גאָרנישט געהאַט דאַגעגען, ער זאָל איהר שענקען נאָך אַ קוש, אָבער אונטער פיר אויגען. און אַ מאָדנע זאַך, וואָס מעהר זי האָט זיך געשעמט און געדרייטעלט, אַלץ מעהר און מעהר האָט זיך געשפּירט איהר נאָכגיביגקייט און איהר חשק צו אַ בחור.

—האָט גאָר חתונה!.. אויף מיין עהרנוואָרט, דאָס איז אַ גלייכער שדוך!..—גיט זיך רבקה׳לע אַ כאַפּ מיט אַמאָל, ווי אַ מענש, וואָס ווערט פּלוצלונג איבערראַשט פון אַ היכען געדאַנק, פון אַ מערקווירדיגער דערפינדונג.

דאָס איז ביי שטאָף צום לאַכען און דער עולם שיסט ווידעראַמאָל אויס מיט אַ גרויס געלעכטער.

—נו...—ברומט באָנטשע הירשקאָוויטש אַרויס און נעהמט שאָקלען מיט אַ לאַנגען פוס-שטעקען, לאָזט-אַראָב די אונטערשטע ליפּ, פערריכט די פענסנע אויף דער שאַרפער ביין-נאָז און פערלעגט די הענד-שטעקענס אַהינטער.—נו...

דאָס שפּיל געהט אָבער ווייטער און מען לאָזט דאָך צורוה דאָט פּאָרל. רבקה׳לע לויפט ווייל[עוויי]ז אַרויס אין צווייטען צימער און קומט באַלד צוריק מיט נייע איינפאַלען. איינער מוז קריכען אויף די הענד, אַ צווייטער מוז זיך מאַכען משוגע, אַ דריטער שפּרינגט פון טיש, אַ פערטער בעדאַרף פערבינדען די אויגען און בלאָנדזשען פון וואַנד צו וואַנד ביז ער וועט נישט אוממאַלען. אַ פינפטער בעט נדבות, משה׳לעס שטראָף איז גאָר אַ

לייכטע: אַריינטראָגען דער מוהמען אַ גלאָז טיי פון קיך. און דערין זעהט ער אויך די שולד פון זיינע יאָהרען: וואָלט ער עלטער געווען, וואָלט מען איהם זיכער געגעבען אַן׳אינטערע-סאַנטע און אַ האַרבע שטראָף.

ווי אַ בלויער פויגעל פאַלט-צו צו די פענסטער די בלויע זומערנאַכט, און אַז מען צינדט-אָן דעם לאָמפּ, דאַכט זיך, אַז דאָס פענסטער איז אַ בלויער פאָרהאַנג און דער דרויסען—אַ גרויס בלוי צימער, וואָס איז לייכט און שטיל בעלויכטען פון קליינינקע גאָלדענע לעמפּעלעך. דאָס איז יענע נאַכט-בלויקייט, וואָס ליגוערט דאָס האַרץ און די בלוטען און דער מענש שפּירט, אַז ער וואַקסט און אויף די פעלדער וואַקסט און טייכען געהען און ימים בעוועגען זיך אויפ׳ן גלעגער פון דער ערד און אַלע פעדים פון דער וועלט ליגען ביי אַ גוטען גאָט אין די הענד.

דאָס שפּיל איז שוין געענדיגט. פּאַמעלעך רוקען זיך אַרויס די מיידלעך פון שטוב און פאַלען אייניציגווייז אַריין אין דער דרויסען-בלויקייט, טונקעלע, געבעלהאַפטע, פערשטעלטע, פונקט ווי מכשפות פון אַ כשוף-הויז. דער פעטער איז שוין געקומען פון מעריב מיט אַ חומש-נגונ׳דל אונטער דער נאָז און די מוהמע פלעכט-איבער רבקה׳לעס צעפּ. דערביי שטעהט דער חתן, ציהט זיך די וואָנסען און צופּט וויילעווייז דעם איינגען קראַגען פון דעם רויטען האַלז. אין זיינע גרויע אָנגעשטרענגטע אויגען שוועבט-אום עפּיס אַ מאַנסביל-סוד און רבקה׳לעס אויגען, וואָס זענען שוין איצט נישט בלוי, נאָר טונקעל, דריקען-אויס נאָכגי-ביגקייט, געהאָרזאַמקייט און אַ בענקשאַפט נאָך מאַנסבילשע אָרעמס. פון מינוט-צו-מינוט ווערט זי מעהר עהנליך צו אַ לאָנקע, וואָס לעכצט נאָך אַ רעגען. רבקה׳לעס מוטער פיהלט עס און איהרע בליקען צו דער טאָכטער זענען ריידענדיגע, אָפענע, קלוגע און רחמנות׳דיגע. און דערנאָך, אַז רבקה׳לעס האָהר זענען איבערגע-פלאָכטען און זי הויבט זיך אויף, קנעפעלט-צו דאָס ווייסע בלו-זקעלע, גיט אַ קוש די מוטער, די שוועסטער און משה׳לען און געהט-אַרויס מיט׳ן חתן אין בלויען דרויסען, דאַכט זיך, אַז צווי-שען זיי געהט שוין אויך דאָס קינד, וואָס וועט ביי זיי אַמאָל

געפּוירען ווערען. דורכ'ן פענסטער זעהט משה'לע, ווי די בלויקייט נעהמט זיי אַרום, ווי אַ וואַסער און זיי געהען אַלץ ווייטער און ווייטער, ווערען אַלץ קלענער און קלענער, ביז זיי פערשווינדען פון די אויגען, פונקט ווי זיי וואָלטען צושמאָלצען ווערען אין דער בלויקייט. אין שטוב ווערט עפּיס קאַלט און שטיל און אומעטיג, ווי נאָך אַ שמחה, און משה'לען טהוט עפּיס באַנג און ער ווייס נישט וואָס. די מוהמע, אַ מידע און אַנ'איבערגעטהאָנענע, מאַכט שוין פייער אין קיך און אויפ'ן פעטער ליגט שוין דער יוד, וואָס וועט מאָרגען אַרויס אין מאַרק. די ווינקלען פון שטוב אָטעמען שוין מיט אינדערוואָכען, דעם פעטערס מיידלעך גענעצען און קוקען מיט חשק צו די בעטלעך, וואָס שטעהען ביי די וואַנד, פערלעגט מיט הויכע ווייסע קישענס. מיד און מיידעלש-פויל ציהען זיי אַרויס די שפּילקעס פון די האָהר, לעגען זיי אַריין אין מויל און מאַכען זיך איינפּאַכענאַכט-פריזורען. אַנדערע זינגען צום הונדערטסטען מאָל די זיסקלעפיגע מעלאָדיע פון אַנ'אַלטער אָפּערע, און דערפון ווילט זיך עפּיס שלאָפען אין די קליידער, נישט-אויסגעטהאָנערהייד.

—משה'לע,—רופט זיך אָן פויגעלע, דעם פעטערס טאָכטער, וואָס אינ'ם שפּיל האָט זי געהייסען פלאָרענץ,—אויב דו ווילסט, קאָנסטו נעכטיגען ביי אונז.

—ניין, איך וועל געהן צום פעטער...

– וועל איך דיך בעגלייטען.

משה'לע האָט איצט איין מניעה: אַרויסנאַרען זיך פונ'ם עסען, וואָס די מוהמע שטעלט איהם אויפ'ן טיש. ווערט ער רויט, לאָזט-אַראָב די אויגען, פערשעמט זיך, מורמעלט עפּיס אונטער דער נאָז, און די מוהמע גיט איהם אַ קניפּ פאַר'ן בעקעל, אַ גלעט פאַר די האָהר, אַ ציה פאַר דער גאָמבע און זאָגט:

—איך זעה דאָך שוין, אַז דו ווילסט בעסער געהן, טאָ געה, משה;לע, געה.

אין דרויסען גיסט זיך די בלויקייט, ווי אַ שטילער טייך און ציהט און רופט אין דער-הויך, אונטער די ווייכע הימלען, וואָס זענען בעהאָנגען מיט גאָלדענע לעמפּעלעך. קיין לבנה איז

נישטאָ, נאָר אין דער טונקעל־בלויער לופט שימערט עפּיס אַ זילבערנע ווייסקייט, לייכטען זיך דורך ווייסע שטראַהלען, פּונקט ווי שניי דורך אַ געדיכטער בלויער וואָאַל. עס דאַכט זיך, אַז עמיץ האָט פערהאַנגען די זון פון דער וועלט מיט אַ בלויען פאָרהאַנג. דער מאַרק איז לעדיג און שטיל און וואו־נישט־וואו שאָטענט זיך אַ מענש, אָדער אַ סלופּ. דאָס גרויע קלויסטערל טוליעט זיך טונקעל אין דער בלויקייט, פּונקט ווי אַ שוואַרץ בערגעל און דער צלם ברענט אין דער־הויך, ווי אַ קליין פייער־דיג מענשעלע מיט פונאַנדערגעשפּרייטע הענד. איבער דער קיה־לער ווייסקייט פון די שוהל־וועגד גיסט זיך די בלויקייט, ווי אַ צאַרט וואַסערל. אין אַזאַ נאַכט איז מאָדנע לייכט צו געהן און עס דאַכט זיך, אַז בלוי איז אין האַרץ און אין קאָפּ, אין די הענד און פיס. און בלויע קיילעכלעך טוקען זיך אין די שוואַרצ־אַפּלען פון די אויגען, פּונקט ווי אַ בלויע נשמה וואָלט אַרויס־געקוקט פון זיי.

—משה׳לע,—רופט זיך אָן פּויגעלע, וואָס האָט ליב צו לייע־נען רייזע־ראָמאַנען,—מען זאָגט, אַז אין איטאַליע איז גוט... דאָרט זענען פאַרהאַן הויכע בערג און אַפּעלסינען וואַקסען דאָר־טען און ביינאַכט זענען די שטערען גרויסע און אַלטע פּאַלאַצען ליגען צווישען פּאַלמענבוימער... זאָג, דו וואָלטסט געפאָהרען קיין איטאַליע?..

משה׳לע קוקט זי אָן: פּויגעלע איז בלוי ווי די נאַכט, און עס דאַכט זיך, אַז ביי איהר אין האַרצען ברענען איך אַזוינע לעמפּעלעך, ווי אויפ׳ן הימעל. אין די אויגען טוקען זיך איהר בלויע פינטעלעך, ווי ווייטע שטערענדלעך אויף ווייטע סודות׳־פולע הימלען. פּויגעלע איז ענליך צו רבקה׳לען, אָבער זי איז קלענער און דינער און שטענדיג טראַכט זי פון ווייטע פרעמדע מדינות. דאָס הויכע מאָגערע מיידעל, וואָס גיט ביכער אין בי־בליאָטעק, האָט איהר איינמאָל געזאָגט, אַז מעהר איז נישטאָ קיין רייזע־ראָמאַנען, איז פּויגעלע אַוועק אַהיים און איז קראַנק גע־וואָרען. געקומען צו די כחות איז זי ערשט דעמאָלט, ווען מען האָט איהר געבראַכט אַנ׳אַלט רוסיש בוך יועגען טיבעט. משה׳־

לען דאַכט זיך, אַז מיט איהם געהט אַ קליין וועזען אָהן בלוט, מיט אַראָבגעלאָזטע פליגלען אויפ'ן רוקען, אָבער עס ווייזט איהם אויס, אַז ער האָט אויך פליגלען, בלויע פליגלען, און אויב ער וויל, קאָן ער זיך אויפהויבען פון דער ערד. אַלץ איז איצט בלוי בעפליגעלט און לייכט און אַלץ וויל זיך אויפהויבען פון דער ערד.

און פויגעלע זאָגט ווייטער:

—אין די אַלטע פּאַלאַצען וואוינען מאַרקיזען, וואָס טראָגען לאַנגע זאָקען און קורצע פעלערינקעס... משה'לע, דו האָסט וועַן געזעהן אַ מאַרקיז?

סיי דער טאָן און סיי די ווערטער ווערען מאָדנע קינדיש ביי פויגעלע'ן און אַליין ווערט זי קליין און קלענער, ווי אַ צעהניעהריג מיידעלע. איהר שמייכעל, איהר בלאָנדער קאָפּ, וואָס איז אָנגעפילט מיט בלויער נאַכט און איהר דין טונקעל טיכעל אויף די אָקסלען מיט די בלאַסע פינגער, וואָס קוקען-אַרויס פון דעמדאָזיגען טיכעל—דאָס אַלץ איז אָנגעזאַפּט מיט קינד, מיט אונשולדיגקייט און אָפענהערציגקייט, און משה'לע דערמאָהנט זיך איצט, אַז די מוהמע שיקט זי קיינמאָל נישט אויפמאָהנען אַ חוב אָדער קויפען עפּיס אין געוועלב, ווייל זי קאָן קיין געלד נישט צעהלען.

—איך וויל מיט קיינעם נישט חתונה-האָבען,—רופט זי זיך אָן פערטרויליך און שטיל, ווי אַ קינד, בשעת עס רעדט אַ סוד מיט אַ צווייטען קינד,—אָבער מיט אַ מאַרקיז—יאָ... אַ מאַרקיז איז זעהר אַ שענער מענש...

—אָבער אַ מאַרקיז איז דאָך אַ גוי,—זאָגט משה'לע שטיל, נאָר מיט אַן'אונצופרידענעם קול.

—יאָ, אַ מאַרקיז איז אַ גוי...—זיפצט פויגעלע אָב אונבעהאָלפען און אָבהענגדיג, ווי אַ פערבלאָנדזשעט קינד—אַ מאַרקיז איז אַ גוי.

אַ פערשלאָפענער פרוכטגאָרטען מיט קליינע עפּעלבוימער שווימט פלוצלונג אַרויס פון אַ ראָג געסעל און קנוילט זיך פאַנטאַסטיש אין דער נאַכט-בלויקייט. עס דאַכט זיך, אַז דאָס שטעהען אַלטע מכשפים מיט צוצויגענע הענד און צושויבערטע האָהר אויף גרויסע קעפּ מיט דינע העלזער און טרייבען פּאַמעלעך און

שטיל זייער כשוף. אָבער די נישט-צייטיגע עפּעל צושפּרייטען אַרום זיך אַ שטאַרקען ריח, עהנליך צו בראָנפען, און אַז מען גערהט-צו נעהנטער, דאַכט זיך, אַז פון הימעל שיטען זיך, שיטען זיך שוואַרצע בלעטער, וואָס בלייבען הענגען אויף די בוימער. אַרום פּרוכטגאָרטען ציהט זיך אַ נידעריג שיטער פּאַרקאַנדעל און דערבּיי שטעהט אַ לאַנגע הילצערנע באַנק.

—זעץ זיך, משה׳לע,—ציהט פויגעלע אַרויס פון אונטער׳ן טיכעל אַ בלאַסע האַנד מיט אַ בלויען אָבגלאַנץ און ווייזט-אָן אויף דער באַנק,—דו ווייסט, אין פלאָרענץ זענען אַלעמאָל בלויע נעכט...

פון אויבען גיסט זיך דער שטאַרקער בראָנפען-ריח פון נישט-צייטיגע עפּעל, פון הימעל קוקען קליינע יום-טוב׳דיגע לאָמ-פּען-קרענצעלעך, לאָמפּען-רעדעלעך און לאָמפּען-פּאַסיקלעך, די ערד זינקט אין דער נאַכט-בלויקייט, ווי אַ כּלה אין בלויע בענ-דער און שפּיצען און פויגעלע וואָרקעט פון דער זייט פּאַמעלעך און שטיל:

—פלאָרענץ, משה׳לע, פלאָרענץ...—איך האָב געלייענט אַ בוך מיט אַ ריטער, וואָס האָט געוואוינט אין פלאָרענץ. ער האָט געהאַט שוואַרצע אויגען, ווי דער דנאָ אין אַ תּהום און זיין גע-ליבטע האָט געטראָגען אַנ׳אינדיאַנישען נאָמען—לאַ-לאָלאַ... און לאַ-לאָלאַ פלעגט איהם קושען מיט דעם קלאַנג פון אַ שפּילענדי-גען קוואַל און פלעגט אָב׳חלש׳ען אין זיינע שטאַרקע אָרעמס... דער ריטער פלעגט זי רופען אין די בערג און דאָרט פלעגט ער אָבשטעלען בלוטדורשטיגע זיות און עופות מיט דער קראַפט פון די אויגען... אין אָוועגד פלעגט לאַ-לאָלאַ שפּילען אויף אַ לאַנגען פליים און פלעגט וואַרפען שטומע בליקען צום בערגעל, קעגען פענסטער. אויפ׳ן בערגעל, צווישען הויכע פערבענקטע קיפּאַריסען, איז געשטאַנען אַ בלאַס פּאַלאַצל מיט אַ ליכטיגען פענסטערל, און אין פּאַלאַצל האָט געוואוינט אַנ׳אונבעקאַנטער יעגער מיט רויטע האָהר פון אַ פוקס... אינדערפריה פלעגט לאַ-לאָלאַ פלעכטען ביים פענסטער אַ קליין קערבעלע פון לאַנגע געטריקענטע גראָזען און דער יעגער פלעגט שנעל אַדורכגעהן מיט אַ ביקס אויפ׳ן פּלייצע

און מיט לייכטען טריט פון אַ הירש... פלעגט לאַ-לאָלאַ זיך אָנ-צינדען, ווי אַ רויטע מאָהן-בלום און דאָס קערבעלע פלעגט איהר אַרויספאַלען פון די הענד. ווייסטו, וואָס דער ריטער האָט גע-טהאָן? ער האָט דערשטאָכען לאַ-לאָלאַ'ן און זי האָט געקושט דאָס הייסע בלוט אויפ'ן קאַלטען חלף...

די נאַכט וועקט אַזוי דעם שכל און דאָס האַרץ, אַז משה'לע פערשטעהט דעם ריטערס טאַט. ער פערשטעהט, פאַרוואָס דער ריטער האָט דערשטאָכען לאַ-לאָלאַ'ן. לאַ-לאָלאַ האָט פערראַטען דעם ריטער. דער יעגער מיט די רויטע האָהר פון אַ פוקס האָט זי געצויגען. דער יעגער איז איהר מעהר געפעלען, ווי דער ריטער. אמת, הרג'ענען טאָר מען נישט, דאָס איז די גרעסטע עבירה, פונדעסטוועגען פערשטעהט עפיס משה'לע דעם ריטער און איהם דאַכט זיך, אַז דאָס איז געשעהן אין אַזאַ נאַכט. פויגעלע שמייכעלט אין דער בלויקייט, ווי אַ קינדיש פנים'ל אויף אַ בילד מיט אַ בלויען פאָן, און קליין איז זי, אַז משה'לע שפירט נישט דעם אונטערשייד פון זייערע יאָהרען. מען קאָן זי אָנגעהמען ביי דער האַנד אַזוי ווי שיינדעלע'ן, מען קאָן אָנשפאַרען דעם קאָפּ ביי איהר אויפ'ן אַקסעל און צומאַכען די אויגען. און אַז משה'-לע טהוט אַזוי, דערשפירט ער איהר וואַרימען לייב-ריח, וואָס איז איהם אַזוי בעקאַנט: דאָס איז דער בעזונדערער אָנגענעהמער לייב-ריח פון דער גאַנצער משפחה.

משה'לע האַלט דעם קאָפּ ביי איהר אויפ'ן אַקסעל און מאַכט-צו די אויגען און עפענט זיי אויף. מאַכט ער צו די אוי-גען, פאַלט ער באַלד אַריין אין אַ געדיכטער שוואַרצקייט מיט רויטע רעדעלעך, עפענט ער זיי אויף, פליסט די בלויקייט אין די אויגען אַריין און פילט-אָן די בלוטען מיט אונפערשטענדליכען תענוג. ביידע זאַכען זענען גוט — אי צומאַכען די אויגען, אי האַלטען זיי אָפען. אָבער וואָס איז שלעכט אין אַזאַ נאַכט? אין אַזאַ נאַכט איז גוט צו זיין דער גליקליכסטער און עס איז גוט צו זיין דער עלענדסטער, דער אומגליקליכסטער. די גאָלדענע הימעל-לעמפעלעך, די בלויע לופט און די ווייכע שאָטענס אויף דער ערד היילען-אויס דאָס גרעסטע אומגליק און וועשען-אַראָפּ

דעם גרעסטען צער. און ביידע גלייכען זיך אויס ביז טאָג—דער גליקליכער מיט'ן אומגליקליכען.

—פויגעלע,—זאָגט משה'לע מיט יענעם פערענדערטען און רייפען שכל, וואָס קומט אונטער דער ווירקונג פון דער בלויער נאַכט,—איך האָב דיך ליב, פויגעלע... דו ביזט אַזאַ גוטע...

און ער הערט אַ שטילען ענטפער:

—האָב מיך ליב, משה'לע... איך שטער דיר נישט. האָב מיך ליב... טיילמאָל איז מיר אַזוי אומעטיג... וואָלטסט וויסען, ווי מיר איז אומעטיג...

און זי טוליעט-צו איהר בלאָנדען קאָפּ, וואָס שמעקט מיט בלויער נאַכט, צו משה'לעס בעקעל און נעהמט איהם אַרום און בעדעקט איהם מיט איהר לייכט שוואַרץ טיכעל, און משה'לע פיהלט אַ בעזונדער וואַרימקייט, וואָס פליסט פון איהר ווייכער ברוסט צו איהם אין די בלוטען אַריין און ער קוקט אויף דעם שטיק בלוי זיידענס, וואָס ציהט זיך פון איין האָריזאָנט צו דעם צווייטען, בעהאָנגען מיט גאָלדענע לעמפּעלעך, און אויף דער בלויער נאַכט, וואָס איז לעבעדיג אין איהר שטילקייט און איהרע סודות, און אויף די צעהנדליג קליינע הייזלעך, וואָס שטעהען מיט טונקעלע ווענד און ליכטיגע דעכלעך אין ווייכע שאָטענס, פּונקט ווי ריזיגע שוואָמען, וואָס וואַקסען אין אַנ'איינגער משפּחה, און אויף די איינצעלנע, ווייט-פינטעלדיגע מענשען, וואָס זעהען-אויס ווי כשוף-מאַכער אויף אַ פער'כשופ'טער אינזעל, וואָס זוכען סודות אַרום זיך און ער הערט זיך צו צו די שטילע קלאַנגען, וואָס ווערען פּלוצלונג געבוירען און צורונען, ווי וואַסערלעך: עפּיס אַ ווין, אַ טיאָכקע, אַ ציטער, אַ קרעכץ אָדער אַ זונג און פּעזינקען באַלד אין די בלויע נאַכט-אָרעמס, און צו די הייסע אָבגעהאַקטע טרעלען פון אַ פערליבטען פויגעל, וואָס זכט ערגעץ אויף אַ בוים זיין געליבטע, און משה'לען דאַכט זיך, אַז ער און פויגעלע זענען ביידע אין אָט דער נאַכט פערזייהט געוואָרען, ווי אַ קערענדל, און אין אָט דער נאַכט זענען ביידע אויסגעוואַקסען און אין אָט דער נאַכט בליהען ביידע און אַז דער תכלית, דער זין פון זיין לעבען איז צו זיצען דאָ, אויף

דער באַנק, מיט פויגעלע'ן, זיצען אַזוי לאַנג, ווי די נאַכט וועט האַלטען און דערנאָך, ביי דעם ערשטען שיין פון טאָג, פערוועל־קעןביידע, ווי אַ צאַרט פריהלינגסבלימעל.

און פויגעלע רופט זיך אָן, מיט אַזאַ נאָהנטען קול, פונקט ווי זי וואָלט דורך איהם, דורך זיינע ליפען אַרויסגעזאָגט:

—אַכט מייל פון פלאָרענץ שטעהט אַ שטיין ביי אַ וועג. דער וועג איז אַ ברייטער און דער שטיין איז אַ גרויסער, און ווער עס געהט פאַרביי, קריצט־אויס זיין נאָמען אויף איהם. משה'לע, ווילען מיר אַמאָל אויסקריצען אונזער נאָמען אויף איהם?..

אָבער משה'לע קאָן נישט טראַכטען וועגען דעם, וואָס אַמאָל וועט זיין. דער גאַנצער משה'לע איז אַ שטיק איצט, אַ שטיק בלויע מינוט פון דער בלויער נאַכט, אָהן אַנ'עבר און אָהן אַ צוקונפט, ערשט אויסגעוואַקסען דאָ אויף דער באַנק און ער רופט זיך אָן אויך מיט אַזאַ נאָהנטען קול, ווי זי, פונקט ווי ער וואָלט דורך איהר, דורך איהרע ליפען אַרויסגעזאָגט:

—פויגעלע, זיץ אַזוי ווי דו זיצסט... פאַרוואָס טראַכסטו פון אַזאַ וייטער שטאָדט, פון פלאָרענץ...

און פויגעלע זאָגט:

—עס טראַכט זיך מיר אַליין...

—און איך טראַכט גאָרנישט, גאָרנישט...—טוליעט זיך משה'לע צו איהר און פערמאַכט די אויגען.

אָבער באַלד עפענט ער זיי צוריק און זויגט די בלויקייט, דעם הימעל, די גאָלדענע לעמפעלעך און די ווייכע שאָטענס. ער זויגט און זויגט און קאָן נישט זאַט ווערען, ווי אַ קליין פי־שעלע אין אַ גרויסען ים.

פויגעלעס פינגער זוכען איהם ביי דער ברוסט און ציהען איהם צו זיך, און איהם דאַכט זיך, אַז ער איז אינגאַנצען אַריין אין איהר, ווי אין אַ וואַרימען בלויען געצעלט און בלויז מיט די אויגען איז ער פריי און קאָן קוקען, וואו ער וויל.

—פערבלייב גאָר ביי אונז. פאָהר נישט אַוועק... דו לערנסט דאָך, וועסטו לערנען ביי אונז. איז דען נישט אַלצאיינס...

וויסען, ווי מיר איז טיילמאָל אַזוי אומעטיג... אַזוי אומעטיג...
—פויגעלע, יענץ שטערענדעל רעדט צו מיר עפּיס...
—אַוועקפּאָהרען... ווייט, ווייט...
—דאָ איז אַזוי גוט צו זיצען...
די בלויע נאַכט גיסט זיך איבער אין בלויערע כוואַליעס, זי טהוט זיך אָן אין נאָך בלויערע קליידער, וואָס שאַרכען אַ ווײלע, ווי זייד און בלייבט שטעהן אין אַ פערגליווערטער שטיל-קייט. רעכטס און לינקס, איבער די דעכער, ווענד און געסלעך רוקען זיך איבער די שאָטענס, פונקט ווי אַ געהיימע פער׳כשופ׳-טע האַנד וואָלט זיי בעוועגט און אין די שטומע פענסטער גיט וואו-נישט-וואו אַ טאַנץ אַ געל פּיירעל און אַנטלויפט. עס ווערט שפּעט און אין משה׳לען און פויגעלען דערוועקט זיך עפּיס אַ וואַכענדיגע זאָרג.ביידע הויבען זיך אויף, טיילען זיך פונאַנדער אויף צוויי מענשען און נעהמען געהן מיט נישט-געוועהנטע שריט, פונקט ווי זיי וואָלטען שוין לאַנג נישט געווען אויף דער ערד. דער קיהלער בראָנפען-ריח פון די יונגע עפּעל בעגלייט זיי אַ שטיק וועג.
פון ווייטען, אין אַ געסעל, נעבען מאַרק, בעמערקט משה׳-לע צוויי שאָטענס און באַלד דערויף וויקלען זיך אויס פון די שאָטענס צוויי יונגע פיגורען—טעמעלע מיט מאַקאַר זינאָוויעוו׳ן. אין דער בלויער לופט, אונטער די גאָלדענע לעמפּעלעך פון הי-מעל, בעוועגט זיך איהר פיגורל, ווי אַנ׳אויסגעשניצטעס, פונקט ווי די וואָלט נאָר-וואָס אַרויסגעפאַלען פון אַ פאָרם, און גראַציעז בע-וועגען זיך די פיסלען אונטער׳ן קליידעל, פונקט ווי זי וואָלט געטאַנצט אַ שטילען פערטראַכטען טאַנץ. מאַקאַר געהט שווער און אָבגעזונדערט, מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען בייזען קאָפּ, מיט די פויסטען צו דער ברוסט, ווי אַ מענש, וואָס געהט זיך שלאָגען מיט עמי-צען. משה׳לע קוקט פון ווייטען אויף טעמעלע׳ן, וואָס דער בלויער הימעל פון לאַנגען געסעל ליגט איהר אַזוי ווי אויפ׳ן רוקען, און אַנ׳אַלטער וועהטאָג דרעהט זיך איהם איבער אין האַרצען. פון וואַנען געהט דאָס פּאָרל? וואו זענען זיי געווען?
און משה׳לען דאַכט זיך, אַז מאַקאַר׳ן האָט געמוזט זיין זעהר גוט

נעבען טעמעלע׳ן. וואָרום נאָר נעבען טעמעלע׳ן קאָן זיין גוט. אפילו די ליידען, וואָס זי גיט, זענען זיס. עס וואַקסט די נשמה פון דידאָזיגע ליידען, זי נעהרט זיך מיט זיי, ווי מיט פריהלינגזאַפטען און מען ווערט עפּיס זיס אָבגעזונדערט פון אַלץ און אַלעם און מען לעבט אַנ׳אייגען לעבען, אַליין, מיט די אייגענע געדאַנקען און שפּירונגען. און משה׳לע קוקט אויף טעמעלע׳ן, וואָס געהט אַזוי ווי טאַנצענדיג איהר פערטראַכטען טאַנץ אין דער בלויער לופט, און ווידעראַמאָל ווילט זיך איהם צוריהרען צו איהר קלייד, צו איהרע פיס, צו איהר האַלז. אָבער פויגעלע רופט זיך פּלוצלונג אָן מיט איהר שטילען קינדערשען קול און משה׳לע קומט באַלד צו זיך. איצט ווערט איהם קלאָר מיט אַמאָל, אַז פון טעמעלע׳ן איז ער דאָך נישט בעפרייט. ערגעץ פרעגט אין איהם אַ הייס טראָפּעלע בלוט, צי וואָלט ער בייטען פויגעלע׳ן אויף טעמעלע׳ן, און ער בעשליסט, אַז יאָ. אמת, פויגעלע איז אויך אַ ליב מיידעלע, אָבער טעמעלע קאָן פאַנגען, טעמעלע האָט כשוף און ווירקט מיט אונפערשטענדליכע כוחות. ווען אויף דער וועלט וואָלטען נישט געווען אַזעלכע שווערע געזעצען און כּללים, ווי אַזוי אַ מענש בעדאַרף זיך אויפפיהרען און לעבען און ווען עס וואָלט אויך נישט געווען קיין גיהנם מיט קיין גן-עדן, וואו מען ווערט האַרב בעשטראָפט אָדער זיס בעלוינט, וואָלט מען זיך געקאָנט בעהעפטען אינגאַנצען מיט טעמעלע׳ן, זיין נעבען איהר טעג און נעכט אָהן אַ תכלית און אָהן אַ חשבון און זיך שטענדיג טרינקען אין זיסע שוואַרצע זינד. אָבער אָט דער געדאַנק, וואָס לאָזט זיך מחיה׳דיג צוצווייגען און פערטיפען, איז שוין אַ זינד, און משה׳לע רייסט זיך איבער, קעהרט-אָב די אויגען צו פויגעלע׳ן און רופט זיך אָן:

—פויגעלע, דאָס געהט טעמעלע...

פויגעלע הויבט-אויף די אויגען מיט אַ שאָטען פון אַנ׳אינערליכער מחשבה און שאָקעלט-צו מיט׳ן קאָפּ:

—יאָ, זי געהט.

—פויגעלע האָט טעמעלע׳ן נישט ליב...

—נישט ליב...

—און וועמען האָט פויגעלע יאָ ליב?

—איך ווייס נישט... דאָ אין שטעדטעל קיינעם נישט...

—און מיך אויך נישט?...—פאַלט משה׳לען אַראָב פון דער צונג אַ פראַגע גאָר אָהן זיין ווילען.

אָבער פויגעלע הערט נישט און ענטפערט נישט. טעמעלע און מאַקער ווערען ווידער צוויי גנב׳ישע שאָטענס, וואָס צושפּרייטען זיך באַלד אין פערשידענע ריכטונגען, און ווערען אַנטרונען פון די אויגען. אין דעם פעטערס שטוב שווימט פּלוצלונג אַרויס אַ ציטריג פייערל אין איין פענסטער. דער גאַנצער מאַרק ליגט אונטער אַ הימעל מיט שטערען, ווי אַ קיילעכיגער טיש אונטער אַ גאָלד-געוועבטען פרוכת און אין לופטען, דאַכט זיך, שווימען-אום טויזענדער זונען, פערהילט אין בלויע שלייערס. אַרום און אַרום איז בלאָס און בלוי.

—אַ גוטע נאַכט,—זאָגט משה׳לע און נעהמט-אָן פויגעלעס האַנד.

אָבער פויגעלעס האַנד איז אַ קאַלטע און פון דעמדאָזיגער האַנד-בעריהרונג שוידערט איהם אָב אין די האָהר-וואָרצלען און אין רוקען, פונקט ווי עמיץ וואָלט איהם אָבגעשפריצט מיט קאַלטע דינע טראָפּעלעך וואַסער, און ער לאָזט-אַריין זיינע אויגען אין איהרע, ווי מען לאָזט-אַריין אַ פייערל אין אַ צווייטען, און ער זוכט אין זיי עפּיס אַן׳ענטפער און אַ בערוהיגונג פאַר די אונבעקאַנטער אונרוהיגקייט, וואָס בעוועגט זיך איהם ערגעץ טיף אין דער נשמה. מען בעדאַרף שוין אַוועקגעהן און ער געהט נישט אַוועק. מען בעדאַרף אַרויסנעהמען די האַנד פון איהרער און ער נעהמט נישט אַרויס. ביסלעכווייז ווערען וואַרימער איהרע פינגער און הייסער דער אָטעם און גרעסער די אויגען, און נעהנטער און קלענער ווערט זי, און עפּיס אַ רחמנות בעפאַלט איהם צו איהר, אַ רחמנות נישט פון אַ יונגעל, נאָר פון אַ בחור׳ל, וואָס דערשפּירט פריהצייטיג זיין מענליכקייט. און דאָס רחמנות-געפיהל שטייגט-איבער דאָס שטאַרקע, אָבער מיט זעהר אַנגעזאַפּטע געפיהל צו טעמעלע׳ן און זיינע פינגער דריקען אונבאַוואוסטזיניג פויגעלעס פינגער און זיינע אויגען שטעהען

אין פויגעלעס אויגען, אָבער זיכערער, דרייסטער און מעגלי־כער, ווי פריהער.

—פויגעלע,—שעפּטשעט ער,—איך געה שוין אַוועק...

און די ווערטער קלינגען, ווי אַ פראַגע.

פויגעלע לאָזט־אַראָב דעם קאָפּ, און אויף די בלאָנדע האָר גיסט זיך איבער די גאַלט־בלויקייט, ווי אַ בלוי וואַסערל אויף גאָלד און דאָס פּנים שאָטענט זיך איהר, פּונקט ווי זי וואָלט אַרויפגעצויגען אויף איהם אַ דינעם דורכזיכטיגען שלייער. זי שטעהט געבויגען און אונבעוועגט, און איצט איז דאָס יונגעל העכער פאַר איהר. און דאָס מאַכט איהם ווידעראַמאָל מעגלי־כער און זיכערער. אַ ווײַלע זוכט משה׳לע וואָס צו זאָגען איהר, ווייל איצט שעמט ער זיך נישט און פיהלט, אַז ער וואָלט איהר אַלץ געקאָנט זאָגען, אָבער דאָס, וואָס ער שפּירט און בעזונדערס יענע אונרוהיגקייט, וואָס בעוועגט זיך איהם טיף אין דער נשמה, לאָזט זיך נישט איבערגעבען אין ווערטער. מען בעדאַרף עפּיס בלינד טהאָן, אָבער נישט ריידען. משה׳לע ציהט־אַרויס זיין האַנד און פויגעלע הויבט־אויף דעם קאָפּ. די שאָ־טענס אַנטלויפען פון פּנים, אָבער די אויגען קוקען איהר זיס־מיד און רופען צו זיך.

—וויל פויגעלע געהן שלאָפען?—פרעגט משה׳לע.

—ניין... אָבער איך וועל געהן...—הערט זיך איהר ענט־פער, ווי עס הערט זיך דאָס קלאַפּען פון איהר האַרץ.—זעהסט, אַ לעדיגער מאַרק... נאָר שאָטענס בלאָנזשען דאָ אַרום... אַלץ איז אַזוי ווי אויסגעשטאָרבען... פאַרהאַן לענדער אַזוינע... גאַנצע לענדער... דו האָסט נישט געלייענט?

און פּלוצלונג ווערט זי הויך און ברייט, ווי אַ בוים, איה־רע הענד ציהען זיך פונאַנדער פון אונטער׳ן טיכעל, ווי צוויי בלאַסע פליגלען און משה׳לע דערשפּירט אויף זיינע ליפּען צוויי קאַלטע ליפּען, וואָס ווערען וואַרימער און וואַרימער און אי־בער זיי—אַ פּאָר צוגעמאַכטע אויגען מיט אַ שאָטען אונטער די ברעמען, אָבער אין דער אייגענער רגע, בשעת איהרע דער־וואַרימטע ליפּען ליגען צוגעפּרעסט צו זיינע, דערמאָהנט זיך

משה׳לע אין טעמעלע׳ן, און עס ווערט איהם עפּיס ניכטער און קאַלט אויפ׳ן האַרצען. איצט איז זיין אייציגער בעגעהר, אַז דער קוש זאָל זיין וואָס ניכער ענדיגען. און אַז פויגעלע נעהמט-אַוועק איהרע ליפּען, עפענט די אויגען און ווערט צוריק קליין און מילד און שטיל, ווי אַ קינד, שפּירט זיך משה׳לע אַזוי, פּונקט ווי אַ שטראַהלענדיגער חלום וואָלט פּלוצלונג צוריסען געוואָרען. אַלץ, וואָס האָט זיך אין איהם פריהער אונבעוואוסטזיניג געוועבט, האָט געפּלאַצט, ווי אַ זייפענבלאָז, און עפּיס אַנ׳איבעריגע לאַסט איז אַראָבגעפאַלען פון דער נשמה. און ווי אַ מענש, וואָס בלאָנזשעט לאַנג צווישען שוואַרצע קוסטעס אין אַ לבנה-נאַכט און געפינט נאָכדעם דעם וועג, מאַכט משה׳לע אַ פּאָר לייכטע טריט אַהין-און-צוריק, צושמייכעלט זיך פּלוצלונג ווייך און מחיל׳דיג און נעהמט-אָן פעסט איהר האַנד.

— אַ גוטע נאַכט, פויגעלע, — זאָגט ער קלאָר און הויך מיט אַ טאָן פון אַ טרייען שוועסטערקינד, — מיט דיר איז אַזוי גוט צו שפּאַצירען...

זיין קלאָרער קול וועקט אין איהם עפּיס אַ גוטע ניכטערקייט, אָבער פויגעלע שטעהט אַנ׳איינגעשרומפּענע און אַ טונקעלע, מיט איבערגעשלאָגענע געדאַנקען און שפּירונגען. זי שטעהט, ווי אַ צוגעשמידטע צו דער ערד, ווי אַ סלופּ מיט אַנ׳אויסגעלאָשענער לאַמטערנע. נאָר משה׳לע קוקט שוין נישט אויף איהר. לייכט און פלינק דרעהט ער זיך אויס און לאָזט זיך אַוועק איבער׳ן מאַרק אַהיים. ער געהט מיט זיין שאָטען טריט אין טריט און איבער איהם פאָכט די זומערנאַכט מיט בלויע פליגלען, פּונקט ווי מיליאָנען זונען, פערהילט אין בלויע שלייערס, וואָלטען אומגעשוואומען אין דער לופט. און אויבען לייכטען די גאָלדענע לעמפעלעך העכער און נידעריגער, פּונקט ווי זיי וואָלטען געיאָגט איינאַנדער און די נידעריגע פאַלען צו דער ערד.

אין משה׳לען צעוואַקסט זיך דאָס האַרץ, פּונקט ווי עס וואָלט געקומען אין בעריהרונג מיט גאָט, מיט׳ן הימעל און מיט אַלע עקען פון דער וועלט. און קליין זעהט איהם אויס די וועלט,

ווי אַ בלויע שטערנדל, וואָס איז אַראָבגעפאַלען פון הימעל, און עס דאַכט זיך איהם, אַז נאָר ער איינער לעבט אויף איהר, אַז ער איז איהר מושל און אַז זיי זענען איינאַנדער געגעבען געוואָרען אויף אייביג. און נאָך דעם טאָג מיט די פאַנטען און נאָכ׳ן שפּאַציר מיט פויגעלע׳ן און נאָכ׳ן זיס-פיינליכען וועה איבער טעמעלע׳ן געהט ער איצט, אַנ׳אויסגעלייטערטער און אַנ׳-אויסגעוואַשענער מיט דער וואַרימער בלויקייט פון דער נאַכט און דאָס ליכט פון די טויזענדער שטערען פליסט איהם זיננענ-דיג אין אויג אַריין און דער בלויער הימעל הענגט איבער איהם אַזוי ווי אַנ׳אָפענער און מען קאָן דייטליך זעהן אויף איהם די וועגען, וואָס פיהרען צו גאָט, צו אַברהם אבינו און צו דער גאַנצער הימעל-ממשלה, און די נאַכט שטראַהלט איהם פון דערווייטענס, ווי העננענדיגע בלויע שפּיגלען.

און משה׳לע שטעלט זיך צו, לעגט-אַוועק די רעכטע האַנד אויפ׳ן הערצעל, הויבט-אויף די אויגען צו די אָפענע הימלען און שעפּטשעט שטיל אַרויס:

—רבונו-של-עולם! איך האָב דיך ליב, ווי דאָס טרוקענע גראָז האָט ליב דעם רעגען... זאָג, אויב דו ווילסט, קאָן איך שוין שטאַרבען...

נאָך דידאָזיגע ווערטער געהט ער מונטערער און גליק-ליכער, ווי עס קאָן געהן אַ בעל-הבית פון דער קליינינטשקער גוטער ערד.

נישט ווייט פון דער באָבעס הויז, הינטער אַ קליין געסעל וואַקסט פלוצלונג אויס אַ שוואַרצער מענש מיט קודלאַטע האָר און מיט אַ קאַלעקאָסקע אין האַנד. דערדאָזיגער מענש קלאַפּט-אָן דראָבנע און טרוקען אין דער קאַלעקאָטקע, פערוואַרפט דעם קודלאַטען קאָפּ צום הימעל און שרייט-אויס לאַנג, משונה און צוציגען:

—שלו-ש-אַ-אַ-אַי!..

צוריק אַהיים.

דרייצעהנטער קאַפּיטעל.

—הילצענער קאָפּ! אין ד׳ערד אַריין! דערשטיקט זאָלסטו ווערען! נאָר צרות האָב איך פון דיר! פּלאָקען, בלינד זאָלסטו ווערען!

—ווער אַליין דערשטיקט און דערוואָרגען! וואָס שרייסטו אַזוי, קאַטאָרזשניק! אַ רוח אין דיין טאַטענס טאַטען אַריין!

—...מאַט! רייד נאָך אַ ביסעל. איך עפּען דיר דעם שאַרבען! איז מיין נאָמען נישט קושע!

קושע שטעהט אין דער נאַכט אַריין אויף אַ הויך פערלעגטען לאַנגען וואָגען. די פיס זענען איהם ברייט פונאַנדערגעשטעלט, אין די הענד צאַפּעלט זיך די בייטש, ווי אַ דינע שלאַנג, וואָס וויל עמיצען איינבייסען און דער קאָפּ בעוועגט זיך איהם אונרוהיג אויף די ברייטע אַקסלען, ווי אַ קאָפּ פון אַ בלוטדורשטיגער חיה.

קושע קריגט זיך מיט די בעל-עגלות און עס האַלט ביי אַ געשלעג. ווי אַ הונד פון אַ קייט, רייסט זיך קושע אַראָב פון וואָגען, און אין דער שטומער שוואַרצער נאַכט דערנעהנטערן

זיך צווי פיינדליכע צדדים, פול רשעות און רציחה. באַלד דערהערט זיך אַ קנאַל פון אַ בייטש און נאָכדעם אַ פּאַטש איבער אַ פולער דיקער באַק. עמיץ שרייט-אויס מיט אַ ווילדען קול, און די חברה שלאָגער, צונויפגעפלאָכטען אינאיינעם, מהוט אַ פאַל אויף דער ערד מיט צייהנקריצעריי און סאָפּעניש, מיט אַ מין וו...זשען פון חיות. די פערד שרעקען זיך און רוקען זיך אין דער זייט. אַ פאַרבייגעהענדיגער מאַרק-הונד, וואָס זעהט גוט אין אינדערפינסטער, גיט זיך אַ שטעל צוועק מעשה-בעל-הבית און נעהמט בילען מיט אַ טאָן פון מוסר. צרום די וועגענס דרעהען זיך פּאַסאַזשירען און ווייסען נישט וואָס צו טהאָן. אַנדערע לויפען, מאַנכע זענען אויפגערעגט, און איבער דער ערד קוי-לערט זיך אַ קופּע בעל-עגלות און סאָפּען, ווי האַלב-דערשטיק-טע חיות.

פון אַ מאַרק-געסעל ווייזט זיך פלוצלונג אַ שטיק געלב פייער, אונטער'ן פייער אַ שטעקען, וואָס שטעקט אין דער אויס-געצויגענער האַנד פון אַ הויכען מאָגערן פאַרשוין. אַ געלבער שיין צוגיסט זיך איבער די וועגענס, פערד און בעל-עגלות, וואָס ליגען משונה אויף דער ערד און רייסען שטיקער פלייש איינ-אַנדער. דער מאָגערער פאַרשוין הויבט-אויף העכער דעם שטור-קאַטש, לאָזט-אַראָב די אויגען און שרייט-אויס מיט אַ דין ווייי-בעריש קול'כעל:

—פגר'ן זאָלט איהר, רוצחים! וואָס איז דאָס פאַר אַ שלאָגען זיך!

די בעלי-עגלות הויבען זיך אויף פון דער ערד און קושע ווישט זיך איבער מיט'ן אַרבעל דאָס פנים. קיין טענות נאָכ'ן געשלעג זענען נישטאָ, און אָט שטעהט שוין קושע ווידער אויפ'ן וואָגען, משונה און ציטריג בעלויכטען פון שטורקאַטש און ציהט אַ שטריק מיט אַ פאָראויס-אַרויסגערוקטען פוס. ביי אַ קליין צו-שויבערט יודעל, אַ בעל-עגלה, פלייצט בלוט פון נאָז אין דער געדיכטער באָרד אַריין, אָבער איהם אַרט עס, קענטיג, נישט. אויף די ווייסע קאַסטענס און געלע זעק פערלירט ער טראָ-פּעלעך בלוט, ווי רויטע קערנדלעך, אָבער ער פּאַטשט דער 198

מאָגערער שקאַפּע אין די זייטען אַריין און קריכט געמיטלעך אויפ'ן וואָגען. די פּאַסאַזשירען שטעהען אינ'ם שטוקאַרטשען-ליכט, וואָס וויגט זיך אין דער נאַכט, ווי אַ האַלב-רויטער פויגעל, און ציהען מיט די אַקסלען. צווישען זיי שטעהט משה'לע, אַ פער־טראַכטער, אַ פערזונקענער מיט דער מחשבה אין די אַלע מענ־שען, פון וועלכע ער בעדאַרף איצט זוועקפאָהרען. עפּיס טהוט איהם וועה דאָס האַרץ, פונקט ווי עמיץ וואָלט איהם דאָרט, אין האַרץ, אָנגעשטאָכען מיט אַ דין שפּילקע'ע. ער שפּירט שוין, אַפילו טונקעל, דאָס טרויעריגע געזעץ, אַז דאָרט, וואו אַ מענש לעבט אַ געוויסע צייט, לאָזט ער איבער אַ טיילעכעל פון זיין נשמה. אָבער רבקה'לע, די איינציגע, וואָס בעגלייט איהם צו זיין אָבטאָהר, לאָזט איהם לאַנג נישט טראַכטען. עפּטער דער־שפּירט ער איהר וואַרימע מאַמעדיגע האַנד אַרום האַלז, און אַז ער הויבט-אויף דעם קאָפּ און קוקט זיך אַריין אין איהרע אויגען. זעהט ער אין זיי מוטער-שוץ און משפּחה-ליבע. און, נישט-ווי־לענדיג, קומט איהם יעדעס מאָל אויפ'ן רעיון אַ קליין ציטריג היהנדלע, וואָס פערבאָרגט זיך אונטער'ן באַרמהאַרציגען פליגעל פון איהר מוטער.

—משה'לע,—שעפּטשעט רבקה'לע ווייך און וואַרים, פונקט ווי ער וואָלט געבוירען געוואָרען ביי איהר,—זאָלסט לאָזען גריסען דעם טאַטען און דער מאַמען און די ברידער און די שוועסטער... אַלעמען זאָלסטו לאָזען גריסען... אין אַ חודש אַרום וועל איך אפשר קומען צו אייך. איך מוז מיר עפּיס איינ־קויפען...

—צו ד'ער חתונה?—פרעגט משה'לע און קוקט איהר מיט גרויע תענוג אין די נאַכט-אויגען אַריין.

—צו דער חתונה,—בעשטעטיגט רבקה'לע און וואַרפט־אַרויף איהר האַנד אויף זיין אַקסעל,—אַ ווייס קלייד בעדאַרף איך נאָך מאַכען און שיך וועל איך מיר קויפען און אַ היטעלע ווילט זיך מיר עפּיס אַ שענס... און אַ פינגערל און אַ בראָש און בעט־צייג און אפשר מעבעל אויך... פערשטעהסט, איך בעדאַרף דאָך עפּיס זיין אַ בעל-הבית'טע טיס לייטען גלייך, און איך האָב

פיינט צו ווארטען. איך האב מיר ליב פריהער איינצוקויפען...

—און ווען וועט זיין די חתונה?—פרעגט משה׳לע, שפי־רענדיג, ווי עס וויגט זיך איבער איהם דער האלב-רויטער פלאם פון שמורקאטש.

—די חתונה? די חתונה וועט זיין נאך סוכות...

—אָבער נאך סוכות פאלען דאך רעגענס און די טעג זענען קאלטע, טונקעלע...

—נו, איז וואס?—צולאכט זיך רבקה׳לע און דריקט-צו זיין קעפעל צו איהר אָרעם,—אָבער אין זאל וועט זיין ליכטיג, פרעה־ליך, די כלי-זמר וועלען שפילען, מיידלעך מיט בחורים וועלען טאנצען, די מחותנים וועלען זיצען אויבען-אָן, אין קיך וועלען זיך בראָטען פליישען און איך וועל אויפנעהמען די געסט אין א ווייס קלייד...

משה׳לע מאכט-צו האלב די אויגען און קומט צום בע־שלוס, אז איהר מאן וועט זיך לעבען זעהר גוט. רבקה׳לע וועט איהם אָבהיטען, ווי דאס אויג פון קאפ און ביי זיי אין שטוב וועט זיין ליכטיג און ווארים און היימלעך. עס דאכט זיך, אז די זון וועט דאָרט אריינשיינען א גאנץ יאָהר און דער שמייכעל וועט קיינמאָל נישט אראָב פון זייערע ליפען.

—רבקה׳לע,—זאָגט ער אזוי ווי מיט שרעק,—אָבער דער מאן וועט דאך עפּטער אוועקפאָהרען. ער האט דאך א שטעלע אין א וואלד...

—ער וועט אוועקפאָהרען אויך,—ענטפערט רבקה׳לע און וואונדערט זיך גאָרנישט, וואָס משה׳לע איז שוין איבערגעשפרונ־גען פון חתן צום מאן,—דעמאָלט וועל איך מיר זיצען און קוקען אין פענסטער און זינגען שטיל א לידעל און קלאפען מיט די פינ־גער אין די שויבען און זוכען מיט די אויגען די פוהר, וואָס בעדאַרף קומען פון קאלוואריע-געסעל...

—נו, עולם, אין וואָגען אריין!—דעקט פלוצלונג צו א גראָבער בעל-עגל׳ישער אויסגעשריי רבקה׳לעס פערטראכט האר־צעדיג קול, פונקט ווי א גרויער פעלץ וואָלט ארויפגעפאלען אויף א צארט בלימעלע.

רבקה׳לע גיט לייכט אַ שפּרונג צו קושע׳ן און משה׳לע הערט,
ווי זי טענה׳ט-איין מיט איהם, ער זאָל געבען דעם יונגעל אַ
רעכטען אָרט. קושע שאָקעלט-צו מיט זיין חיה׳שען קאָפּ, פּאַטשט-
צן אין אַ ווינקעל וואָגען און משה׳לע פאַלט-צו צו רבקה׳לעס
בלה-ליפּען. זיי זעגען זיס, די ליפּען, און אָנגעפילט מיט ליבע,
ווי אַ גרעזעל מיט זון.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום דערווייטערט זיך רבקה׳לע, פאָ-
לענדיג מיט דער האַנד אינ׳ם ציטריגען שטורקאַטשען-ליכט, און
משה׳לע פאָהרט אין דער לאַנגער בעל-עגל׳ישער שורה ווע-
גענס, וואָס בעוועגען זיך, ווי לאַנגע גרויע שיפען אין אַ שוואַר-
צען ים. פון אַלע זייטען כאַפּט איהם אַרום די נאַכט, אַ שוואַר-
צע און אַ שטילע, ווי פון אַנ׳אַנדער וועלט. ווי גרויע שוויי-
גענדיגע חיות פאַלען-אַרויס פון איהר די לעצטע הייזלעך פון
שטעדטעל, און אָט קומען אַנטקעגען די קיהלע נאַכט-פעלדער
און דער וועג ליגט צווישען זיי, ווי אַ גרויע סטענגע. עס סקריי-
פּעט אַ ראָד, עס קרעכצעט-אָב ערגעץ אַ שווערער קאַסטען און
עס סאָפּען לייכט די פערד, פּונקט ווי זיי וואָלטען זיך צוגע-
געבען מוט ביי דעם אָנהויב פון דער נסיעה.

אויף די שלאָפענדיגע פעלדער איז קיהל, אָבער אין וואָ-
גען איז וואַרים, און ווי אַ בוך בלעטערן זיך פאַר משה׳לען די
אַלע געשטאַלטען, צווישען וועלכע ער האָט פערלאָרען אַ טיי-
לעכעל פון זיין נשמה. די סאַמע ליבסטע געשטאַלט איז זי-
כער די באָבע. אין איהרע אויסגעלעבטע געלבע אויגען האָט
זיך בעוויזען אַ לעצטע פייכטקייט, ווען זי האָט זיך לאַנגזאַם
אויסגעדרעהט, ווי אַ שטוהל, מיט שטייפע פערגליווערטע קניה
און אַרויפגעוואָרפען אויף זיינע אַקסלען איהרע ביינינע, כמעט
הונדערטיעהריגע הענד. איהרע ליפען האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן
זיינע און משה׳לע האָט עפּיס געפיהלט, אַז דאָס איז דער לעצ-
טער קוש צווישען איהר מיט איהם—דער לעצטער קוש, דער לעצ-
טער קוק, דער לעצטער גלעט מיט דער ביינינער האַנד. דריי
פערטעל איז זי שוין דאָרט, אויף יענער וועלט, וואו עס איז
דאָ אַ גיהנם מיט אַ גן-עדן און וואָס דער וועג אַהין געהט דורכ׳ן

בית-עלמן, און בלויז איין פערטעל, אַ שוואַכס, אַ ציטריגס און אַנ׳אָבגעבליאַקירטס, שטעהט דאָ געבען איהם, ווי אַנ׳אָבגעשטאָר-בענער בוים נעבען זיין יונגער שפּראָצונג. משה׳לע האָט בע-שיינפּערליך געשפּירט, אַז ער זעהט זי איצט צום לעצטען מאָל און די אַלטע האָט אויך אַזוי ווי געפיהלט, אַז איהר לעבען האָט זיך איבערגעבאָסען אין דעמדאָזיגען יונגעל און זי, ווי אַ לעדיגע אַלטע כלי, וואָס נוצט שוין נישט מעהר, ועט באַלד צו-פאַלען ווערען.

—פאָהר געזונד, מיין קינד,—האָבען געציטערט איהרע ליפען אויף דיאָסנעס אָהן צייהן,—זיי אַ גוטער יוד און פערגעס נישט דער באָבען... די באָבע וועט שוין לאַנג נישט לעבען...

משה׳לע האָט זיך נישט צעוויינט, כאָטש עס האָט זיך שרעקליך און פיינליך געוואָלט זי צוהאַלטען, אַז זי זאָל קיינ-מאָל נישט אַוועק אויף יענער וועלט.

—אָבער זי וועט אַוועק! זי וועט אַוועק!—האָט איהם גע-שטאָכען דער טויט פון איהר קליין איינגעשרומפען פנימ׳ל.

דעמאָלט האָט ער זי הייס געקושט אין די איינגעשרום-פענע באַקען און האָט בעת-מעשה געשפּירט, אַז אין איהר לעבט נאָך דער ריח פון זייער משפחה.

נאָכדעם האָט ער זיך אין טומעל און איילעניש צוזעגענט מיט די פעטערס און מיט די שוועסטערקינדער. פויגעלע האָט אויך איצט נישט פערגעסען צו ריידען פון פלאָרענץ און די געלע פעטערס האָבען געצויגען נגונים אונטער דער נאָז. אָבער איין טעמעלע האָט זיך מיט איהם נישט געזעגענט. זי האָט אָבגעקעהרט דעם קאָפּ און האָט געזוכט איהרע סודות אין וויטען האָריזאָנט. זי איז געשטאַנען ביים פענסטער, ווי אַלעמאָל, אַ געטאָקטע און אַנ׳אויסגעשלייפטע, פונקט ווי זי וואָלט נאָר-וואָס אַרויסגעפאַלען פון אַ פאָרם. אויפ׳ן בלויען לייכטען קליידעל האָט איהר האַלז אויסגעזעהן, ווי אויסגעקנאָטען פון ווייסען שניי.

—טעמעלע...—האָט זיך משה׳לע דערנעהנט צו איהר און באַלד דערשפּירט די קלעפּיגע לופט אַרום איהר,—טעמעלע, זעגענען וויל איך מיך...

אָבער דאָס מיידעל האָט נישט אָבגעקעהרט דעם קאָפּ און פון איהר געטאָקטער פּלייצע איז געווען קענטיג, אַז זי האָט איהם פיינט. משה'לע האָט שוין ווידער נישט געקאָנט אַוועקגעהן און ווידער האָט ער געהאַט אַ פּערלאַנג צוצוריהרען זיך צו איהר ווייסען האַלז, צו איהרע שלאַנקע פיס, צו איהרע הענד. אַנ'אַלטע וואונד האָט זיך געעפענט און אין קאָפּ איז איהם עפּיס צומישט געוואָרען. אָבער מען האָט געמוזט אַוועקגעהן און איבערהאַקען מיט אַמאָל, און מיט אַ קאַלטען שווייס אויפ'ן שטערען האָט ער זיך אַרויסגעריסען פון איהר קלעפּיגער לופט, ווי אַ פליג פון שפּינוועבס.

נאָך איצט, זיצענדיג אויפ'ן לאַנגען וואָגען, אין אַ שוואַרצער נאַכט, אָהן שטערען, צווישען שאָטענס-פּאַסאַזשירען, קלעמט איהם דאָס האַרץ, פייניגט די אַלטע וואונד און ער ווייס, אַז דידאָזיגע וואונד איז—טעמעלע. טעמעלע האָט עפּיס אַלך קאַליע געמאַכט. זי האָט קאַליע געמאַכט זיין בעציהונג צו גאָט, זיין אינערליכע ריינקייט און זיין ליבע צו שיינדעלען. דורך טעמעלען האָט ער זיך דערקאָנט פאַר אַ מאַנסביל און דערפון האָט די גאַנצע וועלט בעקומען עפּיס אַנ'אַנדער פאַרב, אַ טונקעלע און אַ סודות'פולע, וואָס שרעקט און ציהט, ווי אַ תהום. די שאָדענס, וואָס דאָסדאָזיגע מיידעלע האָט איהם געבראַכט, זענען נישט אויסצוצעהלען, און משה'לע גראָבט זיך אין זיי, ווי עס גראָבט זיך אַ מענש אין באַנקראָט-חשבונות, אָבער די שוואַרצע נאַכט, וואָס ליגט אויף דער ערד און דעקט-צו יעדען שיין, יעדעס טרעפּעלע ליכט, מאַכט לאַנגזאַם צו משה'לעס אויגען און לינדערט איהם די פּייניגע געדאַנקען. דידאָזיגע נאַכט איז שטאַרקער פון זיין ווע, פון זיינע שאָדענס, פון טעמעלע'ן, ווייל זי, די נאַכט, איז אייביג, ווי גאָט איז אייביג. און אַז משה'לע קומט מיט דער גאַנצער מחשבה צו גאָט און קיינער שטערט איהם נישט, ווערט איהם באַלד לייכט אויף דער נשמה און זיינע אַלע בעליידיגונגען ווערען געלינדערט. ערשט איצט שפּירט משה'לע דעם זיסען ריח פון די באַלד צייטיגע קאָרנפעלדער, די וואַרימע שוואַרצקייט אויף די באַקען און דעם

גרויסען תענוג פון פאָהרען אַליין, אָהן טאַטע און מאַמע, אָהן ברידער און שוועסטער, אָהן פריינד און חברים. קושע נוקעט צו די פערד, דרעהט איינדערפינגסטער די בייטש, וואָס מאַכט פייפען די לופט און די פערד שוידערן-אָב מיט די בייכער.

משה׳לע עפענט די אויגען און מאַכט זיי באַלד צו און עס קומט די באָבע אין דמיון, אַ ליכטיגע, אַ וואַרימע און אַ יונגערע, נישט אַזוי, ווי זי איז אין דער ווירקליכקייט און זי גלעט איהם פאַר׳ן קעפעל און טוליעט איהם צו זיך און לעשט אין איהם די וואַכזאַמקייט און שעפטשעט:

—שלאָף-איין, מיין קינד, שלאָף-איין...

און משה׳לע שאָקעלט זיך אויפ׳ן געזעס, קלאַפט זיך אָן יעדעס מאָל מיט׳ן רוקען אָן אַ קאַסטען, לאָזט-אַראָב דעם קאָפּ צום הערצעל און שלאָפט-איין מיט אַזאַ געפיהל, פונקט ווי דער באָבעס הענד וואָלטען איהם אונטערגעהאַלטען. אָבער דאָס איז נישט מעהר, ווי אַ לייכטער שלאָף, אַ זיסער דרעמעל און באַלד עפענט משה׳לע פון דאָסניי די אויגען און אַ שוואַרצער וואַרימער הייל נעהמט איהם אַרום פון אַלע זייטען. דאָס איז נישט קיין נאַכט, נאָר אַ שוואַרצען הייל, און אַז מען קוקט זיך גוט צו צו דערדאָזיגער שוואַרצקייט, זעהט מען אין איהר בלויז דאָס, וואָס דער דמיון מאָלט: אַ ליכטיגען טאָג קאָן מען זעהן אין איהר, אַ גאָרטען בעגאָסען מיט זון, מענשען, געשטאַלטען, דער באָבען, פויגעלע׳ן און טעמעלע׳ן. מען קאָן אויך זעהן אין איהר פערשידענע גאָלד-פלעקען, אויסטערלישע ליניעס און בלויע פינטעלעך. אויב מען זאָל אָנשטרענגען די אויגען, קאָן מען אויך זעהן רויטע פינטעלעך. אָבער משה׳לע שטרענגט זיך נישט אָן. ער איז איצט ווידעראַמאָל איינער אויף דער וועלט, אין רשות פון דער נאַכט, נאָר ער שפירט אויף זיך גאָטס אויג און דאָס האַרץ ווערט איהם אָנגעפילט מיט יענער מנוחה, וואָס קומט נאָך אַ שטילער תפילה. ווידער ווערט ער גאָטס קינד, גאָטס איין-איינציג קינד, וואָס לעבט אַזוי לאַנג, ווי די וועלט שטעהט און וועט נאָך לעבען אַזוי לאַנג, ווי די וועלט וועט שטעהן, און משה׳לע דאַכט זיך, אַז ער האָט נאָך אַמאָל, פאַר׳ן געבוירען

ווערען, געזעהן אַזאַ נאַכט און אַז ער איז אויך אַזוי ווי איצט געפאָהרען איבער שטומע פעלדער מיט אַ בעל-עגלה קושע און אויך אַזוי ווי איצט האָט ער געשפירט, אַז ער איז גאָטס קינד. און דידאָזיגע שפירונג זאָגט איהם אונטער, אַז דאָס איז אייביגקייט און אַז דאָס איז די סאַמע זיסטע מחשבה, וואָס קאָן ווען בעהערשען אַ מענשען.

משה׳לע מאַכט-צו די אויגען און הערט, ווי עס בילט ערגעץ אַ ווייטער הונד, ווי אַ נאַכט-פויגעל שטיקט עפּיס אַ לעבעדיגע בעשעפעניש אין דער לופטען, ווי עס סקריפּען די וועגענס און די פערד געהען שוין שווערער, ווי פריהער. לינקס און רעכטס און פאָראויס שטעהען שוואַרצע נאַכט-ווענד און מען זעהט נישט ווי עס רוקט זיך פאָראויס דער וואָגען. טיילמאָל דאַכט זיך, אַז דער וואָגען נידערט שטיל אין אַ תהום אַראָב און דעמאָלט ווערט עפּיס מאָדנע זיס אויף דער נשמה און די אויגען מאַכען זיך צו. אַ לייכטער דרעמעל בעפאַלט ווידער דאָס בלוט און איינ׳ם דרעמעל זעהט משה׳לע טעמעלע׳ן, אַ בעגאָסענע מיט ליכט און אַ צאַרט-שמייכלענדיגע. דאָס איז נישט יענע בייזע שלעכטע טעמעלע פון לעבען, נאָר פון אַ חלום, און זי איז וואונדערליך גוט און נאָכגיביג. זי זיצט אין ווייכען גרינעם גראָז, הינטער׳ן בית-עולם, צווישען אַ שורה אַלטע צוצווייגטע בעראָזעס און שעפּטשעט, ווי אַ קלאָרער וואַלד-קוואַלעכעל:

—משה׳לע, לעג דיין קאָפּ אין מיין שויס. דו האָסט דאָך ליב מיין שויס...

און משה׳לע פרעגט:

—טעמעלע, דו וועסט זיין גוט צו מיר?

און טעמעלע שעפּטשעט:

—גוט, משה׳לע... זעהסט, איך קוש דיך...

און משה׳לע פרעגט ווידער:

—און איך מעג דיך אויך קושען?

—קוש, משה׳לע, קוש...

און משה׳לע קושט זי און טוליעט זיך צו איהר און איבער

זיין קאָפּ רוישען די אַלטע הויכֿע בעריאָזעס, פּונקט ווי מוטערליכֿע ליפּען וואָלטען שעפּטשען און איבער די פערטראַכֿטע פעלדער צוגיסט זיך אַ שטילער אָוועגד און אַ ווייטער הונד בילט און עפּיס אַ נאַכֿט-פויגעל שטיקט אין דער לופטען אַ לעבעדיגע בעשעפעניש, און משה׳לע עפענט די אויגען און זעהט פּלוצלונג ווי קושע, דאָס פערד און די פּאַסאַזשירען זענען אַזוי ווי אַרויסגעקראָכֿען, זיך אויסגעשיילט פון דער שוואַרצער נאַכֿט. דידאָזיגע נאַכֿט איז מען אַזוי ווי אַדורכֿגעפאָהרען און איצט איז די לופט, וואָס הענגט איבער קושע׳ן און די פּאַסאַזשירען, אַ גרויע און אַ געמישטע, פּונקט ווי דער שטח צווישען ערד און הימעל וואָלט אָנגעפילט געווען מיט העל-גרויען רויך. טראָפּעלעך ליכֿט און טראָפּעלעך פינסטערניש זענען צוזאַמענגעמישט, ווי ווייסע און שוואַרצע האָר אין אַ גרויען קאָפּ. ווייט אין די טהאָלען קנוילען זיך נעבלען, ווי ווייסע בערען, און אויבען הענגט אַ בלינדער הימעל. ווי שאָטענס זיצען די פּאַסאַזשירען, וואָס זענען העלער פון דער לופט, און מאַנכֿע ווינקלען פון די ווייסע קאַסטענס קוקען-אַרויס צווישען דעם וועגען-געפּעק, ווי גלאַטע טויטע פּנים׳ער.

משה״לע מאַכֿט ווידער צו די אויגען און זוכֿט דעם פריהערדיגען חלום. דער חלום קומט אָבער נישט צוריק, און משה׳לע פרובט איהם איבערלעבען בעוואוסטזיניג, מיט פערמאַכֿטע אויגען. דאָס איז אויך זעהר זיס, ווארום דאָס, וואָס האָט דערפעהלט אין חלום, קאָן ער איצט צוגעבען מיט׳ן געדאַנק, מיט׳ן דמיון. טעמעלע שטעהט איהם אונטער די וויעס און ער זעהט זי אַזוי, ווי ער וויל זי זעהן. דאָס ערשטע מאָל דערשפּירט ער, אַז מיט׳ן דמיון קאָן ער זיין אַ בעל-הבית איבער איהר און אַז דער דמיון איז אַ גרויסע מאַכֿט. דאָס דערשרעקט איהם עטוואָס און ער עפענט פון דאָסניי די אויגען. די נאַכֿט ווערט גרויער און גרויער, פּונקט ווי דער טאָג וואָלט אַריינגעקוקט אין איהר דורך מיליאָנען קליינינקע טראָפּעלעך ליכֿט. קושע און די פּאַסאַזשירען ווערען דייטליכֿער מיט די פאַרבען פון זייערע קליידער און אויך זיין ווייסער שקאַפּע קאָן מען שוין זעהן טונקעלע

פּלעקן פון שווייס. די באַלד צייטיגע זאַנגען פון די קאָרנפעלדער נויגען אין דער גרויקייט זייערע האָריגע קעפּלעך צום וואָגן, פונקט ווי זיי וואָלטן זיך בעגריסט מיט די פּאַסאַזשירן. אינ'ם בלינדען הימעל עפּענען זיך בלאָט-גרויע טייכעלעך. די אויגן פון טאָג ווערן גרעסער און גרעסער. ווי אַ שוואַרצער פּאַלאַץ ליגט דער ווייטער וואַלד און ווי גרויע וואַלפישען הויבען זיך דאָ און דאָרט די בערג. דאָס גאָלד פון די פירקאַנטיגע קאָרנפעלדער, וואָס ליגן אַראָב און אַרויף איבער די בערג, שיילט זיך לאַנגזאַם אויס פון די בעגינען-נעבלען, און דאָרט, לינקס, וואו דער הימעל הויבט זיך אָן, שפּרייט זיך אַ רויטער רוין: די זון געהט-אויף.

די זון געהט אָבער נישט אויף. די בעגינען-נעבלען זענען שטאַרק און געדיכט און זיי פערשליסען און פערשטעלען די וועגען פון דער זון. אין לופטען שפּירט זיך עפּיס אַ מידקייט פון נאָך אַ שוואַרצער נאַכט אָהן שטערן און פון אַנ'אָנהויב פון אַ טאָג, וואָס קאָן נישט געבוירען ווערען. אין די נעבלען ליגט איבער דער כח, און זיי ראַנגלען זיך שטום און עקשנות'דיג מיט דער רויטקייט, וואָס שפּראָצט פון מזרח. פון ערגעץ אַ זייטיגען וועג פּאָהרט פּלוצלונג אָן אַ פריץ אין אַ לייכטע עקיפּאַזשל מיט אַ יונג פערד, וואָס האָט דינע פיס און אַנ'אויסגעבויגענעם דינעם האַלז. דער פריץ טראָגט אַ ווייס-פערשטויבטען לייווענדענעם וועג-מאַנטעל מיט אַ קאַפּושאָן אויפ'ן רוקען און נעבען איהם זיצט אַ דרייצעהניעהריג מיידעל און אונטער איהר פלאַכען ברייטען שטרוי-היטעלע שלאָגען זיך אַרויס שוואַרצע האָר-בויגעלעך. דאָס פערד יאָגט קאָקעטיש איבער די בעלעגלות, און דער מיידעלעס אויגלעך, שוואַרצע, פערטראַכטע און שטילע, גיסען זיך איבער אין משה'לעס אויגען. דער פריץ מיט דער מיידעלע פערשווינדען הינטער אַ בערגעל, און משה'לען דאַכט זיך, אַז ער האָט זיי שוין ערגעץ געזעהן: אין חלום אָדער אויפ'ן וואָהר. נאָר גיכער אין חלום, ווייל דאָרט, וואו ער האָט זיי געזעהן, איז איהם געווען וואונדערליך גוט אויף דער נשמה, ווי עס טרעפט קיינמאָל נישט אין דער ווירקליכקייט. עפּיס אַנ'-

אונפֿערשטענדליכֿע בענקשאַפֿט צו דער מיידעלע בעפֿאַלט איהם און ער הויבט זיך עטוואָס אויף אין וואָגען און זוכֿט איהר שאָטען אויף די שטומע בעגינען-פֿעלדער. פֿון דעם פּריץ איז שוין קיין זכֿר נישטאָ, און די לאַנגע בעל-עגלה׳שע שורה ציהט זיך איבער׳ן גלייכֿען וועג, ווי אַ גרויע שיף איבער מוטנע כוואַליעס.

אין לופֿטען לעשט זיך לאַנגזאַם די שוואַרצקייט, ווי עס לעשט זיך פֿאַרנאַכֿט דאָס ליכֿט פֿון טאָג. אַלץ קלאָרער און קלאָרער שיילען זיך אויס די פֿאַרבען פֿון די פֿעלדער, און דאָ און דאָרט קריכֿען-אַרויס פֿויערשע הייזלעך מיט קליינע פֿערשלאָפֿענע פֿענסטערלעך. ערגעץ נישט ווייט רויכֿערט זיך אַ שטילער טייך מיט אַ קופּקעלע פֿערגליווערטע ווייסע קאַטשקעס און אויפ׳ן צווייטען ברעג שטעהען זקנות-ווערבעס און קוקען מיט די אַלטע קעפּ אין וואַסער אַריין. אויפ׳ן וואַסער קאָן מען זעהן, ווי די נאַכט געהט-אַוועק: ווײַלעוויַיז ווערט עס העלער, טונקעלער, העלער, טונקעלער. אין דעם, ווי די נאַכֿט געהט-אַוועק און דער טאָג קומט נישט אָן, שפּירט זיך גאָט און אייביגקייט און משה׳לעס געבוירען ווערען און משה׳לעס טויט. זיי אַלע—גאָט און די אייביגקייט און דאָס בעגינען און משה׳לעס געבוירען ווערען און טויט—זיי אַלע קומען פֿון איין מקור, און נישט דער טאָג איז פֿערשטענדליך, נאָר דאָס בעגינען איז פֿערשטענדליך. דאָס איז די צייט פֿונ׳ם גרינעם ליכֿט, דאָס ליכֿט פֿון דער אייביגקייט, ווען מען שפּירט, ווי אויפ׳ן הימעל ווערען געבוירען נייע נשמות. נישטאָ פֿאַר משה׳לע קיין זיסערע געדאַנקען, ווי די דאָזיגע און זיי זאַפּען-אָן זיין מוח׳ל נאָר דעמאָלט, ווען ער איז ביינאַכֿט אין פֿעלד. טיילמאָל דאַכֿט זיך איהם, אַז ער איז אַלט, ווי די ערד און אַז ער געדענקט נאָך יענע צייט, ווען ער איז געווען אויפ׳ן הימעל פֿאַר׳ן געבוירען ווערען. עפּיס באָמבלען זיך איהם אין זכּרון גאָלדענע הימעל-פֿלאַמען, וואָס ברענען נישט און ווייטע בלויע וועגען, וואו מלאכים געהען. ער געדענקט נאָך איין מלאך, אַ ווייסען און אַ שטילען, וואָס האָט איהם געהאַלטען אונטער וואַרימע פֿליגלעך און נאָכֿדעם אַריינ-

געטראָגען אין אַ גאָלדענעם געצעלט און אין דעמדאָזיגען געצעלט האָבען זיך געשפּילט קליינע נשמות'לעך. מען קאָן זיך דערמאָנען אין אַנדערע מאַנכע פּרטים, וואָס פֿיהרען סאַמע ביז'ן געבוירען ווערען, אָבער קושע, וואָס האָט ביז איצט געדרעמעלט אויף די קאָזלעס, איז פּלוצלונג אַראָבגעשפּרונגען פֿון וואָגען, ווי אַ גזלן, האָט פֿערדריכערט זיין לולקע, אויסגעשפּיט און אַ געשריי געטהאָן:

—טפּררר!..

די פֿערד האָבען זיך אַזוי ווי נישט-ווילענדיג אָבגעשטעלט, אַרויסגערוקט די הינטערשטע פֿיס און אַליין איינגעהאַלטען דעם אימפּעט.

די בעל-עגלות שטעהען פֿאַר אַ קרומער קרעטשמע, פּונקט ווי עמיץ וואָלט איהר אַ פּאַטש געטהאָן אין דאַך אַריין, מיט אַלטע ווייסע הינד, מיט אַ קאַץ אויפ'ן שוועל און מיט ציגען ביי דער פּריזבע. איבער די פֿערד, איבער דער קרעטשמע, איבער די פּאַסאַזשירען און איבער'ן וואַלד שפּראָצט לאַנגזאַם דער טאָג. דער וואַלד שטעהט הינטער דער קרעטשמע, אַ טונקעלער און אַ שטילער, און די שפּיצען קוקען שטום אין הימעל אַריין, פֿון ווייטען דאַכט זיך, אַז די נידעריגע יונגע ביימער ליגען אויף די העכערע און די העכערע אויף די גאָר הויכע. אַ שאַרפֿער סמאָלע-רוח וועקט די ברוסט און פֿרישט-אָב די גלידער, פּונקט ווי מען וואָלט זיך איינגעוואַשען. שען און ליב איז די-דאָזיגע אַלטע קרומע קרעטשמע מיט'ן צופּאַטשטען דאַך און מיט די קליינע דאָרפֿישע פֿענסטערלעך, וואָס קוקען, ווי גוטע, נישט-זינדיגע אויגען אינ'ם גרינעם פֿאַרטאָג אַריין. איבער די טונקעלע שויבען גליטשען זיך שטילע טאָג-שטראַהלען און דאָס גאַנצע הויז זעהט-אויס, ווי אַ לעבעדיגע בעשעפֿעניש, וואָס פֿיהרט אַ געהיימען און גוטמוטיגען שמועס מיט דער קאַץ, מיט די הינד און מיט די ציגען. אין די שוואַרצע נעכט מוזען דאָ וואוינען פֿערבאָרגענע פּרינצעסינס מיט זייערע געליבטע ריטער, וואָס זענען אַנטלאָפֿען פֿון אַ בייזען טאַטען. אין די שוואַרצע נעכט ווערט דאָס הייזעל פֿער'כשופֿ'ט און קיינער ווייס נישט, ווי

אַזוי מען קומט אַהער. נאָר איצט דרעהען זיך דאָ אום די בעלי-עגלות, וואָכעדיג און לעבעדיג, דורשטיג נאָך אַ שנאַפּס און נאָך צובייסען און אויף דער שוועל בעווייזט זיך אַ מאָגער, בערדיג און לאַנג-נעזיג יודעל, אין אַ כאַלאַט, און ער רייבט זיך די הענד און גלאָצט מיט שפּיציגע אויגלעך אויף די פּאַסאַזשירען און שמייכעלט מיט אַ פּרנסה-שמייכעלע און בעוועגט זיך הין-און-הער מיט אַזאַ ליבשאַפט, פּונקט ווי ער וואָלט טויזענדער יאָהרען געבענקט נאָך דידאָזיגע בעלי-עגלות מיט זייערע פּאַסאַזשירען. קושע קלעבט זיך צוזאַמען מיט דעמדאָזיגען יודעל און דערפון קומט-אַרויס אַ שנאַפּס מיט אַ געזאַלצענעם הערינג.

די פּאַסאַזשירען געהען אַריין און אַרויס פון דער קרעטשמע, דרעהען זיך אַרום אין דער געדיכטער מחיה'דיגער סמאָלע-לופט, איב'ם אָנגענעהמענעם העל-גרינעם פּאַרטאָג-ליכט, אין וועלכען אַ מענש איז פריי פון אַ תכלית און פון זאָרגען און פון היים-פליכטען, און משה'לען דאַכט זיך, אַז דידאָזיגע מענשען האָבען איצט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון מנוחה און שטילען גליק.

אַרום און אַרום אין די ווייטקייטען ווערט אַריינגעשאָסען אַ מאַט-זילבערנע ווייסקייט און עס ענטפּלעקען זיך איינצעלנע ביימער, בערגלעך און טהאָלען. איצט גיסט און שפּאַרט פון אויבען מיט טאָג-ליכט און אָט ווערט מיט אַמאָל, פּלוצלונג, טאָג. די נעבעלען גיבען זיך אונטער און צורינען, אָבער עפּיס אַ קרענקליכע פערטראַכטקייט ליגט אויפ'ן וואַלד, אויף די קאָרנפעלדער און אויף די הימלען, פּונקט ווי די נאַכט וואָלט זיי פריהער געפּייניגט. אויף די גראָזען, ביים וועג, הענגען קאַלטע טראָפּעלעך טוי ווי פערגליווערטע טרעהרען און אַ קיהל ווינדטעל שמייסט-דורך די לופט. די קליינע פענסטערלעך פון דער קרעטשמע ווערען ליכטיגער, העלער און ווי פון אַ בעהעלטעניש שווימט-אַרויס אַ לאַנגער טיש, אַ ברייטער אויווען און אַ קליינער לאָמפּ, וואָס הענגט אונטער'ן סופיט. די אַלטע הינד אַרום דער קרעטשמע געהען-אַרום מיט אַראָבגעלאָזטע עקען און זוכען די זון און די ציגען ליגען נישט זיכער ביי דער פּריזבע, טאָמער ווע

זיי עמיץ שלעפּט טהאָן. דער פריהמאָרגען איז אַ כמאַרנער און אַ שטילער, אָהן אַ זון, און קוקענדיג מיט'ן אויג אין דער ערשט-געבוירענער שטומער ווייטקייט אַריין, דאַכט זיך, אַז אַ מענש בעדאַרף בישט זיין ענערגיש, רוישיג און פרעסעריש, ווי קושע און די בעלי-עגלות, נאָר אונבעוועגליך און פערטראַכט, ווי די הויכע סאָסנע, וואָס שטעהט נעבען דער קרעטשמע.

קושע שטאָפּט אין די באַקען און סאָפּעט, ווי אַ פערד. ביים אַראָבגעהן פון די גרויסע ביסענס אין בויך אַריין הויבט זיך עטוואָס אויף זיין פערשמאָלצענער רייזעטאַש, וואָס הענגט איהם אויף דער זייט און די אויגען ווערען אָנגעבלאָזען און ווילען אַרויסשפּרינגען פון זייערע ערטער. קוקט משה'לע אויף קושען, בעפאַלט איהם עפּיס אַנ'עקעל, שפּרינגט ער אַראָב פון וואָגען און לאָזט זיך געהן אין די פריהמאָרגען-פעלדער, וואָס בלישטשען מיט פערגליווערטע טרעהרען. יעדער טריט איז אַ שטיק געזונד און יעדע בעוועגונג דערפרעהט די נשמה. אין לופטען פינטלען שוין דערוואַכטע פויגעל און פון אַלע זייטען דערטראָגט זיך אַ פרעהליך טשוויטשערן. אָבער משה'לע מאַכט שטילערע טריט און פאַסט זיך אונבעוואוסטזיניג צו צו דעם כמאַרנעם שטילען ליכט פון טאָג. אונבעמערקט קומט משה'לע צום וואַלד און אויף זיין פנים לעגט זיך דער פרישער אָטעם פון די הויכע סאָסנעס. טונקעל איז נאָך אין וואַלד. אַ וויכער שאָטען דעקט-צו די ערד און ווי שטערענדלעך קוקען-אַרויס פון שאָטען ווייסע בלימעלעך. דער וואַלד איז חזיך און גרויס, און ווי אַ גאָלדענע משא פאַלט זיין שענקייט אויף דעם יונגעלס הערצעל. משה'לע זויגט איהם לאַנג מיט'ן אויג, נאָכדעם דרעהט ער זיך אויס און קוקט אויף די לויפענדיגע פעלדער, וואָס זע-נען גרין, האַלב-גרין, טונקעל-גרין, געלב און רויט-ווייס, אויף די פערטראַכטע שטיל-ציהענדיגע הימלען מיט גאָלדענע פלעקען, אויף דער קרעטשמע מיט'ן צוגעפּאַטשטען דאַך, וואָס קוקט מיט איהרע קליינע גוטמוטיגע פענסטערלעך אין אַ ברייטער פרייער וועלט, אָהן מענשען, נאָר צווישען גראָזען, קאָרן און סאָסנעס, און דאָס בלוט שעפּטשעט אין איהם:

—גערענק עס!

דעמאָלט קעהרט ער זיך אום צו די בעלי-עגלות. עס איז
נאָך פאַרהאַן אַזויפיל צו פאָהרען און אַזויפיל צו געניסען פון
הימעל, ערד און שטילקייט, און אַז משה'לע זעצט זיך ווידער
אַריין אין לאַנגען וואָגען און דאָס פערד, נאָכ'ן אָברוהען,
ריהרט זיך קרעפטיגער פון אָרט און דער וואַלד נעהמט געהן
צוריק און די קרעטשמע דרעהט זיך אויס און די ערד קוי-
לערט זיך אונטער די רעדער,—ווייזט משה'לען אויס, אַז די
הימלען האָבען זיך געעפענט און גאָט איז אַריין אין וואָגען
און פאָהרט מיט איהם צוזאַמען. יעדער אָרט, יעדער ווינקעל
איז ריהרענדיג שען אונטער דעם שטילען ליכט פון גערעקטען
טאָג, און עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס מען דערווייטערט זיך פון
דידאָזיגע ערטער. פאַר די אויגען שווימען טייכלעך מיט אַלטע
ווערבעס, פאַסטוכער מיט קליינע טשערעדעס, פלאַקס-פעלדער,
קאָרן-פעלדער, טאָרף-פעלדער, בערגלעך, טהאָלען און וועלדער
מיט הויכע סאָסנעס, וואָס שטעהען ביים וועג, ווי ריזען-סאָל-
דאַטען. ענדיגט זיך דער וואַלד, צוגיסען זיך די הימלען ווייט
און בּרייט און ווידער ווייזען זיך טייכעלעך מיט ווערבעס, פונקט
ווי שפּיגעלעך, צעוואָרפען אין גראָז און האַלב-נאַקעלע פאַסטו-
כער מיט טשערעדעס און איינזאַמע דערפלעך מיט בלויע רויכע-
לעך פון די קוימענס און עס טשוויטשערן פויגעל און אַ יונגער
פויער, וואָס ליגט אַ באָרוועסער אויף אַ בערגעל, מיט'ן פּנים
צום הימעל, זינגט שטיל, פער'חלומ'ט און צוציגען:

אָך, אינדערפרעמד, אויף פרעמדער ערד—
דאָרט בלאָנזשעט-אום מיין שען, זיס מיידעל.
בישטאָ אין פעלד איהר בלויען אויג,
איהר ווייסען פוס און רויטען קליידעל...

אָט פאָהרט ווידער דער פריץ מיט'ן מיידעלע מיט די
שוואַרצע האָר-בויגעלעך אונטער'ן ברייטען פלאַכען שטרויהוט.
ער פאָהרט שוין צוריק, און אַז דאָס פערד גלייכט זיך אויס
מיט קושעס וואָגען, גיסען זיך ווידער איבער זייערע אויגען אין
[illegible] משה'לעס אויגען. משה'לע דרעהט-אום דעם קאָפּ און דאָס מיי-

דעלע טהוט אויך דאָס אייגענע. גיט ער זיך זאַכט אַ נויג און דאָס מיידעלע ענטפערט, און ביידע קוקען זיך איבער און קלע־בען זיך צו מיט די אויגען אויף צו געדענקען, קענטיג, איינ־אַנדער דאָס גאַנצע לעבען. משה'לע שטרענגט ווידער אָן דעם זכרון און פרובט זיך דערמאָהנען, וואו ער האָט זי געזעהן מיט'ן פריץ, מיט'ן עקיפּאַזשל און מיט די אייגענע פעלדער, אָבער דאָס בלוט לאָזט איהם נישט טראַכטען און שעפּטשעט אין איהם:

—געדענק זי!..

און עפּיס אַ ליכטיג גאָלדען קעמערל עפענט זיך אין זכרון און פערבעהאַלט זי דאָרט אויף אייביג. אויף אַ מינוט פער־מאַכט משה'לע די אויגען פון גרויס תענוג, און ער זעהט זי אין זכרון, אינ'ם בעזונדער קעמערל אַ ליכטיגע און אַ נאָהענטע, פונקט ווי זי וואָלט געזעסען אין איהם, ווי אַ בילד און ער וואָלט זיין איהר ראַהם.

פון דער זייט טאַנצט-אַרויס אַ שיטער סאָסנע-וועלדעל, נאָכ'ן וועלדעל בעהמט זיך דרעהען אַ באַרג און נאָכ'ן באַרג קומט אַ לאַנג דאָרף מיט דינע בלויע רויכעלעך פון קליינע קוי־מענס און מיט מאָגערע שרייענדיגע חזרים צווישען די פּאַרקאַ־נעס. אַלטע גוים שטעהען אינ'ם שטויב פון דער דאָרף-גאַס, אָהן היטלען, באָרוועס, אין גראָבע טונקעלע העמדער, ווי זעק און קראַצען זיך מיט שוואַרצע הענד איבער'ן האָריגען האַרץ. קליי־נע קינדער מיט ווייסע האָר האַלטען די פינגער אין מויל און בעגלייטען די וועגענס מיט גרויסע בלויע אַרויסגעשפּאַרטע אוי־גען. די לופט איז אָנגעפילט מיט אַ געדיכטען ריח פון חזיר, פויער און דלות. אויפ'ן הימעל איז נישטאָ די זון, און אַ שטי־לער מאַטער שיין פליסט אויף דער ערד פון די פאַמעלעך־שוועבענדיגע וואָלקענס. אין דעמדאָזיגען שיין קוקען די דאָרפי־שע פענסטערלעך אָהן אַ גלאַנץ, ווי גוטע בלינדע אויגען פון זקנים. נאָכ'ן דאָרף צושפרייטען זיך פריי די האָריזאָנטען, צו־גיסען זיך די הימלען, צוציהען זיך די פעלדער, און משה'לען דאַכט זיך, אַז ער ווערט קלענער און קלענער, פונקט ווי אַ

פינטעלע אין אַנ׳אומענדליכקייט. וואָס גרעסער דאָס פעלד, וואָס ברייטער דער הימעל, אַלץ קלענער שפירט ער זיך און אַלץ גרעסער וואַקסט דער תענוג. דער תענוג וואַקסט איהם איבער. נישטאָ קיין איין טראָפען בלוט, קיין איין נערוו אין משה׳לען, וואָס זאָל נישט זיין דורכגעוועבט מיט תענוג, און טיילמאָל שפירט ער נישט זיין גוף׳ל, פונקט ווי ער וואָלט זיין לייכטער פון לופט. דעמאָלט דאַכט זיך איהם, אַז ער זיצט, ווי אַ שמעטערלינג אין זיין ווינקעל וואָגען, און ווען איהם וועט זיך פערגלוסטען, וועט ער זיך אויפהויבען און אַוועקשווימען אינ׳ם מאַטען שיין פון טאָג. די ערד קוילערט זיך אַ גרינגע אונטער די רעדער, דער וועג לויפט צוריק אונטער דעם פערדס פיס, דער הימעל שוועבט צוריק איבער׳ן קאָפ און פון ווייטען זעהט זיך אַ שורה פויערים מיט בלישטשענדיגע קאָסעס אין די הענד. נעבען די פויערים זיצט אַ געלב הינדטעל, נעבען הינדטעל זיצט אַ קליין פויעריש מיידעלע מיט ווייסע פלאַקסענע האָר און נעבען דער מיידעלע שטעהט אַ קרוג מיט אַ טרוקען שוואַרץ שטיקעל ברויט דערויף. קליינע געלבע פעלד-בלימעלעך קוקען דער מיידעלע גלייך אין די אויגלעך אַריין. לינקס שטעהט אַ גאָלדענע הויכע באַרשט פון אַ קאָרנפעלד און איבער די צייטיגע אַראָבגעבויגטע קעפלעך יאָגען זיך שטראַהלען נאָך שאָטנס און שאָטענס נאָך שטראַהלען. די זון איז נישטאָ, און עס איז אונפערשטענדליך, פון וואַנען נעהמען זיך די שטראַהלען אין פעלד. עס זעהט-אויס, ווי די זון וואָלט זיך פער׳גנב׳עט הינטער די וואָלקענס און וואָלט געשאָסען פון דאָרטען מיט איינצעלע פעדעמלעך ליכט. אַמאָל רייסט-אויף אַ פאַסאַזשיר דאָס שלעפעריגע אויג און גיט הויזעריג אַ זאָג:

—קושע, עס וועט זיין אַ רעגען.

קושעס ברייטער רוקען קוקט די גאַנצע צייט אויף די פאַסאַזשירען, ווי אַ ברייטער פירקאַנטיגער ברעט, און קושע ענטפערט:

—ניין, עס וועט קיין רעגען נישט זיין.

—פון וואַנען ווייסטו?

—קושע ווייס,—גיט ער אַ שפּיי אין דער קרים אינ'ם קאָרן אַריין.

פּאַמעלעך רוקט זיך דער וואָגען באַרג-אַראָפּ, לאַנגזאַם הויבט ער זיך, ווי אַנ'אַלטע חיה, אָהן כוחות, באַרג-אַרויף, און אַט שטעלט מען זיך צו ביי אַ טייכעל, אין וועלכען עס שוועבּ דער הימעל, עס בּעוועגען זיך די ברעג-ווערבעס און עס קוקען אַרויס די פערד מיט די פּיס אַרויף, פּונקט ווי זיי וואָלטען געלעגען אין וואַסער אויפ'ן רוקען. נעבען וואַסער שטעהט אַ הייזעל און קושע צאַפּעלט זיך שוין אויף דער שוועל מיט דער בּייטש אין דער האַנד און שרייט עפּיס בּאַסיג אין הייזעל אַריין. די פּאַסאַזשירען קריכען-אַרויס פון די לאַנגע וועגענס, און פונ'ם הויכען טייך-גראָז, צווישען די ווערבעס, פליהען-אַרויס גרויסע דערשראָקענע אונבעקאַנטע פויגעל. משה'לע שפּרינגט-אַראָפּ פון וואָגען, און אָהן אַ צוגעגרייטען געדאַנק, פּונקט ווי אויסגעזאָגט פון בלויזען אינסטינקט, לויפט ער אַוועק אָן אַ זייט, וואַרפט-אַראָפּ די בגדימ'לעך פון זיך און געהט-אַריין אין טייכעל דאָרט, וואו דער דנאָ בלישטשעט-אַרויס מיט טויזענדער גאָלדענע שטיינדעלעך. מיט קאַלטע רונגעלעך נעהמט-אַרום דאָס וואַסער זיינע פיסלעך, אָבער משה'לע געהט ווייטער און טיפער און טונקט זיך אַרונטער. ביי אַ רגע ווערט איהם קאַלט אין אַלע אברים מיט יענער קאַלטקייט, וואָס איז עהנליך צו אַ ברען פון אַ פייער, אָבער באַלד דערויף ווערט אינערליך וואַרים און דאָס בלוט נעהמט מחיה'דיג יאָגען אינ'ם גאַנצען קערפּער. דע-מאָלט זעצט ער זיך צו אין וואַסער און קוקט, ווי קליינע זילבער-נע פישעלעך דרעהען זיך ווילד און צוטומעלט אַרום זיינע פיס, ווי דאָס שטיקעלע לייב, וואָס ליגט איהם ביי דער ברוסט, איז רויט געוואָרען און ווי די טראָפּעלעך וואַסער, וואָס שפּרינגען איהם פון האַלז און פון קאָפּ זענען צוזאַמענגעמישט מיט'ן וועג-שטויב. נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל טונקט ער זיך אונטער, און אַז ער לויפט-ארויס פון טייכעל, ציהט ער מיט אַלע כוחות דאָס העמד אויפ'ן נאַסען לייב, טהוט זיך איילּיג אָן און לויפט צום וואָגען,

וואו ער האָט אַ פּוטער-בולקע מיט קליינע קעזלעך, דאָס ערשטע מאָל האָט ער איצט אַפּעטיט.

אין אַ שעה אַרום פּאָהרט מען ווייטער. משה'לע געהט נישט ווייט פון וואָגען און וואַרימט זיך נאָכ'ן באָדען זיך אין דעם הייסען אָטעם פון די קאָרנפעלדער. די קאָרנפעלדער גנעה-מען זיך גאָרנישט אויס. זיי לויפען פון ברעג הימעל צו ברעג הימעל, איבער באַרג און איבער טאָל און האַקען זיך פּלוצ-לונג אָב ביי אַ וואַלד, ביי אַ שמאָל טייכעלע, ביי אַ גרי-נער לאָנקע און ביי די שוואַרצע, זינקענדיגע, מיט וואַסער אָנ-געפילטע טאָרפּפעלדער. פון די זאַנגען שטעקט אַמאָל אַרויס אַ קאָפּ פון אַנ'אַלטען פויער, פונקט ווי ער וואָלט געוואַקסען צו-זאַמען מיט זיי, אַמאָל וואַרפט זיך דורך אַ רויט קליידעל מיט באָרוועסע פיס און אַמאָל פינטעלט אַ פּאָרל: אַ יונג פויער מיט אַ פויערטע. יעדעס זאַנגעל איז איבערגעזעטיגט מיט היץ און זון, און עס שטעהט מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קעפּעל, פונקט ווי עס וואָלט געוואַרט אויפ'ן מעסער. ביהנען, זשוקעס און שמע-טערלינגען דרעהען זיך אַרום זיי און פילען אָן די לופט מיט באַסיגע סטרונע-קלאַנגען. הויך אונטער'ן הימעל דרעהען זיך שוועלבעלעך, און ווי שוואַרצע שטיינער מיט צוויי שפּיצען הענ-גען אין לופטען קליינע רויב-פויגעל. קוקט מען אויף זיי, דאַכט זיך, אַז זיי ווילען באַלד אַראָבפאַלען, אָבער פּלוצלונג וואַר-פען זיי זיך איבער אין אַ צווייטען אָרט און הענגען ווידער. די זאַנגען, די שוועלבעלעך, די ביהנען און די רויב-פויגעל— אַלע ווירקען אויף משה'לעס געמיט, און ער קוקט אויף זיי מיט דער אייגענער נייגיריקייט, ווי ער וואָלט זיי געזעהן צום ער-שטען מאָל.

די פערד געהען שווער און פאַמעליך, אָבער זיי געהען דאָך פאָראויס, און לאַנגזאַם שווימט צום וואָגען דער קעגענ-איבערדיגער האָריזאָנט, די שפּיצען פון אַ ווייטען וואַלד, די שטרויענע דעכלעך פון די אַרומיגע ישובים און די גרינע פּלע-קען פון לאָנקעס. אויפ'ן שטויביגען שליאַך לעגט זיך שוין אונ-בעמערקט אַ שאָטען און עס שפּירט זיך, אַז פון טאָג פאַלט-אָב

דאָס ליכט, ווי פערל פון אַ ווייסען האַלז. עס איז נאָך ווייט צו נאַכט, אָבער נאַכט-פעדעמלעך וועקען זיך שוין אין די האָריזאָנטען און אין די שאָטענס, וואָס גנב'ענען זיך אין די קאָרנפעלדער. דער שטילער קרענקליכער טאָג, וואָס איז מיד געוואָרען פון זיין אייגען ליכט, וויל זיך נישט ראַנגלען מיט די שאָטענס. געהאָרזאַם גיט ער זיך אונטער, ווי אַ קראַנק קינד אַ פרעמדער שטאַרקער האַנד. פריה וויל ער צומאַכען די אויגען און אַוועק אַהין, וואו עס שלאָפען זיינע אויסגעלעבטע ברידער—מיליע-מיליאָנען טעג. און דערפאַר, וואָס ער איז אַזאַ קרענקליכער און שטילער, איז ער בעזונדערס ליב, בעזונדערס טייער און נאָהנט צום האַרצען און פערשטענדליך, ווי אַ לעבעדיגער.

די טאָג-שטילקייט ווערט געדיכטער און קלינגענדיגער, ווען מען פאָהרט-אַריין אינ'ם גרויסען וואַלד. הויכע רויטע סאָסנעס-שטאַמען שטעהען, ווי שטרענגע גענעראַלען און היטען די שטילקייט און דאָס וואַלד-לעבען, און בשעת אַ טרוקען צווייגעל גיט אַ קנאַק אונטער אַ ראָד, דאַכט זיך, אַז זיי דרעהען זיך אום און פרעגען אויף אַ שטומען לשון: „וואָס איז געשעהן?" פונ'ם האַרטען וואַלד-גראָז קוקען אַרויס בלויע אויגעלעך-בלימעלעך. זיי קוקען גלייך אין די אויגען אַריין, פונקט ווי זיי וואָלטען זיך גע'חדוש'ט: קענטיג, וועניג מענשען געזעהן. אונבעקאַנטע פויגעל פליהען-איבער נישט-דערשראָקען פון איין צווייג אויף אַ צווייטען; רויטע און שוואַרצגעפינטעלטע שמעטערלינגען שווימען-אום מיט לייכטער גאוה אַהין-און-צוריק, פונקט ווי קלייניטשקע לופט-פרויען אין זיידענע קליידעלעך; יאַשטשערקעס טונקען זיך אַרונטער, פייפענדיג, אין טרוקענעם מאָך; גאָלדענע ביהנען פליהען נאָך די פערד, וואָס שמייסען זיי מיט די עקען און די לופט איז אָנגעזאַפט מיט אַ שטאַרקען ריח פון משקה. משה'לע שפיצט-אָן אַלע זיינע חושים און לאָזט נישט אַדורך מיט'ן אויג קיין איין פויגעל, קיין איין שמעטערלינג, קיין איין בלימעל אָדער בוים. זיי אַלע קלינגען איהם אָן אין האַרצען, ווי אַלטע גוטע בעקאַנטע, מיט וועלכע

ער האָט זיך נאָך געזעהן פאַר'ן געבוירען ווערען. זיין פנים'ל איז פערגאָסען מיט אַ פריידיגער בלאַסקייט, אָבער אַ קליינער טרויער זיצט אין איהם: סוף-כל-סוף מוז ער פאָרט אָבברייסען זיין אויג. אַ וואַלד האָט אויך אַ סוף. אַ וואַלד נעהמט זיך אויך אויס. טיילמאָל לויפט-אָן פון אויבען אַ זאָרגלאָז ווינטעל און שפּילט זיך מיט די שפּיצען. שטעהען די שטאַמען גלייך, נאָר די שפּיצען פיהרען אַ שטילען שמועס אונטער'ן הימעל. ריידען זיי מסתמא וועגען רעגען, וועגען דונערן און בליצען, וועגען דעם קרענקליכען טאָג, וואָס איז געבוירען אָהן זון און שטאַרבט אָהן זון. קיין חלוקי-דעות איז ביי זיי, קע־טיג, נישטאָ, און זיי שמועסען אַזוי לאַנג, ביז דאָס ווינטעלע שטאַרבט-אָב אַזוי לייכט, ווי עס איז געקומען. רעדעלעך הימעל, קרענצעלעך הימעל, פּאַסיקלעך הימעל קוקען פון אויבען אין וואַלד אַריין און פרעגען, צי איז געשטערט געוואָרען די שטילקייט און די רויטע געגעראַלען ענטפערן אויף זייער שטומען לשון: בעלי-עגלות פאָהרען. און בלימעלעך קוקען זיך אום און בערגעלעך מאָך הויבען די ווייכע קעפּלעך פון ווייטען: וואָס רייהען די געגעראַלען? ווען קושע וואָלט זיין אַ קלוגער און אַ גוטער, האָט ער זיך בעדאַרפט אָבשטעלען און דאָ איבערנעכטיגען. קיין גרעסערער תענוג, ווי נעכטיגען אין אַ געדיכטען וואַלד מוז גאָרנישט זיין אויף דער וועלט. אָבער קושע מיט די פּאַסאַזשירען זענען אימפּעט-מענשען, וואָס זוכען פרנסה, און זיי ווילען קיינמאָל נישט איינגעהן דערויף. פאַר איין ברירה רייסט משה'לע אויס אַ בלוי וואַלד-בלימעלע, וואָס איז האַרט און טרוקען און שמעקט, ווי שטאַרקער ביטערער וויין. ווי הויכע פּוילישע גלחים, נויגען זיך פון ווייטען איינזאַמע טונקעל-גרינע יעלבוימער, ווי בלויע שפּיגעלעך ליגט צושניטען דער הימעל צווישען די שטאַמען, ווי גרינע טעפּיכער שיילען זיך אויס שטילע, זיס-איינגעשלאָפענע וואַלד-לאָנקעס און ווי שלאַנגען פלעכטען זיך די וואָרצלען איבער'ן וועג און שטערען דעם ראָד אין זיין גאַנג. די אַקסען סקריפּען, די פערד שאָקלען מיט די קעפּ פון אָנשטרענגונג, די פּאַסאַזשירען

הוידען זיך, די הילצערנע קאַסטענס קרעכצען-אָב און די בעלי-עגלות דרעהען מיט די בייטשען אין דערלופטען און יאָגען די גאַלדענע פליגען-מחנות, וואָס פליהען נאָך די פערד. נאָר אָט הענגען שוין גרעסערע שטיקער הימעל צווישען די בוימער און די לאַנגע בעל־עגל׳ישע שורה פאָהרט-אַרויס פון געדיכטען וואַלד, ווי פון אַ ריזיגער סוכה אין די פרייע פעלדער אַריין. אָבער דאָס זענען שוין נישט יענע נאַאיווע שטיל-וואַקסענדיגע לייטזעליגע פעלדער, וואָס פריהער. אויף זיי וועהעט שוין דער טרוקענער פערשמאַכטער אָטעם פון דער נאָהנטער שטאָדט און אַ טונקעלער שטויב זיצט אין די זאַנגען-קעפּלעך. אויפ׳ן וועג בעווייזען זיך פערדעכטיגע פויערים נישט אין ליאַפּטעס, נאָר אין הויכע שטיוועל מיט אַ גלאַנציגען דאַשעק איבער׳ן שטערען, און אין די אויגען זיצט זיי אַ האַרטע און אַ בייזע מחשבה. זיי געהען מיט פעסטע און זיכערע טריט, פונקט ווי גזלנים פאַר אַנ׳אָנפאַל, און אַז קושעס וואָגען גלייכט זיך אויס מיט אַזאַ אייגעם, לויפט-דורך עפּיס אַ מאָדנע שטילקייט צווישען איהם און קושע׳ן.

וואָס נעהנטער מען קומט צו דער שטאָדט, אַלץ פערשטויבטער זענען די פעלדער און אַלץ מידער זעהט-אויס דער הימעל. אין די האָריזאָנטען וועבט זיך אַ גרויע בלויקייט, וואָס פאַרכאַפּט אַלץ מעהר דעם מיטען הימעל און אויף די פעלדער שליטען זיך שטילע שאָטענס, ווי אויסגעשפּרייטע פאַרנאַכט-אָרעמס: פאַמעליך פאַלט-אַריין דער טאָג אין פאַרנאַכט, ווי אַ וואַנדערער אין אַ שטילען טונקעלען צימער. איינער דעם צווייטען גיט עפּיס איבער: דער טאָג—אַ מידע ליכטיגקייט, דער פאַרנאַכט—מנוחה און בלויקייט. זאַכט און צערטליך וואַרפט ער אַרויף די מנוחה און בלויקייט אויפ׳ן מידען טאָג-ליכט, און אַז ער ענדיגט זיין אַרבייט, טוליעט זיך איין די ערד אין זיך, נעהמט זיך אַרום מיט טונקעלע הענד, ווי אַ מאַמע, וואָס האָט חתונה-געמאַכט איהר קינד און דערשפּירט זיך זיכערער. און עס דאַכט זיך, אַז זי האָט בלויז איין-איינציגע מחשבה: געפינען מאָרגען דעם הימעל אויף דעם אייגענעם אָרט.

אין קושעס הענד לייכט אויף אַ פּייערל, פון אונטער זייַנע וואָנסען לויפט־אַװעק אַ לאַנגער רויך און אויפן גרויבלויען האָריזאָנט הויבט זיך פּלוצלונג אויף די שטאָדט, ווי אַ לאַנגע קייט פון פערגליווערטע פּאַלאַצען, צוזאַמענגעוואָרפען מיט קלויסטער־שפּיצען. עס דאַכט זיך, אַז אַ בלוי וואַסער האָט פערטרונקען דידאָזיגע פּאַלאַצען און בלויז איבערגעלאָזט די דעכער און שפּיצען. נאָר אָט ווייזען זיך איינע נאָך די אַנדערע גאָלדענע פינטעלעך—פייערלעך, וואָס נעהמען ציטערן שורות׳וויַיז אויף דער פערגליווערטער פּאַלאַצען־קייט, און פון זיי ווערט אונטען טונקעלער און נעבעלדיגער, און העכער—ליכטיגער און העלער. עס דאַכט זיך, אַז אונטער׳ן פערטראַכטען האָריזאָנט שווימט לאַנגזאַם די שטאָדט מיט איהרע שורות ציטריגע פייערלעך, פונקט ווי גאָלדענע שמעטערלינגען אַנגעצויגען אויף אַ פאָדעם. ווי שוואַרצע פינגער שטעקען אין הימעל די הויכע קוימענס פון פאַבריקען. און העלער ווערען די פייערלעך און טונקעלער די מויערן, פונקט ווי זיי וואָלטען בעצויגען געוואָרען מיט בלויער וואַטע. אָבער די פערד פיהלען די שטאָדט און ציהען קרעפטיגער די וועגענס. אינ׳ם סקריפּען פון די רעדער, אינ׳ם קלאַפּען פון די קאַסטענס און פעסער שפּירט זיך פרישע ענערגיע. זי פיהלט זיך אויך אין קושעס האַנד, וואָס שמייסט אָהן רחמנות דאָס פערד.

די פּאַסאַזשירען זיצען רוהיג און שטום, פונקט ווי זיי וואָלטען חרטה־געהאַט אויף זייער נסיעה. אינ׳ם שנעל־פּאַלענדיגען אָוועגד זעהען־אויס זייערע פנים׳ער, ווי געלע וועקסענע מאַסקעס און אונטער די אויגען שוואַרצלעך זיך גריבלעך. הין־און־צוריק שאָקלען זיי זיך, ווי הילצערנע, ווי געלעהמטע. נאָר משה׳לען בעפאַלט עפּיס אַ שוידער. עס יאָגט אין איהם דאָס בלוט, די מחשבות פלאָנטערן זיך הייס און איילִיג, און דאָס האַרץ קלאַפּט. מיט די קאָנטורען פון דער שטאָדט האָט ער באַלד דערזעהן דעם טאַטען און דער מאַמען, די ברידער און די שוועסטער און—שיינדעלע׳ן מיט די אויסגעשאָרענע ליפּעלעך. אָבער נעבען שיינדעלע׳ן וואַקסט־אויס נאָך אַ קעפּעל, נאָך אַ 220

פּימל—טעמעלע. און שיינדעלע ווערט בלאַס, זינקט־אַרונטער, ווי אין אַ וואַסער. און ער שרעקט זיך, פאַרוואָס איז שיינדעלע שוואַכער פאַר טעמעלע'ן. אין דעם ליגט עפּיס אַ זינד, אַ שווע־רע עברה, וואָס מאַכט קלאַפּען דאָס האַרץ. דער טאַטע מיט דער מאַמען פערשווינדען פון רעיון און אין זיין דמיון ווייזען זיך ווילעוויז בלויז צוויי געשטאַלטען—איינע קלאָר, דייטליך, ווי אַ לעבעדיגע, וואָס מען קאָן זי אָנטאַפּען, מיט איהר גאַנצען בלוט און רייץ און די צווייטע בלאַס, שוואַך, ווי אַ גוסס פייערל, וואָס וויל אויפפלאַמען און קאָן נישט. און משה'לען ווילט זיך פּיינליך, עס זאָל זיין פערקעהרט: די ערשטע זאָל זיין שוואַך און די צווייטע שטאַרק. און כמעט ווי זיכער איז ער, אַז אין שטאָדט וועט ער בעקומען אַ האַרבע שטראָף פאַר דער־דאָזיגער עברה.

די לאַנגע בעל־עגלי'שע שורה פאָהרט־אַריין אין שטאָדט, און אויפ'ן האַרטען ברוק קלאַפּען שווער די רעדער. אין גרויע אָוונעד־שלייערס שטעהען די הייזער, נאָר פון די פענסטער גי־סען זיך געלע פייערן און ביי די זייטען גאַס גלאָצען פאָנאַרען מיט קראַנקע פערטראַכטע אויגען. עס איז הייס און דושנע און רוישיג, טויזענדער שטאָדט־קלאַנגען קלאַפּען אין אויער, ווי האַ־מערלעך, און די לופט שפּירט זיך ווי אַ וואַרימער קישען, וואָס ליגט האַרט ביי דער נאָז און לאָזט נישט אָטעמען. די גרויס פון דער שטאָדט און די ווייטע גאַסען און שווערע מויערן, וואָס זעהען זיך דאָ נישט, פאַלען אויפ'ן רוקען, ווי אַ באַרג. משהלע פּרובט זיך אַרומקוקען אין דער אָוונעד־פינסטערניש, וואָס איז געדיכט דורכגעשטאָכען מיט פייערן, און איהם דאַכט זיך, אַז די שטאָדט איז אַ פרעמדע און די מענשען זענען טרוקענע און האַרטע גזלנים. דאָס הערצעל ווערט איהם פערלאָפען מיט גאַל, ווי ביי אַ מענשען, וואָס שטעהט פאַר אַ קריג מיט שטאַרקערע פון זיך. אָבער די יונגע יאָהרען לינדערן איהם באַלד דעם וועה, און די פאַרבייגעפאָהרענע וועלדער און פעלדער, דערפלעך און טייכ־לעך, לאָנקעס און גאָלדשטויביגע וועגען, איבער וועלכע די רעדער זענען אַזוי ווייך געגאַנגען, פיהרען נאָך ווייטער זייער שטו־

מען שמועס מיט איהם, און איהם דאַכֿט זיך, אַז ער קומט דאָ אין שטאָדט אויף אַ ווייל און אַז דער אייגענער קושע וועט איהם איבגיכֿען פֿיהרען צוריק.

אויפ׳ן ראָג פֿון אַ בעקאַנטער גאַס שפּרינגט ער אַראָב פֿון וואָגען מיט אַ לייכֿטען קאָפּ-שווינדלען און לאָזט זיך געהן אַהיים מיט פֿערגליווערטע פֿיס. איצט גלויבט זיך איהם קוים, אַז ער איז אין שטאָדט, אַז ער איז דער אייגענער, וואָס איז געזעסען פֿריהער אין וואָגען צווישען שטילע, מיט טאָג-גע-דעקטע פֿעלדער און זיך צוגעקוקט, ווי אַזוי אין אַלע פֿיר זייטען לאָזט זיך אַראָב דער הימעל אויף דער ערד, פּונקט ווי ער וואָלט זי געוואָלט אַרוגטערהויבען פֿון אונטען. און משה׳-לען דאַכֿט זיך, אַז ער געהט איצט פֿון אַזאַ אָרט, וואו קיין איין מענש איז נאָך נישט געווען און אַז געזעהן האָט ער עפּיס אַזוינס, וואָס קיין איין מענשליך אויג האָט עס נאָך נישט געזעהן. און דאָס ווייזט איהם אויס, ווי זעהר אַנ׳אינטימער סוד, וועלכֿען מען קאָן קיינמאָל קיינעם נישט דערצעהלען, ווייל קיינער וועט עס קיינמאָל נישט פֿערשטעהן און נישט מיטפֿיהלען. ער מאַכט שנעלע האָפּערדיגע טריט, ווי אַ מענש, וואָס געהט פֿון אַ שענער גרויסער אַרבייט, און פֿאַר די אויגען דרעהען זיך איהם פֿאַרביגע שמעטערלינגען, לייכֿט-שווימענדיגע שוועלבעלעך, גאָלדענע ביהנען, שניי-ווייסע וואָלקענדלעך, בלויע טייכֿעלעך, גרינע לאָנקעס און הויכֿע יעל-בוימער, וואָס זענען עהנליך צו פּוילישע גלחים. זיי אַלע דרעהען זיך, פֿאַלען, הויבען זיך, פֿלאַטערן און ווערען מיט אַמאָל פֿערשוואונדען, ווען ער קומט-אַרויף אויפ׳ן הויף און דערזעהט די קליינינשקע פֿענסטערלעך, וואָס שטעהען אינ׳ם געלען שיין פֿון לאָמפּ. עס נעהמט איהם קלאַפּען דאָס האַרץ, ווי ביי אַ חיה׳לע, וואָס דערזעהט פֿון דאָסניי די נאָרע, וואו עס איז געבוירען געוואָרען, און עטוואָס נישט-זיכֿער עפֿענט ער די טיר.

אין שטוב בעגעגענט איהם די מאַמע מיט שמחה, דער טאַטע מיט אַ שמייכֿעל און דער עלטערער ברודער מיט איראָניע אָבער משה׳לע איז שוין גליקליך. מיט עפּיס אַ גאווה׳דיגער הנאה־

קוקט ער אויפ'ן הייליגען וועג-שטויב, וואָס ליגט א'הם אויפ'ן אַקסעל, ווי אַנ'עדות פון דעם, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, און ווי אַנ'אַלטער מאַן, וואָס ווייס דעם טיפען סוד פון לעבען, בעוועגט ער זיך צווישען די שטובּיגע, ווי צווישען קינדער. אין זיין קוק צו זיי ליגט אַ ווייכע אונשולדיגע פעראַכטונג.

—נו, משה'ל'ע, ווי איז דיר געגאַנגען ?—קלינגט איהם האַרציג דער מאַמעס קול,—האָט מען דיך עפּיס גוט אויפגענומען ?..

—גוט, זעהר גוט...—שטאַמעלט ער און שמייכעלט מיט אַנ'אונבעהאָלפענעם שמייכעל, וואָס קומט פון גוטסקייט און מחילה צו אַלץ און צו אַלעם.

—און די מאַמע וואָס מאַכט ?—פאַלט פאָרזיכטיג דעם טאַטענס אַ פראַגע.

אין משה'לעס זכרון בעווייזט זיך די באָבע, ווי אַ קליינטשיק שוואַרץ פינטעלע, איינגעפּאַסט אין אַ העל פייערל. פון דעמדאָזיגען פינטעלע צוגיסט זיך אַ זיסע וואַרימקייט אין אַלע גלידער, און משה'לע ענטפערט, נישט-טראַכטענדיג און נישט-פיהלענדיג די ווערטער אויף דער צונג:

—די באָבע איז אַזאַ גוטע... איך האָב זי אַזוי ליב...

דער טאַטע צולאַכט זיך. די מאַמע לאָזט-אַראָב די אויגען, ווי אַ שנור, וואָס הערט אַ גוט וואָרט וועגען אַ שוויגער און דער ברודער גיט אַ מאַך מיט דער האַנד און געהט-אַוועק.

צום פינטעלע, וואָס איז איינגעפּאַסט אין אַ פייערל, קומט צו נאָך אַ פינטעלע—דער פעטער און נאָך אַ פינטעלע—רבקה'לע און נאָך אַ פינטעלע—פויגעלע. זיי פערהאַלטען זיך נישט לאַנג אין דמיון און פליהען-אַוועק, ווי פערטריבענע פליגעלעך, אָבער מעכטיג און פעסט-שטעהענדיג בעווייזט זיך טעמעלע, און אַ זיס-זינדיגער שוידער לויפט איהם אַ דורך פון די האָרוואורצלען פון קאָפּ ביז די נעגעל פון די פיס. ער מאַכט עטוואָס צו די אויגען און שפירט זיך אינ'ם שוידער, ווי אַ שוואַך שטרויעלע אין אַ צאַפּעלדיגען קאַלטען וואַסער. אַ ווײלע דאַכט

זיך איהם, אַז די פיס ברעכֿען זיך איהם אונטער. אָבער דער־דאָזיגער צושטאַנד דויערט נישט לאַנג. באַלד שמייכֿעלט ער ווידער מיט אַן׳אונבעהאָלפענעם גוטען שמייכֿעל און קוקט אויף דעם טאַטען און דער מאַמען מיט אַ טיפער, אונבעוואוסטזיניגער דאַנקבאַרקייט דערפאַר, וואָס זיי האָבען איהם געהאַט. ענטפערן אָבער אויף זייערע פראַגען ווייזט איהם אויס משנה און ווילד, ווייל אַזוט נסיעה לאָזט זיך נישט איבערגעבען מיט ווערטער. מיט זיין יונגען הערצעל פערשטעהט ער, אַז מען קאָן נישט זאָגען אויף אַ וואַלד, אַז ער איז שען און אויף אַ זומערנאַכֿט אין פעלד—אַז זי איז שען. אפילו אויף אַ געוועהנליך גרעזעל קאָן מען נישט זאָגען, אַז עס איז שען. מיט דידאָזיגע ווערטער ווערט געלעסטערט די שענקייט און דער איינדרוק ווערט קאַליע. בלויז דער טאַטע ווייס וואָס צו פרעגען:

—האָסטו געזעהן אַ סך וואַלד, משה׳לע?

משה׳לע פאַלט־אַריין מיט די אויגען אין דעם טאַטענס אויגען אוןביידע פערשטעהען זיך וואונדערליך טיף. אויף אַ מינוט וויקעלט זיי אַרום אַ ריידענדיגע שטילקייט און משה׳לע וואַרפט־אַראָב פון דער צונג איין וואָרט פון טויזענדער ווער־טער, וואָס ער וואָלט געקאָנט זאָגען:

—אַ סך...

—און ביינאַכֿט אין וואָגען?

—יאָ...

—ביי דער קרעטשמע זיך אָבגעשטעלט?

—זיך אָבגעשטעלט... הינד און ציגען זענען דאָרט פאַרהאַן...

—און נאָכֿדעם ביים טייכֿעל?

—ביים טייכעל...

—דעם סטאַרשעלער וואַלד געזעהן?

—געזעהן...

אינ׳ם טאַטענס אויגען לייכט־אויף עפיס אַ ווילדע בענק־שאַפט, ווי ביי אַ שכור, בשעת ער רעדט פון נישט־געטרונקע־נער משקה, און עס שפירט זיך, ווי די רעיונות געהען איהם אונטער דעם פערקנייטשטען שטערען, ווי ממשות׳דיגע רעדער.

משה׳לעס אויגען זינקען נאָך טיפער אין זיינע און די ריידענ־דיגע שטילקייט ווערט נאָך גרעסער און שטאַרקער. דעם טאַטענס שווייגען און זיין פערקנייטשטער שטערען שלעפען משהלען אַריין אין אַ תהום פון וואַלד־בילדער און ביידע באָדען זיך אין זיי, ווי שכורים. אָבער די מאַמע, וואָס פערשטעהט זיי איצט, גיט אַ צוק מיט די ליפען און רופט זיך אָן מיט אויפריכ־טיגען עקעל:

—מילא, דאָס איז אַ יונגעל, אָבער ווי אַזוי צוקאָכט זיך עס אַנ׳עלטערער מענש!.. וואַלד און וואַלד און וואַלד... כלעבען, אַ חרפה און אַ בושה צו הערען. שעמען מעגסטו זיך.

דער טאַטע ענטפערט נישט, און פון אַ טונקעלען ווינקעל הוסט זיך אָב אַ ברייט שיטער פנים מיט אַ נאָז, ווי אַנ׳אָפענע טיר.

—פייע,—זאָגט דאָס פנים,—בייזער זיך נישט, גיב בעסער נאָך אַ גלאָז טיי. און דו משה׳לע, מעגסט אָבגעבען זלמנ׳ען אַ גוט־אָווענד.

משה׳לע געהט־צו צו זלמנ׳ען, און די מאַמע ווערט בע־סער. זי דערלאַנגט טיי צום טיש, און די בענקשאַפט, וואָס בעפאַלט דעם טאַטען, ווי עפּיס אַ קלעפּיגע קראַנקהייט, געהט־אַריבער. אַלע זעצען זיך ביים טיש, און, ווי אַ נעבעל צו־שפּרייט זיך אין משה׳לעס מידען בלוט דער איינדרוק פון דער נסיעה. אַלץ חזר׳ט זיך איבער אין זיין זכרון אָהן זיין וויסען, און עמיץ שעפּטשעט איהם אין די נערוועז:

—וועסט נאָך זעהן, משה׳לע, פעלד און וואַלד און הימעל און קרעטשמעס און אַ פריץ מיט אַ מיידעלע... דאָס איז ערשט אַנ׳אָנהויב...

און משה׳לע מאַכט־צו האַלב די אויגען, ווי אַ מענש, וואָס וויל זיך טיפער צוהערען צו די קלאַנגען פון זיין גליק־ליכען סוד, און שמייכעלט און גלויבט. ער רעדט מיט זלמנ׳ען, מיט׳ן טאַטען און דער מאַמען, אָבער ער געהט נישט אַרויס פון זיין סוד און פון די אַלע בילדער, וואָס ער האָט נישט לאַנג געזעהן. זיי אַלע לעבען מיט איהם און פלעטערען זיך

אין זיין נשמה, ווי זייטלעך פון אַ ליכטיגען זיסען בוך.
אין דער אייגענער רגע לויפט אריין שיינדעלע אין אַ בלוי-
סיצען קליידעלע, מיט קורצע אַרבעלעך, בעניי̇הט ביי די ברעגען
מיט ווייסער האַפטונג. און דאָס געשיהט פלוצלונג: פריה-
ער אַ שפרונג, נאָכדעם אַ האַלבדערשראָקענער שמייכעל און
נאָכדעם אַ געשריי:
—משה׳לע ...
און צוויי וואַרימע נאַקעטע הענדטלעך כאַפּען איהם
אַרום ביים האַלז און צוויי ראָזע אויסגעשאָרענע ליפּעלעך
קלעפּען זיך צו צו זיינע.ביידע שעמען זיך נישט און דערי-
בער בעמערקט עס קיינער נישט. זייער קוש איז אַ לאַנגער,
אָבער אַז שיינדעלע נעהמט-צו די הענטלעך, רוקט זיך עטוואָס
אָב און שטעלט-אויס צוויי גליקליכע שטראַהלען-שפּראָציגע אוי-
גען, בעמערקט משה׳לע די ווייסע האַפּטונג אויף איהרע אַר-
בעלעך, די הויכע זאָקען אויף די שלאַנקע פיסלעך מיט׳ן
קורצען קליידעלע, און דאָס ערשטע מאָל זעהט ער, אַז עס
איז פאַרהאַן אַן׳אונטערשייד צווישען אַ גרויסשטעדטישער מיי-
דעל און דעם פּעטערס מיידלעך פונ׳ם קליינעם שטעדטעל.
עס איז פאַרהאַן אַן׳אונטערשייד אינ׳ם געניי̇ה פון די קליידער
און אין דער האַלטונג, אפילו אינ׳ם שמייכעל און וואָרט. און
דעראָזיגער אונטערשייד פרעהט איהם און מיט׳ן אינסטינקט
פיהלט ער, אַז ער וועט איהם זיין אַ שוץ געגען דער פיינ-
ליכער בעקשאַפט נאָך טעמעלע׳ן. איצט וועט שיינדעלע מנצח-
זיין און ער וועט צוריק ווערען אַ ריין און אויסגעלייטערט
יונגעל. טעמעלע וועט אַרויס פון געדעכעניש, ווי אַ שווערע
זינד, וואָס וועט זיך מעהר נישט איבער׳חזר׳ן. דאָס האַרץ
ווערט איהם פערלאָפען מיט שמחה, פונקט ווי ער וואָלט קלוג
אויסגענאַרט דעם יצר-הרע, און לייכט, נישט-געצוואונגען, קעהרט
ער זיך אָב פון אַלעמען, וואָס זיצען מיט איהם ביים טיש
און פערשמועסט זיך מיט שיינדעלע׳ן. דאָס, וואָס זלמן רעדט
צו איהם, הערט ער נישט און דער מאַמעס אַ פראַגע פאַלט
איהם גאָרנישט אַריין אין אויער. און שיינדעלע האַלט זיך נע-

בען איהם פריי, ווי אַ יונגעל, כאַפּט איהם פאַר די הענד, שלעפּט איהם נאָך זיך, שאָקעלט איהם ביים אַקסעל, און עס איז, קענטיג, אַז יעדע בעוועגונג איז איהר וועניג אויסצודריקען די שמחה, וואָס שלאָגט אין איהר. פּלוצלונג אָבער פערוויטעלט זי זיך, האַלט זיך אָב, ווערט עפּיס אָבהענטיג און פרעגט שטיל און פאַרזיכטיג, נישט מיט איהר קול, נאָר מיט אַ דינעם אונבעקאַנטען קול, וואָס וואַקסט אין איהר פערבאָרגען צוזאַמען מיט'ן פרויענבלוט:

—זאָג, משה'לע, האָסט געבענקט נאָך מיר?

משה'לע ווייס נישט וואָס צו ענטפערן. אָבער ער וויל ראַטעווען זיין ריינקייט, פערקניפּען שטאַרקער די פעדעם, וואָס פערבינדען איהם מיט שיינדעלע'ן, און ער בעשליסט זיך אויף אַ ליגען:

—געבענקט, שיינדעלע, זעהר געבענקט...

שיינדעלעס אויגען בעקומען אַ פייכטען גלאַנץ און זי פערלירט באַלד די פרעהליכקייט. זיינע ווערטער שוואַכען זי אָב, ווי אַ הייסער שטראַהל אַ קליין גרעזעלע. די אויגען לאָזט זי אַראָב, דעם קאָפּ און די הענד לאָזט זי אַראָב און עהנליך ווערט זי צו אַ ווייס טייבעלע, וואָס גיט זיך אונטער דעם שוחט'ס חלף. שטיל, ווי צו דער פּאָדלאָגע, שעפּטשעט זי:

—האָסטו געבענקט, האַ?

—שטאַרק געבענקט...

—און וועסט שוין נישט אַוועקפאָהרען?

—חלילה...—און אין זיין קול גנב'עט זיך נישט-ווילענדיג אַריין אַ טאָן פון גדלות:

—און מיר וועלען ווידער שפּאַצירען?

—מסתמא...

—און ביכלעך וועסטו מיר לייענען?

—אַודאי. פאַרהאַן נייע ביכלעך.

—און אויף שוועלבעלעך וועלן מיר קוקען?

—און אויף שוועלבעלעך...

—און בלימעלעך וועלען מיר רייסען ביים טייך?
—און בלימעלעך...
—און נאָכדעם וואָס וועט זיין?
—וואָס הייסט?
—נאָכדעם וועלען מיר אויסוואַקסען, משה׳לע?
—אויסוואַקסען, שיינדעלע...
—וועלען מיר ווערען גרויסע און חתונה-האָבען?
—דו ווילסט?
—איך וויל...
—וועלען מיר וואוינען אין אַ קליין שטיבעלע...
—אָבער איך וועל טראָגען אַ לאַנג קלייד מיט אַ בראָס-לעט אויף דער האַנד...

שיינדעלעס מוח׳ל פערצוקט דאָרשטיג, ווי אַ רויב-חיה׳לע די אַלע זיסע ווערטער און אַ ווײַלע שטעהט זי אַזוי ווי צומישט.

—משה׳לע!—שעפטשעט זי מיט אַ ציטער אין אַלע גלי-דער.

—וואָס?
—זאָג, אַזוי וועט עס טאַקי זיין?
—אַוודאי, שיינדעלע, דאָס איז דאָך מן השמים...

איצט בעפאַלט זי שוין די פריהערדיגע שמחה. כאַפּט זי איהם אָן ביי דער האַנד און לויפט מיט איהם אַרויס אין דרויסען. אַ בלינדער הימעל אָטעמט וואַרים אויף דער ערד און ווי שוואַרצע מידע חיות טוליען זיך די הייזער אונטער איהם. דער גרויסער בעקאַנטער הויף איז שטיל, און אין דער שטיל-קייט קלינגט-אָב, ווי אַ קראַנקער ווידערקול דאָס נאַכט-לעבען פון דער גרויסער שטאָדט. משה׳לע הערט זיך צו צו די קלאַנ-גען, וואָס זענען איהם איצט פרעמד, און קוקט זיך צו צו שיינ-דעלעס געזיכט, וואָס שיילט זיך בלאַס אין דער וואַרימער שוואַרצקייט. דאָס געזיכט שווימט-צו נעהנטער און נעהנטער און קלעבט זיך צו מיט די ליפען צו זיינע, אָבער ער פיהלט זיך אַזוי מיד, אַז ער מאַכט אַ טריט צוריק, פונקט ווי עמיץ וואָלט

איהם אָבגעשטויסען. נעהמט ער זי אָן ביי דער האַנד און פיהרט זי לאַנגזאַם איבער׳ן הויף און זי אָטעמט איהם שטיל אַרום באַק און איהר שוויגען בעהעפט זיך מיט זיין שוויגען און איהרע טריט בעהעפטען זיך מיט זיינע טריט און דער הימעל פערדעקט זיי און די נאַכט פערהילט זיי און די ערד פערבע-האַלט דעם שאָרך פון זייער בעוועגונג און זיי גייען אַהין-און-צוריק, אַהין-און-צוריק נעבען דעם גרויען פּאַרקאַן, נע-בען די שוואַרצע הייזלעך מיט די געלע פייערלעך, ווי קע-צישע אויגען, און זיי שפּרייזן-איבער די געלע קעסטעלעך ליכט, וואָס ציטערן אונטער די פענסטער, ווי וואַסערלעך, און זוכען טיף מיט די אויגען אינ׳ם בלינדען הימעל און זוכען די אייגענע שטילע נשמה אין איינאַנדער. אָבער משה׳-לע פערלירט די כוחות. די מידקייט שלאָגט איהם אין שאַר-בען, ווי מיט אַ האַמער׳ל. שטעלט ער זיך אָב ביי איהר טיר און שעפּטשעט מיט אַ פערשמאַכטען אָטעם:

—אַ גוטע נאַכט, שיינדעלע... שיינדעלע... גריס דיין מאַ-מען. מאָרגען וועל איך קומען צו אייך. אַ גוטע נאַכט, שיינ-דעלע...

שיינדעלע וויל זיך אָבער נישט אָבשיילען פון איהם. נעהמט זי אַרויס איהר האַנד פון זיינער, פּונקט ווי מען רייסט-אָב איבערגעוואַלד אַ שטיק אייגען לייב, שפּרינגט-אַריין אינ׳ם קליינעם פינסטערן פּאָרהויזל, ווי אין אַ שוואַרצען הייל, און משה׳לע געהט-אַריין, אַ מידער, ווי אָהן אַ נשמה, אין שטוב. זיין שטענדיגער געלעגער איז שוין פאַרטיג, און זלמן שטעהט אַ געבויגענער, מיט׳ן גראָבען שטעקען אין האַנד און מיט דער לולקע אין מויל. מיט שווערע טריט און מיט אַ גרויסען אומ-געלומפּערטען שאָטען אויף דער וואַנד געהט ער צו צו משה׳-לען, גיט איהם אַ קניפּ אין בעקעל און סוד׳עט איהם אָן אויפ׳ן אויער מיט אַנ׳אָטעם פון אַנ׳אַלטער יודינע:

—פאַרהאַן אַ מעשה׳לע... אַ ניי מעשה׳לע...

אָבער משה׳לע ענטפערט איהם נישט. העגדום-פּענדום טוט ער זיך אויס און כאַפּט זיך אַרויף אויפ׳ן געלעגער, און

אַז ער לעגט-אַוועק דעם קאָפּ אויפ'ן קישען און מאַכט-צו די אויגען, בעהמט זיך דרעהען די ערד און קושע מיט'ן וואָגען און דער וואַלד און די קרעטשמע און די טייכעלעך און דער פּריץ מיט'ן מיידעלע, און ער שלאָפט תיכף איין מיט אַ שווערען האַרטען שלאָף. באַלד אָבער רייסט זיך איבער דער שלאָף, ווי פון עפּיס אַנ'אינערליכען שטויס און פּיינליך בעזעצט זיך אין איהם טעמעלע, יענע טעמעלע, וואָס די לופט אַרום איהר איז אַ קלעפּיגע, אַ יצר-הרע'דיגע, וואָס די שלאַנקע פּיסלעך איהרע זענען ציהענדיגע און פערפיהרערישע—און ער דערפיהלט פּלוצלונג הייסע טרערען אויף די אויגען. איינשלאָפען קאָן ער שוין ניט.

אַ נאַכט.

פֿערצעהנטעס קאַפּיטעל.

ווי אַ גאָלדענער זינג־פֿויגעל איז אַ דורכגעפֿלויגען דער זומער; נאָך איהם איז לאַנגזאַם דורכגעגאַנגען דער הערבסט, ווי אַ בעטלער מיט פֿערטרעהרטע אויגען און מיט אַ גרויען צו־ריסענעם בגד אויף זיך; און נאָכן בעטלער איז געקומען אַ צילבטיגער ווייסער זיידע און האָט זיך רוהיג אַוועקגעזעצט אונ־טער'ן פֿענסטער אויף לאַנגע, לאַנגע חדשים.

דערנאָך איז אַוועק דער זיידע און ווידער איז געקומען דער גאָלדענער פֿויגעל. ערד און הימעל האָבען זיך צוזאַמענ־געגאָסען אין בלענדענדיגען ליכט און שרייענדיגע פֿאַרבען, און אין דער דושנער פֿערשמאַכטער שטאָדט האָט זיך געשפּירט, אַז ערגעץ וואַקסען זעפֿטיג די פֿעלדער און פֿרישע ווינדטעלעך ציהען די זאַנגען פֿאַר די קעפּלעך. משה'לעס טאַטע דערשפּירט עס אַלעמאָל דער ערשטער, און אָט געהט ווידער משה'לע מיט'ן טאַטען אין וואַלד און נאָכדעם מיט שיינדעלע'ן אין לודאַמענט און טרינקט הימעל, זון און ליכט. טעמעלע'ן האָט ער שוין לאַנג פֿערגעסען, ווי אַ געזונדטער מענש פֿערגעסט אַנ־

אַמאָליגע שווערע מחלה, דאָך אָבער איז ער עפּטער אומרוהיג און צוטראָגען. פאַרהאַן מינוטען, ווען ער ווייס נישט, וואָס ער וויל, ווען ער קוקט אַזוי ווי מיט גלעזערנע אויגען אַרום זיך, און ער קאָן בשום אופן נישט בעשטימען, וואָס וואָלט איהם אין דערדאָזיגער מינוט געקאָנט בעפרידיגען. עס ציהט צו אַלץ און עס ציהט צו גאָרנישט. אַלץ געפעלט און אַלץ געפעלט נישט. אומבעקאַנטע קאַפּריזען וואַקסען אין דער נשמה, ווי גיפטיגע גראָזען, אָבער צוויי כוחות ראַטעווען איהם שטענדיג אַרויס: דאָס איז גאָט און שיינדעלע.

מיט גאָט פיהלט ער זיך שטאַרק אין פערקעהר, כמעט ווי מיט אַ לעבעדיגען מענשען. דריי מאָל אַ טאָג רעדט ער מיט איהם, אָבער מעהר טראַכט ער פון איהם. און ביסלעכווייז געוועהנט ער זיך אָב פון געדאַנק, אַז גאָט זיצט ערגעץ ווייט און הויך אויפ'ן הימעל. ניין, גאָט וואוינט דערביי אויף דער ערד, נעבען איהם, נישט ווייט. אָט איז גאָט, מען בעדאַרף נאָר צוגעהן אָדער צופאַלען צו איהם. טיילמאָל שפירט ער דייטליך זיין געהיימען אָטעם איבער זיך. מען בעדאַרף זיך נאָר נישט שרעקען און אויפהויבען די אויגען, וועט מען איהם דערזעהן. בעזונדערס קאָן עס געלינגען אינדערפינסטער. פאַרנאַכט, ווען בלויע רויפעלעך טאַנצען פאַר די אויגען און אין די אויערן קלינגט עפּיס אַ ווייטער היילינגער יום-כפור-נגון. דעמאָלט קאָן מען זעהן גאָט. אָבער מען בעדאַרף זיין ריין בעת-מעשה, איינגאַנצען ריין, ווי אַ ווייס מאַי-וואָלקענדעל נאָך אַ רעגען. אין אַזאַ מאָמענט פיהלט ער, אַז ער וועט קיינמאָל נישט זיין קיין פערברעכער און קיין שלעכטער מענש און קיין ליגנער און אַז ער טראָגט ביי זיך אין האַרצען אַ פּייערל, אַ בעזונדער פּייערל פון גאָט און אַז דאָסדאָזיגע פּייערל וועט איהם זיכער שטענדיג שיצען, ווי אַ פאַנצער און פיהרען אויף דעם אמת'ען וועג.

און דער גוטער גאָט, וואָס וואוינט נישט אויפ'ן הימעל, נאָר אויף דער ערד, דערביי, נישט ווייט, און וואָס אָטעמט איבער איהם, ווי אַנ'אָדלער איבער זיין עופ'עלע, האָט

עס איהם געשענקט שיינרעלע'ן מיט די ברוינע אויגעלעך און פרישע אויסגעשאָרענע ליפּעלעך. ער האָט זי נאָר איהם געשענקט, וואָרום קיינער פון זיינע חברים האָט נישט קיין שיינדעלעך און ווייס נישט דעם טעם פון אַזאַ ליבען שוועסטערל, וואָס אַז מען קוקט אויף איהר, ווערט וואַרים אין די פינגער פון די הענד, און עס ווילט זיך לאַכען. און אַ מאָדנע זאַך: אין זיין דמיון איז גאָט מיט שיינדעלע'ן צונויפגעגאָסען אינאיינעם, ווי צוויי פייערן. עס ווילט זיך ביידען ליב האָבען אויף איין שטייגער, מיט איין-און-דעמזעלבען ברען, הגם טיף ביי זיך אין האַרצען שפּירט ער אונבעוואוסטזיניג, אַז די ביידע שטימען זיך נישט, אַז זיי באַדאַרפען זיין בעזונדער און אָבגעטיילט, ווייל איין ליבע קאָן פערברענען די צווייטע.

און אָט די אונבעוואוסטזיניגע שפּירונג, אַז זיי באַדאַרפען זיין בעזונדער און אָבגעטיילט און אַז מען קאָן זיי ביידען גלייך נישט ליבען, פערשטאַרקט זיך אין איהם ערשט שפּעטער, אין איינער אַ שוואַרצער רעגענדיגער נאַכט, ערב הושענה-רבה, ביי בעריל קבצן אין שטוב. דידאָזיגע נאַכט האָט ער אַ צייט לאַנג נישט געקאָנט פערגעסען, און אַ צייט לאַנג איז זי איהם געלעגען אויפ'ן האַרץ, ווי אַ לאַסט. אויסערליך איז דאָס געווען אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך.

בעריל קבצן, וואָס איז געווען אַזוי אָרים, אַז אַפילו דאָס געלע בערדעל האָט זיך געפוילט צו וואַקסען אויף זיינע איינגעפאַלענע באַקען, האָט געהאַט איין גליקליכען טאָג אין יאָר: הושענה-רבה. דעמאָלט האָט ער געפיהרט גרויס מסחר מיט הושענות. אַ גאַנצע עדה יודען האָט זיך גענויטיגט אין איהם. אַלט און יונג האָט זיך געדרעהט אַרום איהם. דער גרעסטער פאַבריקאַנט האָט נישט איבערגעלעבט אַזאַ קאָכיגע מסחר-לופט, און בערילס קליינע לא-יוצלח'דיגע האָהריגע הענדטלעך פלעגען פרעהליך און געשווינד אויפכאַפּען די קופּערנע מטבעות ביי די קונים. אָבער ווי אַלע גרויסע געשעפטס-לייט, האָט בעריל בעדאַרפט האָבען מענשען, און אָט פלעגט משה'לע מיט שיינדעלע'ן געהן אַלע יאָהר איהם העלפען צונויפבינדען אין פעק-

לעך די שמעקעדיגע פּאָלירטע ריטלעך מיט די לאַנגע האַרט־
ליכע בלעטעלעך. ביידע קינדער פלעגען אַרבייטען אָהן גע־
צאָהלט בלויז לשם מצוה און די אַרבייט פלעגט געהן ביינאַכט.
אָבער די אַרבייט איז געווען אַ זיסע און אַ מחיה׳דיגע, און אַז
זיי פלעגען זי ענדיגען און געהן אַהיים, פלעגען זיי פיהלען
דעם רייץ און די שטילע צופרידענקייט פון אַ מצוה.

אַ יאָהר דרעהט זיך איבער, ווי אַ גרויסע ראָד מיט פיר
פאַרבען: ווינטער, פריהלינג, זומער און הערבסט, און אָט
שטעהט ווידער משה׳לע מיט שיינדעלע׳ן ביי בעריל קבצן אין
שטוב און ביידע בינדען די שמעקעדיגע פּאָלירטע ריטלעך. אַ
געלער שיין טריפט פון׳ם קליינעם לעמפּעל, וואָס הענגט אונ־
טער דעם נידעריגען באַלקען און געלע פלעקען ציטערן אויף
די קליינע הילצערנע שאָטענדיגע וואַנד. אויף דער פייכטער
פּאָדלאָגע ליגען בערגלעך פרישע הושענות, וואָס דערמאָהנען
אָן פרייע פעלדער, אָן זון און אָן שוועלבעלעך, און עס שמעקט
מיט זומער־ווינד. אַ מאָדנע זאַך: דאָס שטיבעלע איז קליין און
אָרים, אין אַ ווינקעל ליגט אַ יעהריג קינד און זויגט דעם פינ־
גער; אין אַ צווייטען ווינקעל ליגט חנה־זיסל, בערילס ווייב,
און אירע קראַנקע לונגען ראַנגלען זיך מיט דער רויהער לופט פון
הערבסט, דערביי פערגעסט זי אָבער נישט צו קינדלען; גרויע
שאָטענס הענגען אויף די וואַנד און טרינקען דעם מאָגערן שיין
פון לעמפּעל און צו די שויבען פון די פענסטער איז צוגע־
קלעפּט אַ שוואַרצע גאַכט מיט אַ דראָבנעם, שטיל־פויקענדיגען
רעגענדל—און דאָך איז עפּיס ליב און היימליך אינ׳ם שטיבע־
לע, ליבער, זיסער און היימליכער, ווי אין דעם שענסטען פּאַ־
לאַץ אין דער וועלט. אָבער פון וואַנען נעהמט זיך דידאָזיגע
היימליכקייט? נישט פון בעריל קבצן און נישט פון די גרויע
ווענדטלעך און אַפילו נישט פון די הושענות. מעגליך, אַז פון
שיינדעלע׳ן, וואָס איז היי־יאָהר שענער, ווי פאַריאָהרען און
פאַריאָהרען שענער, ווי פאַר צוויי יאָהרען. זי וואַקסט, שיינדעלע,
און מיט יעדען טאָג קריגט זי מעהר מיידעלשע פאַרבען אין
די בעקלעך און מיידעלשע פייערלעך אין די אויגען. פון איהר

געהט-אויף אַ פערבאָרגענער שיין און בעהעפט זיך מיט'ן ריח פון די הושענות. די אַרבייט שפּילט ביי איהר אין די הענד און דער זאַפט פון די פרישע ריטלעך לעגט זיך מיט אַ גלאַנץ אויף איהרע דינע פינגערלעך. משה'לע קאָן איהר בשום-אופן נישט נאָכיאָגען אין דער אַרבייט. ער מאַכט צוויי בינטלעך, זי — פינף, זעקס און מעהר. און אַז זי לעגט-אַוועק אַ פאַרטיג בינ־טעל, לאַכט זי, און פון איהרע אויגען שלאָגט אַ פייערל שטאַר־קער און העלער, ווי פון לאָמפּ.

אינמיטען שטוב שטעהט בעריל קבצן און בעטראַכט זיין עשירות. פון זיין פּאָזע איז קענטיג, אַז ער וואָלט זיך וועלען בעריהמען פאַר עמיצען — פאַר דער וויב, פאַר אַ שכן, צי סתם פאַר אַ מענשען. דאָס הושענות-געשעפט ליגט נישט ביי איהם אַליין אין די הענד. פאַרהאַן נאָך יודען, וואָס האַנדלען דער־מיט, אָבער קיין איינער פון זיי האָט נישט אַוועקגעשטעלט דאָסדאָזיגע געשעפט אויף אַזוינע ברייטע יסודות, ווי ער. ער פערקויפט נישט בלויז אין איינצעל, נאָר אויך אין הורט. מען קומט צו איהם פון די סאַמע פערוואָרפענסטע געסלעך, און דער פּרייז פון אַ פעקעל הושענות איז אייגענטליך אָבגעהאַנגען פון איהם. אָבער עס איז נישטאָ מיט וועמען צו ריידען, נישטאָ ווער עס זאָל איהם אויסהערען, שטעהט ער מיט די הענד אין די הויזענקעשענעס, דעם קאָפּ פערוואָרפען אַהינטער, ווי אַ מענש, וואָס פיהרט גרויסע און רעיעלע געשעפטען, אָבער קיי־נער פערשטעהט איהם נישט.

— קינדער, — זאָגט ער מיט אַ ווייבערישען קול און אָטעמט זיך אָב, ווי אַ גרויסער פאַבריקאַנט, וואָס איז פערוואָרפען מיט בעשטעלונגען, — היינטיגע הושענות זענען בעסערע, ווי פאַראַיאָה־רען... זיי זענען פעטערע, דיקערע...

און אַז די קינדער שווייגען, וואַרפט ער אַרויס נאָך עטליכע סאָלידע ווערטער:

— פאַרהאַן אַ גערעטעניש אויף קאָרן, פאַרהאַן אַ גערעטע־ניש אויף פירות און פאַרהאַן, ווידער, אַ גערעטעניש אויף

הושענות. הושענות זענען אויך אַ סחורה... אַפילו אַ גרויסע סחורה, מען בעדאַרף אָבער זיין אַ בריה...

די ריטלעך ווערען ווייניגער און ווייניגער. איצט וואַקסען די בינטלעך, וואָס ווערען אויסגעלעגט אין גלייכע קופּקעלעך אויף אַ לאַנגער באַנק. ווייל ווייזלעגען-אַוועק שיינדעלעס פינגערלעך נייע פאַרטיגע בינטלעך הושענות מיט אַ שטילען שאָרך, פּונקט ווי יעדעס בינטעל וואָלט איהר ביים שיידען זיך איינגערוימט עפּיס אַ סוד.

די שוואַרצע נאַכט מיט'ן דראָבנעם רעגענדל ווערט בלאַסער און בלאַסער, און אונטער'ן פענסטער שטעהט זי שוין, ווי אַ גרוי פּאַפּיר, וואָס ציהט זיך פון איין עק וועלט ביז'ן צווייטען. שטיל און לאַנגזאַם ווערט געלעכערט דאָסדאָזיגע גרויע פּאַפּיר און דורך די לעכלעך גיסט זיך פּאַוואָליע דאָס ערשטע ליכט פון טאָג. בעריל קבצן רוקט זיך אַרויס פון שטוב, דאָס יעהריגע קינד הערט-אויף צו זויגען דעם פינגער און צעווייינט זיך אין ווינקעל מיט יענעם מין וויינען, וואָס פאָדערט נישט קיין הילף און וואָס קיינער קוקט זיך נישט אום דערויף, און חנה-זיסל נעהמט ריידען פון שלאָף. שיינדעלעס פינגערלעך פערצוקען דאָס לעצטע ביסעל הושענות און אָט ווערט עס געשיקט אויסגעבונדען אין געמאָסטענע פעקלעך. אינ'ם רעגענדיגע בעגינען, וואָס פיהרט דורך די נאַסע שויבען אַ קאַמף מיט די גרויע נאַכט-שאָטענס פונ'ם הייזעל, פאַלט שיינדעלעס אַ בליק אויף משה'לען און משה'לע, ווידער, נעהמט קוקען נישט זיכער אויף שיינדעלע'ן. נאָך אַ נאַכט אַרבייט, נאָך אַ נאַכט שטעהן אויף די פיס, ווערען ביידע אָבגעשוואַכט און אין דערדאָזיגער אָבגעשוואַכטקייט ציהט זיי צו אייננאַנדער. עס ציהט אָהן געדאַנקען, אָהן אַ רעכענונג, נאָר בלויז מיט'ן אינסטינקט. פון שיינדעלע'ן שלאָגט עפּיס אַנ'אונבעקאַנטער וואַרימער ריח, וואָס מען שפּירט פון גרויסע דערוואַקסענע מיידלעך, בשעת זיי טוען זיך אויס. און, אַ פער'שכור'טער, כאַפּט זי משה'לע אַרום און פערגראָבט זיך מיט די ליפּען אין איהר האַלז. וואָס איז איהם עטוואָס געזאָלצען-זיס אויף דער צונג. ער פערקוועטשט די אויגען און

זינקט טיפער אין איר האַלז, ווי אין אַ שוואַרצען דושנעם תהום, אָבער פלוצלונג קומט ער צו זיך, רייסט זיך אָב און די פּאַקען בעגיסען זיך איהם מיט אַ גלוטיגער בושה-רויטקייט. אַ דערשלאָגענער, דרעהט ער זיך אויס צום פענסטער, וואָס איז פערהאָנגען מיט אַ רעגענדיגער בעגינען-בלינדקייט. שיינ-דעלע אָטעמט זיך אָב און נעהמט איהם אָן פון הינטען ביי דער האַנד.

—משה'לע...—קלינגט איהר קול ווייך, קלוג און אָהן בושה.—מיר קאָנען שוין געהן אַהיים... דרויסען איז דאָך שוין טאָג.

—טאָג... טאָג...—מורמעלט משה'לע, ווי עמיץ וואָלט איהם געוואָרגען.

ער האָט מורא זיך צו ריהרען פון אָרט. איהם דאַכט זיך, אַז הינטער זיין פלייצע קוקען אויף איהם הונדערטער פיינדליכע אויגען, וואָס ווילען איהם דורכשטעכען, ווי הייסע פיילן, אַז די ווענט רוקן זיך צוזאַמען און אַז דער באַלקען פאַלט איהם אַרויף אויפ'ן קאָפּ. ביז בלוט בייסט ער איין די אונטערשטע ליפּ, פערקנייטשט דעם שטערן, ווי אַ זקן און הערט זיך צו צום האַרץ, וואָס קלאַפּט זיגזאַגיש און איילִיג, פּונקט ווי דאָרט וואָלטען זיך געראַנגעלט דריי קראַנקע הערצער. אָבער וואָס איז געשעהן? שיינדעלע'ן האָט ער טויזענדער מאָל געקושט און זיך קיינמאָל נישט געשעמט און נישט געפּייניגט. זיי האָבען אַפילו דעם קוש קיינמאָל נישט באַמערקט. אַפנים, אַז דער היינטיגער קוש איז אַנ'אַנדערער: ער האָט באַשאָטען דעם רוקען מיט קאַלטע שטעכיגע שפּיזעלעך און די אויגען האָבען זיך געטרונקען אין אַ טאַנצענדיגען פייער, די הענד האָבען פאַרלאָרען די מאַכט איבער זיך, די גוף האָט זיך אויס-געבויגען, דער האַלז אויסגעצויגען, און געדאַכט האָט זיך, אַז ער גליטשט זיך אויס בעפעהרליך, ברעכענדיג האַלז און נאַקען. אָבער עפּיס אַ זיסע פיינליכקייט פילט-זיך בעת-מעשה יעדעס טראָפּעלע בלוט. נישט-ווילענדיג פאַלט איהם אַריין אין זכרון טעמעלע, יענע טעמעלע, וואָס איז געזעסען מיט איהם נעבען

בית-עלמן, אונטער די שטילע נאַכט-בעראָזעס און זיין אינערליכע צוטרויסלונג ווערט נאָך גרעסער. ער האָט מורא צו מאַכען אַ בעוועגונג. ער האָט מורא זיך צו טרעפען מיט שיינדעלעס אויגען. ער האָט איצט פיינט שיינדעלע׳ן מיט אַלע זיינע צוטרויסעלטע חושים. ער האָט זי פיינט פאַר איר רוהיג אָטעמען, פאַר איהר גוטמוטיגקייט און פאַר׳ן ריח, וואָס שלאָגט פון איהר. וואָס האָט זי צו איהם? וואָס שטעהט זי הינטער זיין פלייצע און געהט נישט אַוועק?

אין שטוב פאַלט-אַריין בעריל קבצן מיט צוריסענע קווי־טשיגע שטיוועל פון נאַסקייט. זיינע בעוועגונגען זענען אָבער שטרענגע און געשעפטליכע און אויף די מאָגערע אַקסלען שטעהט איהם דער קאָפּ העכער, ווי אַלעמאָל. ער וואַרפט אַנ׳אויג אויף די פעקלעך הושענות און רופט זיך אָן מיט אַ ווייבערשען קול:

—וואָס, שוין געענדיגט, קינדער? נו, קאָנט איהר דאָך געהן אַהיים...

ביידע קינדער גיבען זיך אַ כאַפּ צו די לעצטע עטליכע ריטלעך, אָבער משה׳לען ציטערן די הענד, די באַקען פלאַמען און די אויגען האַלט ער פער׳עקשנ׳ט אַראָבגעלאָזט. די ריטלעך פייפען, ראַנגלען זיך און לאָזן זיך נישט בינדען. דערשטיקען דעם וועהטאָג איז שווערער, ווי דער וועהטאָג גופא, אָבער דערשטיקען איהם מוז מען, ווייל אַ פרעמדער יוד, בעריל קבצן, שטעהט דערביי און ער קאָן נאָך אַראָבלייענען פון משה׳לעס אויגען, וואָס דאָ איז געשעהן.

—ביי אונז איז שוין דאָ טיי... די מאַמע איז שוין אַוודאי אויפגעשטאַנען,—שעפטשעט שיינדעלע מיט אַ בעזונדער ווייכקייט,—קום אַהיים...

—איך וועל געהן...—ענטפערט משה׳לע נישט איהר, נאָר זיינע אייגענע אָנגעוועהטאָגטע רעיונות און פערענדיגט אין געדאַנק:—אין גיהנם אַריין.

דרויסען שיילט זיך דער טאָג פון די גרויע נעבלען, וואָס בעדעקען די כטאָדט. אויף די ווענט צושפרייט זיך אַ בלינדע ליכטיגקייט און דאָס פלעמעל אין לאָמפּ ווערט געל,

פונקט, ווי עס וואָלט שוין מעהר נישט געווען קיין פייער, נאָר אַ געוועהנליכער געלבער פלעק פון עפּיס אַ שטאָף. בעריל קבצן בינדט-אַרום זיין שטרויענעם גוף מיט אַ גראָבען שטריק און איז זיך מכין אַרויסצולאָזען זיינע אַרטיקלען אין גאַס, און די קינדער געהען אַהיים שווייגענדיגע און פערטראַכטע. שיינ-דעלע האָט שוין עטליכע מאָל געפּרובט פאַרפיהרען אַ שמועס, אָבער משה'לע לאָזט זיך נישט ריידען און זי פיהלט מיט איהר מיידעלשען הערצעל, אַז ער האָט זי פיינט. פון בעריל קבצנ'ס היי-זעלע געהען זיי דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל שווייגענ-דיגע. נישטאָ מער דאָס אַמאָליגע לאַכען און דאָס האַלטען זיך פאַר די הענד און דאָס געפיהל, אַז מען האָט פערדינט אַ גרוי-סע מצוה און די מידקייט, וואָס צוגיסט גיך אַזוי זיס, נאָך אַ נאַכט נישט שלאָפען, אין די יונגע ביינער. עפּיס האָט זיך גע-שטעלט צווישען זיי אַ דריטער, אַ בייזער, אַ יצר-הרע'דיגער, וואָס האָט משה'לען בעליידיגט מאוס און האַרב. משה'לען— אָבער נישט שיינדעלע'ן. פערקעהרט, שיינדעלע פיהלט זיך זעהר גוט און זי וואָלט אַוודאי גאָרנישט געהאַט דאַגעגען, ווען דאָס אייגענע זאָל זיך איבער'חזר'ן נאָכאַמאָל. וואָס איז אייגענטליך געשעהן, ווייס זי נישט, הגם זי שטויסט זיך אָן, אַז מיט'ן לעצטען קוש איז איבערגעטראָטען געוואָרען אַ גרענעץ, וואו עס הויבען זיך נייע שפּירונגען און נייע איבערלעבונגען. און, אַ געהאָרזאַמע, געהט זי מיט איהם און וואַרפט זיך אונטער זיין שווערען שווייגען פון אַ זקן.

אויף טיי צו שיינדעלע'ן געהט ער שוין נישט. סאַמע ביי איהר טיר מיט'ן קליינינקען פאָרהויז, ווען שיינדעלע איז זי-כער, אַז ער וועט אַריין צו איהר טרינקען טיי, ווי עס איז געווען פאַראַיאָהרען און פאַר צוויי יאָהרען, רייסט ער זיך שנעל אָב. אָהן ווערטער, און געהט-אַהיים. אין שטוב איז טונקעלער, ווי אין דרויסען, און דער טאַטע ליגט אויפ'ן בעטעל, איינגעוויקעלט אין דערדאָזיגער טונקעלקייט און לייכ-צנט אַ ביסעל פאַר אַ בלאַס פייער-שטערענדעל פון לעמפּעל.

 און די ווינקלען טראָגט זיך אַ כראָפּען און אַ שנאָרכען פון די

שלאָפענדיגע, און די פענסטערלעך גלאָצען אין הימעל אַריין,
ווי פערצווייפעלטע אויגען, וואָס שרעקען זיך פאַר'ן געהענדי-
גען טאָג. פון דעם אַלעם ווערט משה'לען נאָך קעלטער אויף
דער נשמה, עפּיס אַ שוואַרצע איינזאַמקייט כאַפּט איהם אַרום
ווי אַ נעבעל, און איהם דאַכט זיך, אַז די פּאָדלאָגע ווערט ווייך
אונטער די פיס און ער זינקט-אַראָב אין אַ קלעפּיגען זומפּ.
מיט פערפרעסטע ליפּען געהט ער צו צו אַ פענסטערל, לעהנט-
אָן דאָס פּנים'ל אויף די הענד און קוקט-אַרויס אויפ'ן הויף.
דער טאָג רייסט זיך פון רעגען און נעבלען, ווי פון שווערע
קייטען און דער מוטנער הימעל איז בעצויגען אַזוי ווי מיט
שוואַרצע פליגעלעך. אויף די נאַסע דעכער און גרויע הייזלעך
לייענט דאָס אויג די נויט פון די-יעניגע, וואָס אָטעמען אין
זיי. דאָ שלאָפט מען מיט שווערע רעיונות וועגען דירה-געלד,
וועגען דעם מאָרגענדיגען טאָג, וועגען חיונה און פלעצליכע שווע-
רע חולאת'ן. משה'לע קוקט אויף דידאָזיגע נאַסע הייזלעך, אָבער
ער זעהט זיי נישט. זיין זעה-נערוו שפּרינגט-אָב פון זיי, ווי פון
שטיין, דרינגט-אַריין אין איהם גופא און טאַפּט-אָן, ווי מיט
אַ'עלעקטרישען שטראָם זיין צוטרויסעלטע נשמה און צורודערט
מוח'ל. דאָרט, אין זיין מוח'ל וויגט זיך איצט אַ שטיקעלע
פּייער, אויסגעגאָסען אין ווערטער:
—פאַרוואָס זענען אַלע יונגלעך בעסער פאַר מיר? פאַר-
וואָס זיינען אַלע יונגלעך בעסער פאַר מיר?

משה'לעס ליידען.

פופצעהנטעס האַפּטער.

משה'לע, דיר איז אומעטיג?
—ניין.
—נאָר וואָס?
—גאָרנישט...

דאָס איז אַ פראַגע, וואָס משה'לע הערט זי עפטער אין שטוב און אויף דער גאַס, פון דער מאַמען און פון די קרובים. אַ צוזייהטער, קוקט ער מיט אויגען אין זיך פערטראַכטע און ער הערט נישט, וואָס מען רעדט צו איהם און זעהט נישט, וואָס ער טוט. און משה'לען איז באמת אומעטיג. דאָס הערצעל צאַפּעלט און פערגעהט אין וועהטאָג און אין בענקעניש, און ער פיהלט זיך, ווי אין אַ מדבר. אַלץ איז גרוי און לאַנג-וויילינג און היינט איז עהנליך צו נעכטען און דער נעכטען— צו אייערנעכטען. דער טאָג קומט נאָך דער נאַכט און די נאַכט נאָכן טאָג. דריי מאָל אַ טאָג עסט מען דאָס אייגענע, וואָס נעכטען און פאַראַיאָרען, און אַלע חודש בעט דער בעל-הבית דירה-געלד. ווי אַ גרויער רויך ציהט זיך דאָס לעבען אוּפ'ן

גרויסען הויף, און אַלץ ווערט דערטרונקען און דערשטיק אין דעמדאָזיגען רויך. נאָר אַז מען הויבט-אויף די אויגען, זעהט מען דעם הימעל, און דער הימעל שמייכעלט שטענ-דיג. אָבער פאַרוואָס זיצט גאָט אויף אַ שמייכלענדיגען הימעל? דאָס איז איצט אייגענטליך זיין סאַמע ברענענדיגסטע פראַגע, אויף וועלכער עס שטיצט זיך זיין אומעט. פאַרוואָס זיצט גאָט אויף אַ שמייכלענדיגען הימעל? גאָט איז אַ טאַטע, נאָר דער טאַטע זיצט אין פאַלאַץ און דעם זוהן האָט ער פערגראָבען אין אַ וויסטען קעלער. דעם זוהן האָט ער פערטריבען, פערשטויסען פון זיך, איבערגעלאָזט איהם אויף הפקר און צער. ער האָט זיך גענומען דעם הימעל און דעם זוהן—די ערד. ער האָט זיך גענומען די זון און די שטערען און דעם זוהן—דעם גרויען רויך, דאָס וויסטע לעבען אויף דער ערד. צי איז גאָט אַ גו-טער טאַטע?

משה'לע האָט אַלעמאָל געהאַט טענות צו גאָט, אָבער ביס-לעכווייז ווערען זיי שאַרפער און שאַרפער. זיי צינדען איהם אָן דאָס בלוט און פערוואַנדלען זיך אין אַ שווערער פראַגע—צי איז גאָט אַגוטער טאַטע? דידאָזיגע פראַגע זעצט זיך ברייט אַנידער אין קאָפּ און עגבערט דעם מח און לאָזט זיך בשום-אופן נישט פערענטפערן. און פון איהר, ווי פון אַ פייכטען וואָרצעל, וואַקסען-אויס נאָך אַ סך אַנדערע פראַגעלעך, שטע-כיגע ווי נאָדלען, און קאַלטע, ווי אייז, וואָס פרעסען דאָס יונגע אונרוהיגע הערצעל. פאַרוואָס ווערען יודן, דאָס איינציגע און דאָס סאַמע ליבסטע פאָלק פון גאָט, געֿרודפ'ט און גע-פייניגט? פאַרוואָס זענען דאָ אָרימע און רייכע? פאַרוואָס בעדאַרף מען צאָהלען דירה-געלד און פאַרוואָס בעדאַרף מען אַרבייטען? פאַרוואָס וויינט די מאַמע און פאַרוואָס האָבען אַלע ליב געלד? פאַרוואָס טאָר דער טאַטע קיין ביכער נישט קויפען און אַנדערע, רייכע, יאָ? פאַרוואָס זענען אין שטאָדט פאַרהאַן שענע רייכע הייזער און פאַרוואָס אָרימע, גרויע און מאוס'ע? און פאַרוואָס זענען דאָ קלוגע גוטע מענשען, וואָס גלויבען נישט אין גאָט? נאַטירליך, זענען דידאָזיגע קלוגע גוטע מענ-

שען פערפיהרט, געהען נישט אויפ׳ן גלייכען וועג און מען טאָר מיט זיי אייגענטליך קיין מגע-ומשא נישט האָבען, אָבער פאַרט וואָס איז זייער טענה, פאַרוואָס גלויבען זיי נישט? צי איז גאָט אַ גוטער, טאַטע? גאָט שווייגט און האָט נאָך קיינמאָל נישט גערעדט מיט משה׳לען. ער האָט אויך נישט גערעדט מיט משה׳לעס טאַטען אָדער מיט משה׳לעס זיידען. ער האָט קיינמאָל נישט גערעדט מיט די אַלע יידן פון הויף און נישט מיט׳ן אַלטען רב פון דער טאָטערשער גאַס. ער האָט אַפילו מיט׳ן ווילנער גאון נישט גערעדט. און וויפיל מאָל האָט איהם משה׳לע געבעטען, ער זאָל איהם זאָגען אַ וואָרט, כאָטש איין וואָרט, כאָטש אַ קלאַנג, כאָטש אַ שאָרך, אַ בעוועגונג, אַז ער הערט איהם, און בעת-מעשה אויסגעשטעלט אויג און אויער. אָבער גאָט האָט נישט געענטפערט און געזעהן האָט ער זיך נישט און עס איז געווען שטיל אַרום משה׳לען, פונקט ווי אַרום אַ יתום אין אַ לעדיגען הויז.

דעמאָלט פלעגט זיך משה׳לען דאַכטען, אַז ער איז נאָך אַלץ זינדיג און דעריבער וויל זיך גאָט נישט ווייזען און נישט ריידען מיט איהם. פלעגט ער נעהמען אויף זיך צו זיין שטום, שטיל און ריין, ווי אַ גרעזעלע אין פעלד, ווי אַ טויעלע פאַרטאָג, אָהן איין עבירה, אָבער דאָס האָט אויך נישט געהאָלפען. גאָט האָט געשוויגען, ווי דער הימעל, ווי די נאַכט, ווי די לופט. טיילמאָל פלעגט משה׳לען פערכאַפּען דער אָטעם פון אינערליכען וועהטאָג און דעמאָלט פלעגט ער געהן צו זלמנ׳ען, דעם איינציגען מענשען, מיט וועלכען ער האָט געקאָנט און געמעגט ריידען פון זיינע אינטימסטע וועהען און איבערלעבונגען.

—ר׳ זלמן,—פלעגט ער שטילערהייט פרעגען מיט אַ פערעקשנ׳טען פנים און מיט ערנסטע פלאַמענדיגע אויגלעך, ווי אַ מענש, וואָס האָט גרויסע אינערליכע יסורים,—פאַרוואָס רעדט עס נישט גאָט מיט קיין מענשען!.. פאַרוואָס שווייגט ער שטענדיג!.. פאַרוואָס זעהט מען איהם נישט... איך וויל איהם זעהן, ר׳ זלמן!..

נאָר ביי זלמנ׳ען איז גאָר נישטאָ וואָס צו פרעגען וועגען דעם. זלמן איז אַליין נישט פרום און ער דאַווענט בלויז דערפאַר, מען זאָל איהם נישט בעריידען. אַפילו אויף אַזאַ הייליגען טאָג, ווי יום-כפור, קוקט ער, ווי אויף אַ שווערער איבעריגער לאַסט. בכלל האָט זלמן פיינט פרומע מענשען און אַ שמועס וועגען גאָט קאָן ער גאָרנישט פערטראָגען. קוקט ער אָן משה׳לען מיט אַ פערקרימט פנים און מיט מוטנע וואַסערלעך, אָנשטאָט אויגען און גיט אַ ברום אונטער דער שטעהענדיגער נאָז, וואָס איז עהנליך צו אַנ׳אָפּענער טיר:

—וואָס קריכסט דיר אַלץ אין זינען גאָט? וואָס דרעהסטו זיך אַ קאָפּ מיט איהם? וואָס, אַ רב ווילסטו זיין? כלעבען, ביזט אַ נאַריש יונגעל...

—אָבער, ר׳ זלמן?..—פערבייסט משה׳לע אַ ליפּ און וויל זיך צעוויינען,—פאַרוואָס שווייגט גאָט? אַ שלעכטער איז ער! ער ענטפערט קיינמאָל נישט!.. מען זעהט איהם נישט!..

און משה׳לע גיט זיך אַ ריס פון אָרט און אַנטלויפט מיט גליהענדיגע בעקלעך אין צווייטען צימערל, פונקט ווי עמיצער וואָלט איהם פון הינטען נאָכגעיאָגט און געשמיסען מיט אַ פייערדיגער רוט.

איצט האָט ער געזאָגט דאָס סאַמע ערגסטע, וואָס קאָן זיך אַרויסרייסען ביי אַ צולאָזען יונגעל אויף דער צונג, ביי אַ יונגעל, וואָס טוט גאָרנישט, וואָס האָט זיך אַריינגעלאָזען אין פוסטע מחשבות און קוקט גאַנצע טעג אויפ׳ן הימעל. ביי אַ מינוט, דאַכט זיך איהם, אַז אָט רוקט זיך צו איהם דער גיהנם מיט די אַלע מחבלים, וואָס לויערן אַזוי אויף אַנ׳אַפּיקורס, אויף אַ רשע, און ער וואַרפט זיך אין בעט אַריין און בעהאַלט די אויגען אין קישען. און איהם איז אַזוי שלעכט, ווי עס איהם נאָך קיינמאָל אַזוי שלעכט נישט געווען. איהם איז אַפילו פיזיש שלעכט. דאָס האַרץ קלאַפּט מיט ווערטאָג, דאָ שנעל, דאָ אָבגעשטאָרבען, דער קאָפּ ברענט, אין די אויגען פינטעלט און עס איז נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען. פון די אַלע בעקאַנטע יונגלעך, וואָס ער האָט, האָט נאָך קיינער אַזוינס נישט

געזאָגט, וואָס ער האָט ערשט געזאָגט פאַר זלמנ׳ען. אַפילו דער ערגסטער יונגעל האָט עס קיינמאָל נישט געזאָגט, און ער איז דאָך פון די בעסערע—פון די בעסטע. צי וועט איהם גאָט מוחל-זיין? צי וועט ער קאָנען ווערען דער אייגענער, וואָס פריהער, אָדער ער איז שוין אויף אייביג אַ פערפאַלענער? איהם דאַכט זיך, אַז ער איז אַנ׳אומריינער, אַ שוואַרצער און אַנ׳עלענדער, אַ פערשטויסענער און אַ פערוואָרלאָזטער, ווי אַ קליין שמוציג חיה׳לע, איינער אַליין אויף אַ גרויטער וועלט מיט אַ גרויסער עבירה אין האַרצען, און ער איז נישט ווערט צו זעהן די זון און דעם ליכטיגען טאָג. ווארום ביידע—די זון און דער ליכטיגער טאָג זענען גאָטס, די גרעסטע סמנים פון זייער בעשעפער, און אַ רשע איז זיי נישט ווערט אָנצוקוקען.

ביז סאַמע פאַרנאַכט ליגט משה׳לע אין בעט. מינוטענווייז איז איהם הייס און מינוטענווייז קאַלט און טיילמאָל דאַכט זיך איהם, אַז עס איז געקומען זיין סוף, אַז זיין לעבען ווערט איבערגעריסען יונג, מאוס און זינדיג. אין די הייסע אויוועגס פון גיהנם וועט זיך אומדרעהען צווישען גרויסע רשעים אַ קליין יונגעלע אַ רשע. און די גיהנם-משחיתים וועלען לאַכען פון איהם. מען וועט איהם פייניגען און ברענען און בראָטען מעהר ווי אַלע רשעים, און ער וועט זיך קיינמאָל, קיינמאָל נישט אויסלייטערן. אַזאַ רשע, ווי ער, ווערט מסתמא געבוירען איין מאָל אין הונדערטער יאָהרען, צו דינען דער וועלט פאַר אַ ביישפיל. פריהער זענען זיי כלומר׳שט גוטע שטילע קינדער, לערנען מיט התמדה און פאָלגען דעם טאַטען און דער מאַמען און אַלע גוטע און פרומע לייט. ביסלעכווייז אָבער פערקלויבט זיך צו זיי אַ וואָרים אין האַרצען און פון דעם גוטען קינד שיילט זיך אויס אַ רשע, וואָס ווערט פערשאָלטען אויף דור-דורות. אַ קאַלטען שווייס בעדעקט איהם דעם שטערן, אַ הויזעריגקייט כאַפּט זיך אַריין אין די פרוזשינעס פון האַרץ, עפטער פערהאַקט זיך דער אָטעם. אָבער אַז מען צינדט-אָן פייער, ווערט איהם לייכטער, און אַז ער געהט-אַראָב פון בעט,

דערשפירט ער זיך פלוצלונג ריין און אויסגעלייטערט, ווי נאָך אַ קראַנקהייט. און מחיה׳דיג־אָנגענעהם ווייזט איהם אויס דער שיין פון לאָמפּ, און ליב איז איצט זלמנ׳ס ברייט ווייבעריש געזיכט אין ווינקעל ביים טיש און זיס איז אַפילו דער קלאַנג פון הערבסט־רעגענדעל, וואָס פאַלט אַזוי ווי פון אַ מאַשין און נישט פון הימעל, איינטעניג, געמאָסטען, אָהן אַנ׳אויפהער, אָהן אַ סוף. אויף אַלץ ליגט עפּיס אַ עטילער שיין, אַנ׳אויסגעלייטערטער און אַשמייכלענדיגער און נעהנטער און ליבער, ווי אַלעמאָל, זעהט איהם איצט אויס גאָט. ער האָט איהם איצט ווידער נעבען זיך און אין זיין אויסגעמוטשעט הערצעל גיסט זיך פון ערגעץ מנוחה און שלום און צוריק בעהעפט ער זיך מיט גאָט און ווידער הערט ער זיין אָטעם איבער זיך און אויפסנייע שפּירט ער זיך דערוואַרימט אין זיין פרומען געפיהל צו איהם און איהם דאַכט זיך, אַז גאָט האָט אויך געליטען פאַר׳ן טאָג, פּונקט ווי משה׳לע: ביידע האָבען געליטען, ווי הייס־געליבטע, וואָס האָבען זיך אַ ווייל נישט פערשטאַנען.

דערנאָך קומט שיינדעלע מיט טראָפּענדלעך הערבסט־רעגען אין די האָר. די טראָפּענדלעך בלישטשען אַנטקעגען פייער פון לאָמפּ און זעהען־אויס ווי קלייניטשקע פּעריל צוּוואָרפען אין די ברוינע האָר. שיינדעלע שעמט זיך שוין נישט. זי האָט שוין פערגעסען יענע ערב־הושענה־רבה־נאַכט מיט׳ן אויסטערלישען קוש, אָבער צו משה׳לען געהט זי צו מיט אַ מינע, ווי זי וואָלט מורא־געהאַט, טאָמער וועט ער זי אָבשטויסען. משה׳לע האָט זיך טאַקי געענדערט צו איהר און שעמט זיך נאָך אַלץ. קיקען איהר אַזוי פריי אין די אויגען, ווי פריהער, קאָן ער שוין נישט. איהם דאַכט זיך, אַז די אויגען זענען געענדערט געוואָרען און אַז עמיץ האָט איהם אומגעביטען שיינדעלען. איצט איז זי שוין נישט שיינדעלע, נישט אַ ליב שוועסטערעל, נאָר אַ יונג, שען מיידעלע, אַ טייער האַרציג קינד, אָבער אַ מיידעלע. און ער קוקט אויף איהר עטוואָס פרעמד, פערשעמט און צוריקגעהאַלטען.

איצט בעמערקט ער אין איהר דאָס, וואָס שיידט־אונטער אַ מיידעל פון אַ יונגעל. ער זעהט איהר ווייסען האַלז, איה־רע שלאַנקע פּיסלעך אין הויכע זאָקען און איהר יונגע ברוסט, וואָס מאַכט זיך קיילעכיג, און איהם בעפאַלט עפּיס אַ פּחד צו־זאַמען מיט אַ נישט־ניחא'דיגקייט. זינדיגע רעיונות קאָן מען האָ־בען וועגען יעדער מיידעל, אָבער נישט וועגען שיינדעלע'ן, שיינדעלע בעדאַרף זיין בלויז אַ חבר'ל, אַ שוועסטערל, אָדער גאָר אַ ברודערל אין אַ קליידעלע. אָבער שיינדעלע האָט, קענטיג, ווע־גען דעם אַנ'אַנדער מיינונג און זי פרעגט איהם שטיל און ווייך, מיט אַ טאָן פון אַ האַרציגען סוד:

—משה'לע, דו האָסט מיך שוין נישט ליב?..

קוקט ער איהר נישט דרייסט אין די אויגען אַריין, זעהט ער, ווי זי ווערט קליין, ווי אַ פּינטעלע און וויל זיך אַריינ'גנב'ענען צו איהם אין האַרצען אַריין, נעהמט ער זי אָן פאַר אַ הענדטעל און שעפּטשעט מיט אַראָבגעלאָזטע אוי־גען:

—איך האָב דיך ליב, שיינדעלע... איך האָב דיך ליב...

אָבער דו ביזט עפּיס אַ בייזער...—שפּרינגט זי איהם אין די אויגען, ווי אַ שטראַלענדיג פּינטעלע, וואָס וויל זיך אַריינ־גנב'ענען צו איהם אין האַרצען אַריין.

—שיינדעלע, למאי רעדסטו דאָס?—ציהט ער זי פאַר'ן הענדטעל.

—דו ביזט שטענדיג אומעטיג...

—איך בין אומעטיג...

—לייענסט שוין נישט קיין ביכלעך מיט מיר.

—ניין, איך וועל לייענען, וועסט זעהן...

—משה'לע, דו ווייסט? האָסט מיר אַמאָל געשוואָרען?.. זאָלסט זיין אַ גוטער...

איצט ציהט זי איהם פאַר'ן הענדטעל און די טראָ־פּענדלעך רעגען פאַלען איהר אַרויס פון די האָר, ווי קליי־ניטשקע שטערענדלעך. בכלל איז איצט פאַרהאַן אַ סך שטע־רען־ליכט אין איהר: שטערען־ליכט אין די צייהן, שטערען־

ליכט אין די אויגען און אין שמייכעל. קומט זי זיך צוזאַמען מיט משה׳לען, דערשפּירט זי, ווי עס וואַקסט די פרוי אין איהרע קינדערשע בלוטען, ווי עס עפענט זיך זיס דאָס הערצעל, ווי אַ בלימעל פאַר אַ זון־שטראַהל, און איהר ווילט זיך שעפּטשען מיט משה׳לען, פליסטערן ווי אַ ווינדטעלע מיט אַ צווייגעלע, ווי אַ ווינדטעלע מיט אַ וואַסערל, שטיל, פערבאָרגען און לאַנג. אונבעוואוסטזיניג זוכט זי עפּיס אַ סוד פאַר זיך און פאַר משה׳לען און שטאַרקער און הייסער ציהט 〈•〉 איהם פאַר׳ן הענדטעל. אָבער פּלוצלונג גיט זלמן אַ הוסט און נעהמט זיך בעוועגען אויף זיין אָרט. דאָס ווייבערשע פּנים ווערט איהם בלאַסער און ברייטער און צעוואַקסט זיך פון רגע צו רגע. און זיינע קליינע וואַסערדיגע אויגלעך קויקלען זיך איהם אַרונטער אונטער׳ן שטערען. נאָכאַמאָל הוסט ער זיך אָב און הויבט־אָן גאָר אונגעריכט:

—אַמאָל, מיט טויזענדער יאָהרען צוריק, איז געווען אַ קליין מדינה׳לע, מיט אַ מלך אַ קאַרליקעל...

משה׳לע מיט שיינדעלען זעצען זיך האַסטיג צום טיש, שטעלען־אויס די אויגלעך און האָרכען זיך צו צו דעם אַלטען גוט־בעקאַנטען, וויך־נידעריגען קול, וואָס איז אינגאַנצען אָנגעזאַפּט מיט מעשה׳לעך, אָבער משה׳לע הערט נישט לאַנג: זיין הענדטעל ליגט וואַרים און בעקוועם אין שיינדעלעס האַנד, נאָר זיינע רעיונות זענען נאָך אונרוהיג און ער האָט נאָך צו טראַכטען פון אַ סך זאַכען. דאָס הערצעל צאַפּעלט נאָך אַלץ און ער פיהלט, אַז ער וועט דאָך דאַרפען אַ היבש ביסעל ליידען, ביז ער וועט זיך בערוהיגען. די ליבע, זיסע, ריינע טעג פון זיין קינדהייט ווערען ביסלעכווייז צורונען. די לעצטע שטראָמעלעך קייקלען זיך אַוועק.

—און לויטער גרין איז דאָס מדינה׳לע געווען...—גיסט זיך ווייטער זלמנ׳ס וואָרט,—און טייכעלעך זענען דאָרט געלאָפען און געזונגען און הויכע פאַלמענבוימער און טייטעלבוימער האָבען זיך געוויגט און געוויקעלט אין גאָלדענע שטראַלען...

אָבער זלמנ׳ס מעשה׳לעך בערוהיגען איהם שוין נישט. די אָנגעוועהטאָגטע געדאַנקען ציהען זיך איבער׳ן מידען מח, ווי שווערע סקריפּענדיגע משא-פוהרען, און זלמנ׳ס מעשה׳לע פאַלט איהם פאַרביי אויער פרעמד און נישט־ניחא.

אויף מאָרגען פיהלט ער די אייגענע יסורים, וואָס נעכטען. די צייט געהט און די שווערע רעיונות וועגען גאָט און לעבען ווערען עהנליך צו אַ קראַנקהייט, וואָס לאָזט נישט אָב, וואָס געהט נישט אַוועק. פערקעהרט, פון טאָג צו טאָג ווערט זי אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, און דעמאָלט בעשליסט משה׳לע, אַז ער איז פשוט אַ קראַנק יונגעל, וואָס בעדאַרף זיך נישט מעהר ווי היילען אויף דער וועלט. דערדאָזיגער געדאַנק נעהמט איהם איינגאַנצען צו דעם מוט, מאַכט איהם אָבהענדיג, פויל און גלייכ-גילטיג, און ער פיהלט, ווי עפּיס אַ ליכטיגקייט ווערט אין איהם אויסגעלאָשען און עס פלאַצען איהם די זיסע חלומות און האָפנונגען, אַז ער בעדאַרף עפּ׳ס זיין אויף דער וועלט, אַז ער טראָגט ביי זיך אין האַרצען אַ בעזונדער פייערל, וואָס איז נישט אַלע־מען געגעבען געוואָרען. נישטאָ קיין שום בעזונדער פייערל, אַ געוועהנליך יונגעל איז ער, נאָר ער איז קראַנק און אַלע קראַנ-קע יונגלעך פיהלען זיך מסתמא אַזוי. געהן צו אַ דאָקטאָר, טראַכט משה׳לע, לוינט נישט און מען בעדאַרף קיינעם נישט אויסזאָגען. מען טאָר קיינעם נישט אויסזאָגען. בעסער שטאַרבען אין דער יוגענד, אָהן שום רפואה און היילף. וואָרום אויסוואַקסען אַ קראַנקער איז ערגער, טויזענדער מאָל ערגער.

אין דרויסען איז הערבסט, און דער גרויער הימעל מיט׳ן קאַלטען רעגענדעל, וואָס פאַלט אַזוי ווי פון א מאַשין, פער-שטאַרקען נאָך אין איהם דעם רעיון, אַז ער איז קראַנק. ער קוקט אויפ׳ן הימעל און אויפ׳ן רעגען און אויף דער נאַסער ערד און פערשטעהט זיי. ער האָט נאָך קיינמאָל אַזוי גוט נישט גע-פיהלט און פערשטאַנען דעם הערבסט, ווי איצט: זיי זענען אַלע קראַנק. זיין אייגענע נשמה בעדאַרף האָבען אַזאַ פאַרב, ווי דער הערבסט-הימעל און זיין בלוט, ווי דאָס קאַלטע מאַשין-רעגענדעל. ער אַליין איז אַ קליין חלק׳ל פון דעם גרויען קראַנקען דרויסען,

אַ קליין דראָבנע חלק׳ל, וואָס האָט צוויי אויגען און אַ מענשלי-
כע געשטאַלט.

פאַרהאַן טעג, וואָס האָבען גאָר קיין ליכט נישט, פונקט
ווי דער הימעל וואָלט בעצויגען געוואָרען מיט גרויע זעק. און
קורץ און קליין זענען זיי, און זיי שטעהען צווישען די לאַנגע
נעכט, ווי אַ שפּעלטעלע שיין צווישען הויכע, שוואַרצע בערג.

—אַ וואויל וועטער, נישט געדאַכט זאָל דאָס ווערען!—
זאָגט זלמן, אַריינקומענדיג פון דרויסען מיט זיינע גרויסע, זעל-
נערישע שטיוועל און בלייבט אַ ווײַלע שטעהן אין קיך—דאָס
וואַסער זאָל אָבקאַפּען פון איהם.

די מאַמע, געלב פון דער הערבסט-לופט, קוקט איהם אָן
און גיט אַ זיפץ, ווי אַ מענש אויף אַן׳אונטערגעהענדיגער שיף.

—ניש׳קשה,—בויגט זיך זלמן צו אין ווינקעל און טרוי-
סעלט אָב דאָס היטעל פון וואַסער,—יודען וועלען וועניגער רע-
דען. כאַפּט זיי דער רוח!

פון זלמנ׳ען שמעקט מיט הערבסט-ווינד און רעגען. די
מאַמע איז אומעטיג און בלאַס, דער טאַטע, וואָס האָט שוין לאַנג
נישט פערדינט און עס זעהט גאָרנישט אויס, אַז ער זאָל וועלען
פערדינען, ליגט אויסגעצויגען אויף דער קאַנאַפּע מיט די ברי-
לען אויף דער נאָז און קוקט אַריין אין אַ ספר, וואָס ער האַלט
מיט דער האַנט אַקוראַט איבער׳ן פּנים, און אין דרויסען הענגען
נידעריגע נאַסע הימלען, ווי גרויע זעק און אונטער זיי שטיקט
זיך דאָס ביסעל ליכט פון׳ם אומעטיגען הערבסט-טאָג. משה׳לע
ווייס נישט, וואָס ער זאָל טאָן מיט זיך. זיין קליין קערפּערעל
קומט איהם אויס גרויס און פויל און אַלט און שווער, און ווי
אַן׳אַלטער מאַן, וואָס איז זיך מכין צו שטאַרבען, קוקט ער אַרויס
מיט אַ בענקענדיג אויג פון קליינעם פענסטערל, אָהן פערדרוס
און אָהן חרטה און אָהן טרעהרען, ווי אַ מענש, וואָס האָט שוין
פערענדיגט אַלע חשבונות מיט׳ן לעבען. זאָל זיך זיין, וואָס עס
וויל, און זאָל זיך געהן, ווי עס געהט. פאַר דאָס ביסעל יאָה-
רען, וואָס ער האָט געלעבט, האָט ער געזעהן די זון און דעם
הימעל און דעם וואַלד און דעם טייך—און דאָס איז גענוג. דער

תענוג פון דעם אַלעם איז אַזוי גרויס, אַז דאָס ביסעל יאָהרען זעהט-אויס ווי אַנ'אייביגקייט, און איהם דאַכט זיך, אַז אפילו אַנ'אַלטער מאַן האָט נישט געזעהן מעהר זון, ווי ער.

אָבער דער תענוג איז נישט מעהר, ווי אַ הפסקה. ווידער קומט דער געדאַנק 'וועגען דער קראַנקהייט. ער קומט פון אַ דאָקטאָרס אַ שילד, וואָס משה'לע האָט געזעהן אין גאַס און פון די גרויע נאַסע הימלען, וואָס דעקען-צו די לופט און פון דער קאַלטער אָרימקייט אין שטוב און פון דער מאַמעס זיפצען און פון דער הייזעריגקייט, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין די העלזער פון די אָרימע קינדער אויפ'ן נאַסען הערבסט-הויף, און פון דער אונהיימליכער שפירונג, אַז ער, משה'לע, געהט נישט איבער דער ערד, נאָר איבער פוילע שטרוי, וואָס וועלען זיך זיכער איבעררייסען אונטער די טריט און ער וועט אַריינפאַלען אין אַ תהום. און שטאַרקער און עפטערער נעהמט איהם קלאַפּען דאָס הערצעל און עס ווערט איהם משונה קלאָר, אַז ער איז קראַנק, אָבער ער ווייס נישט, וואָס דאָס איז פאַר אַ קראַנקהייט. די קראַנקהייט מוז אודאי זיין אַ געפעהרליכע און דער טויט זיצט שוין אין זיינע בלוטען. אויף דעם נייעם בית-עולם, וואָס ליגט הינטער דער שטאָדט, וועט אינגיכען צוקומען אַ נייער קבר. אָבער פּלוצלונג בעשליסט ער, אַז זיין קראַנקהייט איז שווינדזוכט. ער האָט אַמאָל געלייענט וועגען דעם, ער האָט אַמאָל אַ שווינדזוכטיגען געזעהן און ער האָט דעריבער אַלע ראיות און סימנים, אַז ער איז קראַנק דערויף. עפּטער קלאַפּט דאָס הארץ, עפּטער פאַר'גנב'עט זיך אַ הייזעריגקייט אין אָטעם און די פיס ווערען אָבגעשוואַכט. נאָך דערדאָזיגער איבערצייגונג ווערט פּלוצלונג שטיל אַרום משה'לען, פּונקט ווי ער וואָלט טויב געוואָרען, נאָר אַז ער לעגט צו די האַנד צום שטערען, דערשפּירט ער קאַלטע טראָפּענס שווייס. אָבער אַז עס ווערט איהם עטוואָס לייכטער, שפּירט ער זיך בעליידיגט אויף דעם העכסטען גראַד און אַלץ זעט אים אויס קליין און נישטיג. קליין און נישטיג זיין יונג לעבען, זיין טאַטע און מאַמע, זיין משפּחה, שיינדעלע, קליין און נישטיג זיין ליבע צו גאָט און קליין און נישטיג איז אפּילו

גאָט אַליין. מיט דעם כח פון אַ פּראַקטישען זקן דערגריבעלט ער זיך צו דעם געדאַנק פון טויט און צו דעם בעוואוסטזיין, אַז מיט'ן שטאַרבען הערט מען אויף צו לעבען אויף אייביג. נישטאָ קיין גיהנום, נישטאָ קיין גן-עדן. מען פאַלט מסתמא אַריין אין אַן'אייביגער שוואַרצקייט, וואו מען ווערט אַליין אַ שוואַרצקייט. צו דערדאָזיגער איבערצייגונג קומט נאָך צו אַ געפיהל פון בושה און פון עקעל: ווי שטאַרבט עס אַוועק אַ יונגעל פון שווינדזוכט? ווי דערלעבט מען דאָס נישט די מיטעלע יאָהרען? פאַרהאַן מיליאָנען יונגלעך אויף דער וועלט. פאַרוואָס איז איהם בעשערט צו זיין אַ קראַנקער? פאַרוואָס בעדאַרף ער שטאַרבען יונגערהייט? דער געדאַנק דרעהט זיך ספּיראַליש אַלץ העכער און העכער אין דעם אָנגעשטרענגטען געוועב פון מוח און דער שטערען ווערט ווייליעווייז בעדעקט מיט אַ קאַלטען שווייס. און בלאַסער ווערט משה'לע און די באַקען איינגעפאַלענער און די אויגען ברענען מיט יענעם טרוקענעם פייער פון אַ מענשען, וואָס ליגט אין די צוואַנגען פון אַ מאַניע. דידאָזיגע מאַניע געהט איהם נאָך, ווי אַ שאָטען, לאָזט איהם נישט אָב אויף אַ רגע, און אַ געוועהנהייט האָט ער בעקומען, צו טראַכטען מיט עפּיס אַ פיינליכען חוזק, בשעת ער עפענט אַ פרעמדע טהיר און געהט-אַריין אין אַ פרעמדע שטוב: „וואָס רעדט איהר מיט מיר? זעהט איהר דען נישט, אַז איך בין קראַנק? אַ טויטער שטעהט נעבען אייך.” ער הערט, וואָס מען רעדט צו איהם, ער ענטפערט און שמייכעלט און לאַכט, אָבער בעת-מעשה טרעט ער נישט אָב פון זיין מאַניע. גוט איז איהם נאָר דעמאָלט, ווען ער שלאָפט. אַלע לאַסטען פאַלען-אַראָב און דאָס האַרץ אָטעמט געזונד און טיף, פונקט ווי עס וואָלט זיך איילען אָנצוזאַמלען כחות בייצושטעהן די ווייטערדיגע יסורים. אָבער מיט דער רגע, וואָס ער כאַפּט זיך אויף, שטעהען אויך אויף, ווי שוואַרצע ראָבען, די יסורים'דיגע רעיונות און ווידעראַמאָל דערשפּירט ער אַ פערשנעלערט קלאַפּען פון האַרץ און אַ קאַלטען שווייס אויפ'ן שטערען. דער טויט רוקט זיך נעהנטער און נעהנטער. עטליכע מאָל האָט ער זיך שוין בגנבה אויפגעהויבען אויף די ברייטע קיהלע טרעפּ פון אַ דאַק-

טאָרס וואוינונג, וואו די שטילקייט, די געמאָלטע ווענד, דער טרעטער און דער מיט סאַמעט בעצויגענער פּאָרענץ האָבען שטום פערצעהלט פון שווערע חולאת'ן און טויט, און יעדעס מאָל האָט ער זיך צוריק אַרויסגע'גנב'עט, ווי אַ רוצח פון אַ תפיסה. די האָר האָבען איהם געברענט אויפ'ן קאָפּ און די ערד האָט זיך געוויגט אונטער די פיס. קיינעם אָבער פערצעהלט ער נישט, וואָס איהם איז און וואָס ער לעבט איבער. איהם דאַכט זיך, אַז דאָס איז העסליך, ווי עס איז העסליך אַ גנבה, אַ ליגען, אַנ'עבירה.

די טעג געהען אָבער, חדשים רוקען זיך, ווי גרויע וואָלקענס און דער געדאַנק וועגען זיין געפעהרליכער קראַנקהייט ווערט ביסלעכוויז פערוואַנדעלט אין אַנ'אַלטען געדאַנק, וואָס האָט איהם אַזוי געפרעהט: אפשר איז דאָס נישט קיין קראַנקהייט, נאָר דוקא אַ פונק פון גאָט? אפשר איז ער אַנ'אויסדערוועהלטער, וואָס אויף איהם איז אַרויפגעלעגט געוואָרען אַ גרויסע געטליכע פליכט אין לעבען, און דעריבער פייניגט ער זיך, נישט פון אַ קראַנקהייט, נאָר פון אַ געטליכער וועה? האָבען דאָך אַלע נביאים געליטען יסורים און אַלע גרויסע מענשען געהען-אַרום מיט קראַנקע הערצער. אפשר איז משה'לע איינער פון זיי? דערדאָזיגער געדאַנק שטאַרקט זיך פון טאָג צו טאָג און דעמאָלט זעהט משה'לע ווידעראַמאָל די וועלט אין אַ נייעם שיין. דייטליכער דערזעהט ער די מחיצה צווישען אָרימקייט און עשירות, צווישען אמת און ליגען. אונבעוואוסטזיניג בעגרייפט ער דעם זין פון לעבען און דאָס מאַכט איהם עפּיס מוטיג און דרייסט, און גליקליך פערבאָרגען אין זיך. איצט איז ער, נאַטירליך, קליין און נישטיג אין אַלעמענס אויגען, אָבער עס וועט קומען אַ צייט, ווען ער וועט אויך ווערען גרויס און דערוואַקסען, און דעמאָלט וועט ער זיך ראַנגלען מיט עמיצען, אַ שטאַרקען, אַ פאַלשען און אַ שלעכטען. ער וועט זיך ראַנגלען אויף לעבען און טויט, ביז דעם לעצטען אָטעם, ביז דעם לעצטען שווייס. ער וועט זיין אַ פייערדיגער רעדנער, אַ געוואַלטיגער אַגיטאַטאָר, אַ מורא'דיגער קעמפּער. פאַר זיינע אויגען וויגען זיך שוין טויזענדער קעפּ פון

אַ פּעסט צונויפגעדריקטער מחנה און ער רעדט צו זיי פון אַ באַרג אַראָב, מיט הויך צושפּרייטע הענד, ווי אַ נביא. ווער זע־נען די מענשען, וואָס הערען איהם,—דערויף שטעלט ער זיך נישט אָב, ער ווייס נאָר, אַז יעדעס וואָרט, וואָס ער זאָגט אַרויס, איז אַ פייערדיגער אמת, וואָס צופלאַקערט זיך תיכף ומיד אין די אויגען פון דערדאָזיגער מחנה. אין אַזוינע מינוטען ווערט משה׳לען וואונדערליך זיס אויף דער נשמה, ווי אַ פערטרוימטער מענש, וואָס הערט אַ פלייט אין אַ לבנה־נאַכט, אָדער ווי אַ נע־ונד׳ניק, וואָס האָט פּלוצלונג געפונען אַ וואַרימע און אַ שטילע היים. ער פיהלט, אַז ער לעבט מיט געוואַלטיגע, אונצעהליגע המונים מענשען, אַז ער רעדט פאַר זיי, שמידט זיי צוזאַמען אין איין גרויסען שטיק אחדות און פּראָטעסט און פיהרט זיי אויף די געטליכע וועגען פון אמת און גערעכטיגקייט. אמת, דידאָזיגע המונים קאָנען איהם נישט, ווייסען נישט פון איהם, אָבער ער קאָן זיי, ער ווייס זיי, ער זעהט זיי יעדע מינוט, יעדע רגע אויף די ברייטע געבלומטע פעלדער פון דמיון. און בשעת ער געהט אין גאַס, דערקאָנט ער אפילו מאַנכע פון זיי. ער דער־קענט זיי פון׳ם שטייגער געהן, פון די אויגען און פון די בגדים, על־פי־רוב הערען איהם אָרימע, געדריקטע און בעליידיגטע. נאָך די לאַנגע רעדעס און הייסע ווערטער מאַכט משה׳לה צו די אוי־גען און רוהט זיך אָב, אָבער קיין מנוחה געפינט ער נישט. דער קאָפּ אַרבייט ווייטער, דאָס הערצעל צאַפּעלט צווישען אַ הכנעה־געפיהל און אַ גאוה־געפיהל—הכנעה פאַר יעדער מיליאָניגער מחנה און גאוה פאַר זיך אַליין, פאַר דעם קליינעם שוואַכען יונגעל, אין וועלכען עס לעבט אַ פונק פון גאָט. אין די פאַרנאַכטען, וואָס וויקלען זיך אַרום דער ערד, ווי טונקעל־זיידענע העמדער, דאַכט זיך משה׳לען, אַז ער איז נישט קיין קעמפער און נישט קיין אַגיטאַטאָר, נאָר אַ נביא, און ער שפּירט בעשיינפערלעך, ווי עס ציהט זיך אַ פאָדים פון ישעיהו׳ן צו איהם, אַז ער וויל, זעהט ער גאָט. ער זעהט איהם דייטליך אין גאַס און אין שטוב, ווי אַ שטראַהל פון דער זון, ווי די פאַרבען פון הימעל, און ער קאָן מיט איהם ריידען. זיין שטים הערט ער בעזונדערס קלאָר

אין שלאָף, בשעת דער קאָפּ ליגט טיף איינגעגנורעט אין קישען, און דידאָזיגע שטים פערטרויט איהם גרויסע וועלט-און הימעל־סודות.

זיין מאָגער פיגורל וואַקסט צווישען דידאָזיגע שפּירונגען, ווי אַ בלאַס גרעזעל אונטער אַ פער׳שרפ׳עטען הימעל. ער וואַקסט אין דערהויך, אין דער דין און נישט אין דער ברייט, דאָס שטערענדעל ווערט איהם בולט׳ער און גרעסער און ער זעהט, ווי עס ווערט קליין אויף איהם דאָס רעקעל, ווי די הענד קריכען משונה אַרויס פון די אַרבעל, ווי די הייזלעך ווערען קורץ, אָבער אַז ער גיט אַ קוק אינ׳ם קליינעם שפּיגעלע, וואָס הענגט אויפ׳ן וואַנד, שווימט-אַרויס פון דאָרטען אַ בלאַס מיד פּנים מיט אונרוהיג-ברענענדיגע אויגען, וואָס בעטען ביי איהם הילף און מנוחה, ווי ביי דעם איין־איינציגען, וואָס קאָן בעסער פון אַלע פערשטעהן דידאָזיגע אויגען. און משה׳לען דאַכט זיך, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל ביי קיינעם נישט געזעהן אַזאַ בלאַס, נישטערדיש פּנימ׳ל און אַזוינע אונרוהיגע אומגליקליכע אויגען. און דעמאָלט פיהלט ער זיך ווידער קראַנק און פער׳משפּט, און נישטיג, ווי אַנ׳אומזיסט-געבוירענער מענש, ווי אַ פּראָדוקט, וואָס האָט נישט בעדאַרפט בעשאַפען ווערען. אַ וואָך צייט מוטשעט איהם פון דאָסניי דער געדאַנק וועגען טויט, וואָס פערוואַנדעלט זיך ווידער אינ׳ם געדאַנק, אַז ער איז אַ נביא. אַ וואָך צייט איז ער אַ קראַנקער, אַ וואָך איז ער אַ נביא, אַ וואָך אַ קעמפער. אַ וואָך איז איהם שוואַרץ פאַר די אויגען, אַ וואָך זעהט ער פלאַמענדיגע רעגענבויגענס מיט ווייסע שווימענדיגע מלאכים אין דערמיט און ביינאַכט הערט ער אין קישען גאָטס שטים. אַ וואָך איז איהם קאַלט און אַ וואָך פלאַמט זיין נשמה׳לע אין פאַרביגע אונרוהיגע בילדער. עס וועקסלען זיך אין איהם די שפּירונגען, ווי די יעריגע זאַפּטען אין אַ שוואַך סאָסנעלע און פרעמד און אונפערשטענדליך ווערט ער פאַר די הויזיגע, ווי זיי ווערען פרעמד און אונפערשטענדליך פאַר איהם. די מאַמע האָט מורא פאַר איהם, דער טאַטע וויל זיך נישט בעגעגענען מיט זיינע בליקען און שיינדעלע אנטלויפט פון איהם אַ ברוגז׳ע.

—דו ביזט נישט קיין גוטער...—מאַכט זי בעליידיגטע ליפּלעך.—און מיר שפּילען שוין נישט קיין ליבע,—הויבט זי אויף איהר קול מיט אַ קריגערישען טאָן.

אָבער משה'לע ענטפערט נישט. ווען קיינער זעהט נישט,—ווייל מען שרייט אויף איהם—שפּרייזט ער ראַש פון וואַנד צו וואַנד און קיהלט די לויפענדיגע מחשבות און דעם הייסען שטערענדעל מיט דער לופט, וואָס ער בעוועגט אַרום זיך. אַ רגע זעצט ער זיך צו און לויפט ווייטער פון וואַנד צו וואַנד. דאָס בערוהיגט דאָס האַרץ און דעם קאָפּ.

אין אַזאַ מינוט איז איהם איינמאָל געקומען צו די הענדטלעך אַ בוך פון יענעם ווייסען רוסישען קינסטלער, וואָס האָט געקוקט אויף דער וועלט דורך דעם צאַרט-בלויען נעבעל פון ליריק און וואָס ווייסע מיידלעך מיט גאָלדענע האָר שווימען אַרום איבער די שוואַרצע שורות'לעך פון זיינע ווערק. און דאָ ווערט אַלץ מיט אַמאָל פערענדערט. משה'לעס הערצעל גיסט זיך אָן פון דאָסניי מיט געזונדטען בלוט, די אויגען לייטערן זיך אויס, ווי דער הימעל נאָך אַ רעגען, די שווערע רעיונות טרעטען-אָב, ווערען צורונען און מעהר איז נישט צו בעמערקען אין דרויסען דעם הערבסט און די גרויע לופט אין שטוב. עס איז גאָר קיינמאָל קיין הערבסט נישט געווען. דרויסען בליהען די בוימער, דער הימעל איז טונקעל-בלוי און אין דערלופטען שפּירט זיך דער צאַרטער אַראָמאַט פון מאַי-בלומען. אָט ציהט זיך אַ לאַנגע ליפּענאַלעע מיט שווערע געפלאָכטענע בענק און בעשאָטען מיט געלען זאַמד און פון ווייטען שלייכט-דורך דידאָזיגע אַלעע אַ הויך מיינדעל אין ווייסען. נישט ווייט פון דער אַלעע ליגט אַ שפּיגעלע וואַסער, איינגעפּאַסט אין גרינע ברעגען און אויפ'ן זילבערנעם וואַסער זיצט אונבעוועגט, ווי פערגליווערט, אַ שניי-ווייסע שוואַנע מיט אַ הויכען געטאָקטען האַלז. דערביי ליגט איהר זיידענער שאָטען, וואָס ווערט טיילמאָל עטוואָס אָנגעריסען דורך אַ שטיפערישען זילבערנעם פישעלע. דאָס הויכע מיידעל אין ווייסען בעווייזט זיך ווידער אויף אַ צווייטער אַלעע פון אַלטע בעראָזעס, וואָס שטעהען, ווי זיידעס, און קוקען אַרום זיך מיט אַלטע

אַראָבגעלאָזטע צווייגען. אַמאָל לויפט־דורך אַ קליין ווינדטעלע און אַן׳אַלטער בעראָזע־צווייג פערנויגט זיך פאַר׳ן הויכען מיידעל אין ווייסען, ווי אַ זיידע פאַר אַן׳איינִיקעל. דאָס מיידעל שלייכט ווייטער לאַנגזאַם, שטיל און לייכט איבער דעם געלען זאַמד, פונקט ווי זי וואָלט נישט בעריהרט די ערד און ווערט דערנאָך פערשוואונדען אין אַלטען ווייסען שלאָס, וואָס איז שוין געל געוואָרען און וואָס קוקט אָבער מיט יונגע פרעהליכע פענסטער־אויגען אין דער זוניגער וויטקייט אַריין. פאַראַן עפּיס עהנליכעס צווישען מיידעל מיט דער שוואַנע און צווישען די ביידע מיט׳ן שלאָס. עס דאַכט זיך, אַז זיי זענען אַלע דריי אין איין שעה געבוירען געוואָרען. נאָר דאָס מיידעל מיט דער שוואַנע זענען פערבליבען יונג און בלויז דער שלאָס האָט זיך פערעלטערט. אָדער דאָס מיידעל מיט דער שוואַנע זענען שוין לאַנג געשטאָרבען, נאָר זייער לעבען האָט זיך איבערגעגאָסען אין אַן׳אַנדער שוואַנע און אַן׳אַנדער מיידעל?

משה׳לע שלינגט דאָס בוך און דאָס בוך שלינגט איהם. ביידע ראַנגלען זיך איבער׳ן נצחון, נאָר דאָס בוך איז גובר. ער פערזינקט זיך טיפער און טיפער אין איהם, ווי אין אַן׳אָבגעצוימטען שטיק לעבען, וואוהין עס איז קיינעם נישט דערלויבט אַריינצוגעהן און וואָס איז שטענדיק בעגאָסען מיט זון און שטילע לידער. אַלץ זינגט דאָ: דער בוים און דאָס גראָז און אפילו די געלע זעמדעלעך פון די אַלעען. אָבער דאָס געזאַנג דערגרייכט קוים צום אויער, ווייל די שטילקייט איז כמעט אַזוי שטאַרק, ווי דאָס געזאַנג. ביידע גיסען זיך איבער אין איינאַנדער אונבעמערקט: דאָס געזאַנג אין שטילקייט און די שטילקייט אין געזאַנג. און משה׳לע לייענט נישט מיט די אויגען, נאָר מיט׳ן געהער און ער האָט מורא דורכצולאָזען אַ טאָן, אַ קלאַנג, אַ ברום פון אַ גרעזעל. נאָך קיינמאָל האָט ער אַזוי פריי נישט אָבגעצויגען דעם אָטעם, ווי איצט און ער פיהלט, אַז אָט דאָס בוך וועט איהם ברענגען מעהר פערלייכטערונג, ווי די שפּירונג פון נבואה. די וועלט פון נבואה איז צו־גרויס און אונענדליך, אָבער דאָס לעבען אין בוך איז קליין און אַרומגעצוימט און איז אַקוראַט צוגעפּאַסט צו זיינע

כוחות. ער בעדאַרף בלויז נאָכגעהן נאָך דאָס ווייסע מיידעל אויף דער ברייטער גאָלדענער ליפען־אַלעע. דאָס ווייסע מיידעל געהט לאַנגזאַם, פונקט ווי דער בלויער הימעל, וואָס הענגט איהר איבער׳ן קאָפּ, וואָלט זי פון אויבען געפיהרט איבער׳ן, זאַמד און עס איז אַזוי אָנגענעהם און זיס זיך צוגנב׳ענען הינטער איהר איב׳ס זיידענעם שאָטען פון איהר ווייסען קלייד און איינאָטעמען דעם אַראָמאַט פון איהרע גאָלדענע האָר און איינזויגען דעם צאַרטען קלאַנג פון איהרע טריט. דאָס מיידעל האָט אָבער אַ בעשטימטע צייט צו שפּאַצירען און באַלד בעדאַרף זי פערשווינדען אין שלאָס. דעמאָלט דאָפּעלט משה׳לע די צייט, און ווי אַ מענש, וואָס האָט אַ מאַכט איבער׳ן לעבען פון בוך, ענדערט ער די איינגעשטעלטע אָרדנונג פון דער בוך-ממשלה און טראָגט-אַריין אייגען ליכט דערין. דאָס מיידעל שפּאַצירט שוין לענגער, און נישט דער אויטאָר, נאָר משה׳לע פיהרט זי אַרום אין זייטיגע אַלעען, וואָס דרעמלען אין אַ בשמים־אָנגעזאַפּטער, ווייניגער לופט. דאָס גאַנצע שטיק לעבען פון בוך געהערט שוין נישט צום אויטאָר, נאָר צו משה׳לען, פונקט ווי דער אויטאָר, דער גרויסער ווייסער רוסישער קינסטלער, וואָלט איהם איבערגעגעבען דעם פּאַרק צוזאַמען מיט די שליסלען. און אַז משה׳לה דערשפּירט, אַז דאָס מיידעל איז שוין מיד, לאָזט ער זי פערשווינדען אין שלאָס און קוקט זיך אַרום מיט אַ פליהענדיג האַרץ פון שמחה. אַ האַלבער הימעל איז פערגאָסען מיט פורפור און ווייט, איבער׳ן פּאַרק, קושט אַ רויטע זון דעם טונקעלען ראַנד פון דער ערד. לאַנגזאַם לעשט זיך דער פורפור פון הימעל, און משה׳לע מאַכט האַסטיג צו דאָס בוך, ווי מען פערשליסט די טיר פון אַ פּאַרק, לויפט שנעל צו זלמנ׳ען און רוימט איהם איין אויפ׳ן אויער:

—ר׳ זלמן, פאַרהאַן שענע ערטער אויף דער וועלט. שע־נערע ווי אין אייערע מעשה׳לעך...

און זלמן הויבט-אויף זיינע מוטנע וואַסערלעך, אָנשטאָט אויגען, און פרעגט מיט זיין פערגליווערטען ווייבערשען פּנים:

—וואָס רעדסטו? איך פערשטעה דיך נישט.

—אויף דער ערד, זאָג איך, זענען פאַרהאַן אַזוינע ערטער,

וואָס זענען נאָך שענער ווי אין אייערע מעשה׳לעך...
זלמן ציטערט-אויף ווי פון אַ פלוצלעכן שטאָך, אָבער ער בעליידיגט זיך נישט. פונדעסטוועגן גיט ער אַ ברום מיט עקעל:
—און דו האָסט געזעהן אַזוינע ערטער, איך פרעג דיך?
—געזעהן...
און אַ שטילער שמייכעל שיינט-אויף, ווי אַ פּייערל, אויף זיין בלאַס פּנימ׳ל.
אויף אַ הויפּעל פון דער אָרימער טאָטערשער גאַס איז אַריבערגעטראָגען געוואָרען דער אַלטער פּאַרק מיט׳ן פער׳חלומ׳טען שלאָס פון אַ פערצייטיגען רוסישען גוטסבעזיצער און משה׳לע וואוינט אין דעמדאָזיגען פּאַרק און געהט נאָך דער ווייסער פערטראַכטער מיידעל, וואָס שלייכט מיט שטילע טריט איבער אַ לאַנגער ליפּען-אַלעע, אינ׳ם פורפור פון זון-אונטערגאַנג, ווי אַ גרויסער ווייסער פויגעל, וואָס איז, אַנ׳איינזאַמער, געקומען אַהער פון אַנ׳אַנדער וועלט. און נאָכגעהן וועט ער איהר לאַנג, דאָס גאַנצע לעבען, כּל־זמן זיינע אויגען וועלען זיין אָפען, כּל־זמן זיין אָטעם וועט איהם דינען. טיילמאָל פאַלט שיינדעלע רושיג אַריין אין זיין אָבגעצוימטער ממשלה און רייסט איהם איבער זיין תּענוג. בייזערט זיך נישט משה׳לע, נאָר ער קוקט זי אָן גוטמוטיג, ווייך און פריינדליך, אָבער אָהן ליבע. שיינדעלע איז בלא שום ספק אַ שען און ליב מיידעל, אַ האַרציג קינד, אָבער דאָס איז נישט דאָס ווייסע מיידעל פון פער׳חלומ׳טען פּאַרק, וואָס איז אַזוי עהנליך צו דער פערגליווערטער געטאָקטער שניי-ווייסער שוואַנע אויפ׳ן רוהיגען זילבערנעם וואַסער. על־פּי־טעות איז ער געבוירען געוואָרען נישט דאָרטען, אין אַלטען שלאָס, מיט די שווייגענדיגע טיפע אויגען-פענסטער, אונטער יענעם פערבענקטען הימעל, וואָס רוהט אויף הונדערט-יעהריגע פּאַרק־בוימער. און איהם דאַכט זיך אַז ער קען שוין פון לאַנג דאָס ווייסע פּאַרק-מיידעל, אַז ער האָט זי שוין געזעהן גאָר אַמאָל־אַמאָל, נאָך איידער ער איז געבוירען געוואָרען, אין דעם אייגענעם פּאַרק, אויף דער אייגענער אַלעע, און איהר לייכט שיכעלע האָט דעמאָלט ווייך געשטעמפּעלט דעם געלען זוניגען זאַמד. פון יענער צייט איז ער, משה׳לע,

פערבלאָנזשעט געוואָרען, אַ מכשף האָט איהם פער׳כשופט און אַריבערגעוואָרפען אין דער לאַנגער גרויער טאָטערשער גאַס.

—ווייסט, משה׳לע, איך האָב היינט שפּאַצירט מיט אברהמ׳לען—זאָגט שיינדעלע און פון די גרויע אויגען שפּריצט איהר נקמה צוזאַמען מיט געמאַכטען גליק, ווי ביי אַ גרויס מיידעל.—אַ וואויל יונגעל איז ער, אַ פרעהליכער...

—מיט אברהמ׳לען—שטאַמעלט משה׳לע אָהן פאַרדרוס.—ער איז אַ פרעהליכער...

שיינדעלע דערפיהלט אָבער, אַז משה׳לעס האַרץ איז אָנגעפילט מיט גליק, מיט אונבעקאַנטען, נישט-געטיילטען-גליק, וואָס זי האָט עס איהם נישט געגעבען און פון וועלכען זי קאָן אויך נישט נעהמען. ווערט זי פּלוצלונג איי פערזיכטיג און בייז.

—אַ שווערער מענש ביזטו... פּונקט ווי אַ וואָלף...—שטעכט זי זיך, אָבער די ווערטער קלעפּען זיך איהר צו דער צונג, ווייל זי איז שטענדיג געוואוינט צו לאַכען און צו שעפּטשען זיס. — אַמאָל ביזטו געווען גוט צו מיר... פלעגסט מיר דערצעהלען מעשה׳לעך און מיר פלעגען געהן צוזאַמען...

נעהמט זי משה׳לען אָן פאַר דער האַנד און זעצט זי אַוועק נעבען זיך און לעגט-אַרויף זיין הייס בעקעל אויף איהר אַקסעל.

—שיינדעלע... — שמייכעלט ער און שעפּטשעט עטוואָס משוגע, מיט האַלב-צוגעמאַכטע אויגען, ווי אַ מענש, וואָס איז אַרויס פון דער געוועהנליכער לעבענס-ליניע און לעבט מיט אַ שענעם וואַרימען חלום.—שיינדעלע, מיר איז איצט גוט... זיי נישט בייז אויף מיר...

—וואָס איז דיר גוט?—פרעגט שיינדעלע מיט אַ פּיינליכער נייגיריגקייט, אַרויסשלעפּענדיג דעם אַקסעל פון אונטער זיין בעקעל. אין האַלז שטעהען איהר טרעהרען.

—פרעג מיך נישט. איך וועל דיר אַמאָל דערצעהלען.

—דערצעהל איצט.

—איך קאָן נישט...

—פאַרוואָס קאָנסטו נישט?

—איך קאָן נישט...

—אָבער דו ביזט אַ שלעכטער! אַ שלעכטער! אַ שלעכטער! אַ וואָלף... — רייסט זי זיך האַסטיג אויף פון אָרט און לויפט אַרויס פון שטוב.

און משה׳לע זעצט זיך אַוועק אין ווינקעל שטוב, פערדעקט מיט די הענדטלעך די אויגען און אָטעמט-אָב, פונקט ווי ער וואָלט געוואָלט אַראָבוואַרפען פון זיך דאָס ערדישע, דאָס גופ׳ל און אַוועקפליהען בלויז מיט דער נשמה אַהין, אין פּאַרק אַריין, אין זיין פּאַרק, צו דעם ווייסען מיידעל אין שלאָס.

אָבער פּלוצלונג טהוט איהם דאָס ערשטע מאָל אַ ציטער דאָס האַרץ:

—און גאָט?

און ער פערגראָבט זיך טיפער אין ווינקעל, אַז גאָטס שטראָף זאָל איהם נישט דערגרייכען.

ערשט שפּעטער קומט ער צו זיך און פאַלט ווידער אַריין אין דער ממשלה פון בוך: רויטע וואָלקענדלעך ליגען, ווי גאָלדענע שלאָפענדיגע פישעלעך אויף די בלויע פערטראַכטע וואַסערן פון הימעל, די זון דעקט זיך איין אין אַ פורפור-מאַנטעל און פאָהרט אויף אַ רויטער שיף אַהיים; די פענסטער פון אַלטען שלאָס טרינקען וויין, דער פּאַרק שטעהט אַ פערטראַכטער און הערט זיך צו צו דער פּאַרנאַכט-שטילקייט, ווי אַ גרויסע ריזען-עדה וואָלט צוגעבויגט צו אייגאַנדער די קעפּ; די גאָלדענע שטיפערישע שטעגעלעך ציהען-אַרויף אויף זיך טונקעלע זיידענע מאַנטעלעך; די שוואַנע זיצט אויפ׳ן רוהיגען שפּיגעלע וואַסער, אָהן שום בעוועגונג, פּונקט ווי אויסגעקנאָטען פון ערשט-געפאַלענעם שניי, און הויך און שלאַנק שלייכט-דורך דאָס ווייסע מיידעל די ליפּען-אַלעע, ווי אַנ׳איינזאַמער פויגעל, וואָס איז געקומען אַהער פון אַנדערע וועלטען.

אָבער איינמאָל, אין סאַמע רעכטען רייץ פון פאַרנאַכט, ווען משה׳לע געהט-נאָך דער ווייסער מיידעל, דורכגענומען פון שטילקייט און קדושה און צעהלט די צייכענס פון איהרע ווייסע שיכעלעך אויפ׳ן גאָלדענעם זאַמד, דערזעהט ער, אַז ער ליגט אויפ׳ן

געלעגער, מיט קאַלטע קאָמפּרעסען אויפ׳ן קאָפּ, און די מאַמע דרעהט זיך אַרום, אַ צומישטע, מיט פערקוועטשטע ליפּען און מיט וואַקעלדיגע מידע טריט. דער טאַטע ליגט אויף דער קאַנאַ־פּע און לייענט אַ בוך, אָבער אויך אויף איהם איז קענטיג, זאָרג און עגמת־נפש. זלמן זיצט אין ווינקעל און שווייגט מיט ברייט־אויפ־געריסענע מוטנע ווייסלען. אין שטוב איז גרוי און שטיל און קאַלט, פּונקט ווי דער טויט וואָלט זיך גע׳גנב׳עט ביי די ווענד. פּרובט משה׳לע אויפהויבען דעם קאָפּ, אַ האַנד, אָבער ער קאָן נישט, זיין גאַנצער גוף זעהט איהם אויס משונה גרויס און אַזוי ווי אָנגעגאָסען מיט בליי. ער ווייס נישט, אַז ער איז קראַנק, דאָך אָבער זעהט ער, וואָס מען טוט אין שטוב און פערשטעהט די מענשען, וואָס דרעהען זיך אַרום איהם. אויב מען זאָל נישט ריהרען מיט אַנ׳אבר, איז אפילו נישט שלעכט, פּונקט ווי אין אַ מידען שלאָף. ריהרט מען אָבער מיט אַנ׳אבר, הויבט־אָן ציהען דעם גוף צו דער ערד, עס ווערט משונה הייס און דאָס האַרץ נעהמט קלאַפּען ווי מיט אַנ׳אייזערנעם העמערעל אין אַ דין ווענד־טעל. משה׳לען ווילט זיך דאָך וויסען, פאַרוואָס ליגט ער און געהט נישט אַרום, הויבט ער אויף פּאַוואָליע די רעכטע האַנד, נאָכדעם דעם קאָפּ און וויל זיך אָנשפּאַרען מיט׳ן עלענבויגען אויפ׳ן קישען. אָבער אין דער אייגענער רגע פערלירט ער דאָס גלייכגעוויכט און פאַלט־אַריין אין אַ הייסער שוואַרצקייט. עס הערט זיך דער מאַמעס אַ קוויטשיג אויסגעשריי, זלמנ׳ס באַסען־טריט פון די זעלנערישע שטיוועל און דעם, טאַטענס מיט זאָרג אָנגעזאָפּטע, ווערטער:

—ער איז קראַנק, דער יונג, ער איז שטאַרק קראַנק... מען מוז לויפען נאָך אַ דאָקטאָר...

אונטער אַ ווייסען פּאָרהאַנג.

זעכצעהנטעס קאַפּיטעל.

אַז משהלע געהט־אַרויס צום ערשטען מאָל אין דרויסען אויף שוואַכע, נאָר לייכטע פיס, שלאָגט פון אַלע זייטען דאָס ליכט פון טאָג, און די זון ציהט גרינע בלעטער פון די בוימער און גאָלד פון די פענסטער. אין דעם גערויש פון די רעדער, אין דער טופּעריי פון די פערד, אין דער באַוועגונג פון מענשען און אין זייערע קולות הערען זיך טויזענדער קלאַנגען, אָנגעזאַפּט מיט שמחה און זון. פון אַלץ געהט־אויף אַ פרייד, אַ'אייגנעהאַלטען געלעכטער, וואָס בעדאַרף זיך אויסלאַכען, אַ זוניגער שמייכעל, וואָס בעדאַרף זיך צוציהען ברייטער. בעזונדערס גיסט זיך שמחה און זון פון די אויגען־שפּעלטעלעך ביי קינדער, ביי עלטערע און אַפילו ביי זקנים. אַלע געהען מיט גאָלדענע שפּעלטעלעך אונטער די שטערענס, און עס־דאַכט זיך, אַז די ערד האָט זיך פונאַנדערגערוקט און פונאַנדערגעצויגען און אַז דער הימעל איז אַרויס פון די ברעגען, ווי אַ טייך־געוויסער, און זיך צוגאָסען אויף טויזענדער הימלען, וואָס האָבען קיין אָנהויב און קיין סוף נישט און אַז די זון האָט זיך געטאָפּעלט און האַלט גאָלדענע

הויפענס זונשטויב און שיט זיי און שפּרייט זיי איבער דער וועלט.
און דערדאָזיגער זונשטויב פאַלט־אַריין אין משה׳לעס הערצעל און
אין די אויגען און די בלוטען, און די פיס בעוועגען זיך איהם
אַלץ לייכטער און לייכטער און אַ געזונדטע וואַרימקייט פילט אים
אויס די חוט־השדרה און דער קאָפּ הויבט זיך אויף העכער און
די אַקסלען ווערען ברייטער און די הענד ווילען זיך פונאַנדער־
שפּרייטען, ווי פליגלען, פונקט ווי ער וואָלט אויך אַרויס פון די
ברעגען, ווי אַ טייך. עס איז ביי די גאַס און ביי די הייזער און
ביי די מענשען, און דאָס, וואָס איז געוועזן ביז אַהער, ביז אָט
דער שעה, ביז אָט דעם טאָג און אָט דעם הימעל און אָט דער
זון און אָט די אויגען־שפּעלטעלעך אונטער די שטערענס—איז גע־
וועזן אַלט און קראַנק און שוואַרץ און טויט, און מען קאָן עס
שוין נישט געדענקען, ווייל דאָס ווישט זיך אויס אין זכרון, ווי
עס ווישט זיך אויס די נאַכט פאַר דער אָנקומענדיגער זון. איצט
שפּירט זיך משה׳לע לופטיג און ריין און גע׳טובל׳ט אין די בלויע
כוואַליעס פון הימעל און ער געהט נישט בלויז מיט די פיס, נאָר
מיט׳ן געהער, מיט די אויגען און מיט׳ן בלוט, און פונ׳ם געהער ווערט
נישט פערפאַלען קיין איין קלאַנג און פון אויג ווערט נישט פער־
לאָרען קיין איין פאַרב און פונ׳ם בלוט—דער תענוג פון געהן
און הערען און זעהן. יעדער שפּרייז ווערט ברייטער, יעדער
טראָט ווערט אייליגער און אַ צאַרטע ראָזקייט, ווי אַ בעגינען־
וואָלקענדעל, לעגט זיך איהם אויף די בעקלעך. און טיפער קוקט
ער אין גאַס: פריהער פאָהרט אַ פאַס וואַסער מיט אַ ווייס־שמוצי־
גער שקאַפּע, נאָכדעם אַ גלח, נאָכדעם אַ פויער מיט אַ וועגעל
האָלץ, נאָכדעם אַ וואָגען מיט ציגעל, נאָכדעם פייערלעשער און
נאָכדעם אַ הויכער וואָגען מיט פאַראַיאָהריגען אַלטען היי. און
אויפ׳ן טראָטואַר: אַ יונגע גימנאַזיסטין מיט אַ קראַגענדעל אַרום
אַ דינעם האַלז, אַן׳אַלטער יוד מיט צוויי קאַנען מילך, אַ יודענע
מיט אַ קינד אויף דער האַנד, אַ טשינאָווניק, אַ תלמוד־תורה־יונגעל,
אַ פּאָליציאַנט, אַ גרויסער געלער הונד מיט אַן׳אויפגעהויבענעם עק,
און אָט איז גאָר שיינדעלע. ווי הויך זי איז געוואָרען. ווי שען
זי איז. און וויפיל פרעהלין גאָלד עס גיסט איהר פון די אויגען־

שפּעלטעלעך. אַ גאָלדענער שמייכעלע עפּענט איהר די ראָזע אויס־ געשאָרענע ליפּלעך און עפּעס שעמעדיג איז זי און אַ לאָק פּאַלט איהר אַרויס פון הינטער אַנ׳אונבעקאַנטען היטעלע און די ברוסט בעוועגט זיך איהר העפטיגער אונטער אַנ׳אונבעקאַנטער ווייסער בלוזקעלע און אַ האַנד שטרעקט זי אויס און די צאַרטע הויט צווישען דעם גראָבען־און ווייזפינגער לייכט זיך דורך אויף דער זון, ווי אַ צאַרט ראָז גלעזעל און זי ווייס נישט וואָס צו ריידען און וויל ריידען און לאַכען וויל זי און האַלט זיך, קענטיג, איין און צוגעהן נעהנטער וויל זי און מאַכט אַ טריט צוריק, און די זון פאלט אויף איהר מיט גאָלד און דער הימעל פאַלט אויף איהר מיט בלויע כוואַליעס און העלער ליכטיגער ווערט זי, פונקט ווי זי וואָלט זיך צושמעלצען אין גאָלד, נאָר דאָס גאָלד האָט אַ האַנד און ער דערפיהלט די האַנד אין זיינער און זי מאַכט דאָך אַ טריט נעהנטער און ער הערט איהר קול, וואָס קלינגט ווי אַ פערציהרונגס-קלאַנג אינ׳ם געפלאָכטענעם, גערדיכט־פערוועבטען ׳געּ־ רויש פון גאַס:

—וואוהין געהסטו, משה׳לע!

און משה׳לע ענטפערט איהר לופטיג, ווי אַ וואָלקענדעל וואָלט גערעדט צו אַ וואָלקענדעל:

—איך געה... איך ווייס נישט... אין ליודאַמענט...

מאַכט שיינדעלע אַ נעהנטערן טריט מיט אַ פראַגע:

—אָהן מיר?

און משה׳לע ענטפערט:

—אָהן דיר...

און משהלעס ענטפער צושיידט זיי לייכט, ווי אַ דורכזיכ־ טיגער פאָרהאַנג וואָלט געפאַלען צווישען זיי און שיינדעלע ווערט שעמעדיגער, אָבער נישט דערשראָקען און נישט אַראָבגעפאַלען ביי זיך, פונקט ווי איהר דערוואַקסענקייט און איהר ניי אונבע־ קאַנט היטעלע און אונבעקאַנט בלוזקעלע וואָלטען זיך אָנגענומען פאַר איהר און זיך שטאָלץ געשטעלט געגען משה׳לען. און משה׳לע פיהלט זיך אַזוי לופטיג און אַזוי גע׳טוב׳לט, אַז ער זעהט נישט, אַז עס קאָן ווערען אַ ברוגז פון זיין ענטפער, און שטעהן שטעהט

ער נעבען איהר, ווי אַ מחילה׳דיגער מענש, וואָס בעדאַרף גאָר־נישט און וואָס מאָהנט גאָרנישט און וואָס קאָן אפילו אַ קוש טאָן פּאַר פּאַטש. אָבער די דערוואַקסענקייט שטייגט אין שיינדעלע׳ן און זי פּאַנצערט זיך אין דער ווייסער בלוזקע און אינ׳ם נייעם היטעלע און די שעמענדיגקייט ווערט אָבגעווישט אין איהר און אַ געשיידט שמייכעלע ווייזט זיך איר אויף די ליפּלעך און מיט אַ געשיידטען קול וואַרפט זי צו די ווערטער, ווי קליינינקע בריהענדיגע שטיינדעלעך:

—נו, געה דיר אַליין... פּאַרנאַכט שפּאַציר איך אין דעם גובערנאַטאָרס גאָרטען. אין וועלדעל. מוזיק שפּילט דאָרט... און איך בין געוועזן אין זומער־טעאַטער...

און גלייכצייטיג דרעהען זיך ביידע קינדער אויס אויף דער העלפט און קוקען זיך אָן אַזוי, פּונקט ווי דער עבר און די קינדהייט וואָלט זיך צעוויינט אין זיי אויף אַ רגע און זיך נאָכ־דעם פערשלאָסען אויף אייביג, און משה׳לע שאָקעלט איהר לייכט מיט׳ן קאָפּ און רעדט צו איהר מיט אַ ליידיג גליקליך הערצעל:

—גריס דיין מאַמען, שיינדעלע... וועט זיך אַמאָל מאַכען אַ גוט ביכעלע, וועל איך אַריינקומען צו אייך...

און שיינדעלע שאָקעלט אויך צו מיט׳ן קאָפּ און ביידענס הענדטלעך פעראייניגען זיך, אָבער פרעמד און פריינדליך, און שיינ־דעלע ענטפערט מיט אַ מעהר געשיידטען קול:

—זעהר גוט, דו וועסט אַריינקומען מיט אַ ביכעלע. זעהר גוט...

און אָט שפּאַנט משה׳לע ווייטער און פון דאָסניי פּאַלט איהם אַריין אין אויער דער גערויש פון גאַס, פּונקט ווי אַ מעכ־טיגער אָרקעסטער און ווידער גיסט זיך איהם אין די אויגען די בלויקייט פון הימעל און דאָס גאָלד פון דער זון און זיכער בע־שליסט ער, אַז ער געהט אין ליודאַמענט, כאָטש די מאַמע האָט איהם אָנגעזאָגט, ער זאָל ווייט נישט געהן, ווייל ער איז שוואַך און ער מוז עסען צו דער צייט. אָבער ער איז גאָרנישט שוואַך, פערקעהרט, ער איז גאָר קיינמאָל נישט געוועזן אַזוי געזונד, ווי איצט און דאָס ערשטע מאָל אין לעבען פיהלט ער, ווי די כוחות

שטייגען אין איהם און אַז עס איז פאַרהאַן אַ געזונדטער צוזאַמענהאַנג, אַ פעסטע קרובה'שאַפט צווישען די פיס און די הענד און דעם קאָפּ. און ער געהט ווייטער אין דעם פלאָנטער פון גאָלדענע זונבענדער, אינ'ם געריוש פון גאַס, וואָס הילכט ווי אַן אָרקעסטער פון מעשענע כלים און פויקען, און אָט איז שוין דער טייך און דעם גלח'ס גאָרטען און פון הינטער'ן גאָרטען שווימט פּלוצלונג אַרויס אַ שטילקייט מיט אַ גרינער לאָנקע און פון דער לאָנקע קוקען-אַרויס טויזענדער אויסגעשאָרענע אויגעלעך פון ווייסע, געלע, רויטע און בלויע בלימעלעך און פון אויבען וויגט זיך דער הימעל פון זיין בלויקייט-משא און זונגאָלד, און די גאַנצע רחבות'דיגע לאָנקע מיט'ן אונענדליכען הימעל פאַלען-אַריין משה'לען אין אויג אַריין, אָבער ער ווערט נישט שווער דערפון, נאָר פערקעהרט, לייכטער און לופטיגער ווערט ער, פונקט ווי זיין גאַנצער גוף וואָלט זיך צוזאַמענגענומען און וואָלט זיך פערקליבען צו איהם אין דער נשמה, און אַז ער לעגט זיך אַנידער אינ'ם הויכען וואַרימען גראָז, וואו עס פייפט אַ שוועלבעלע און עס טשיריקעט אַ גרויער ווערעבייטשיק און עס זשומט אַ ביהן און עס פלאַטערט אַ שמעטערלינג און גאָט'ס בהמה'לעך זוכען געניט און קלוג אינ'ם גראָז זייער קליינטשיק גליק—מאַכט ער צו די אויגען און לאָזט זיך שווימען אין זיסע רעיונות און שפּירונגען, וואָס זענען אַזוי ווי עהנליך צו דער לאָנקע און צום הימעל. דאָס זענען רעיונות און שפּירונגען פון ריינקייט און בע'טובל'טקייט, פון איבערקומען אַ קראַנקהייט און אַ שווערען קאַמף מיט זיך און פון אַ קינדהייט, וואָס איז אַריבער איהר טונקעלע גרענעץ און איז אַרויף אויף די ערשטע ברייטע גלאַטע שטעגעלעך פון דער יוגענד. און אַזוי ווי צוויי פאַרבען וואָלט ער געפיהלט: שוואַרץ און ווייס. שוואַרץ איז דאָס, וואָס איז געווען זיין קאַמף און זיין ראַנגלעניש, זיין נאַרישקייט און זיינע ליידען און ווייס איז דאָס, וואָס ער איז איצט און וואָס ער וועט זיין און אַלץ, וואָס רינגעלט איהם אַרום. און די ווייסע פאַרב פערגיסט די שוואַרצע פאַרב און דאָס שוואַרצע ווערט ווייס, ווי שניי. זיין קליינטשקער עבר, וואָס זעהט איהם אויס אַזוי לאַנג, ווי

אַ זיבעציג-יעהריגען מענשען זיינע זיבעציג יאָהר און זיין גאַנ-
צע קינדהייט, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט פרייד און טרעהרען, אַר-
מעט און גליק, ווערען איצט עהנליך צו אַ ברייטען ווייסען
פעלד מיט שניי.

איינציגע קעפּ הויבען זיך פון דערדאָזיגער ווייסקייט: דער
טאַטע, די מאַמע, זלמן, די פעטערס, שיינדעלע, רבקה'לע, מע-
מעלע. מיט אַלעמען איז געענדיגט, דאָס הייסט איין קאַפּיטעל,
אַ קינדהייטס-קאַפּיטעל איז געענדיגט. דעריבער איז נישטאָ קיין
האַס און קיין שלעכטס אין די אויגען, מיט וועלכע דידאָזיגע
קעפּ קוקען אויף משה'לען. גוט און שטיל און אויסגעלעבט זע-
נען די אויגען, ווי די אויגען פון אַן'אַלטען טייערען בילד. קיי-
נער האָט צו איהם נישט קיין טענות און אַלע חשבונות זענען
אויסגעגלייכט.

און משה'לע עפענט די אויגען: דער הימעל גיסט בלויקייט,
די זון גיסט גאָלד, די לאָנקע גיסט גרינקייט און דער טייך —
זילבער. און אין דידאָזיגע פאַרבען קלינגט דער אָרקעסטער פון
שוועלבעלעך און שטשיגלעס און ווערבייטשיקעס און ביהנען און
שפרינגערס און אונטער דידאָזיגע קלאַנגען שפרייט-אויס די ערד
מאַמעדיגע וואַרימע הענד און גלעט די גרעזעלעך און די בלי-
מעלעך און משה'לען און די טייך-וועלכעלעך און די הויכע לי-
פּעס, וואָס וועגען זיך אַריבער, ווי מידע ריזען, איבער'ן פאַר-
קאַן פונ'ם גלח'ס גאָרטען. און די גרויסע וועלט ווערט פלוצלינג
אַ קליינינקע און זי גיסט זיך אַריין אינגאַנגען צו משה'לען
און משה'לע גיסט זיך אַריין אין דער וועלט און ביידע וויגען
זיך און טראָגען זיך אין נייע אונבעקאַנטע לופטענס, אין נייע
ליכטיגקייטען און זונען און משה'לע דערשפּירט מיט אַמאָל דעם
אָטעם פון גאָט. מיט גאָט איז נאָך דער חשבון נישט געענדיגט,
און דער חשבון איז אַ זיסער און אַן'אייביגער. די אפּיקורס'ישע
רעיונות צושטערען נישט משה'לען גאָט'ס הימעל-בנין און ער
פיהלט אינסטינקטיוו און מיט אַ בעזונדער טיף-שפּראָצענדיגער
הנאה, אַז דערדאָזיגער בנין וועט לעבען אַזוי לאַנג, כל-זמן
משה'לע וועט לעבען. מיט גאָט קאָן מען זיך נישט שיידען, ווי-

מען קאָן זיך נישט שיידען מיט דער זון און מיט׳ן הימעל. פאַרהאַן גאָט-פּעדעם, וואָס בינדען איהם צאַרט דאָס האַרץ אויף אייביג.

און פּאַמעליך דרעמעלט ער איין אינ׳ם ווייכען גראָז, אין די וואַרימע הענד פון דער ערד, און פון גוטסקייט און שוואַכ־קייט פאַלט ער אַריין אין אַ חלום און אין חלום זעהט ער אַ וואַלד און אַ הייזעל. געהט ער אַריין אינ׳ם הייזעל, בעווייזט זיך אַן׳אַלטער מאַן מיט אַ ווייסער באָרד, וואָס פערדעקט איהם די ברוסט. געהמט איהם אָן דער אַלטער ביי דער האַנד און קוקט איהם אָן מיט אויגען, וואָס זעהען נישט דאָס אויסערליכע, נאָר דאָס אינערליכע, און מיט אַ קול פון אַ מענשען, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבען געשוויגען, שעפּטשעט ער:

—דו שרעקסט זיך?

און משה׳לע שרעקט זיך און שרעקט זיך נישט און געהט מיט׳ן אַלטען, און דער אַלטער פיהרט איהם אַריין אין אַ הייל און אין הייל ווערט מיט אַמאָל ליכטיג און מיט אַמאָל פינסטער. געהען זיי טאַפּענדיג אינדערפינסטער, לאָזען זיי זיך אַראָב טיפער אין דער ערד, דערזעהען זיי צוערשט אַ שיין און באַלד דערויף אַ טיר. עפענען זיי די טיר, ווערען זיי אָבגעגאָסען מיט אַ ים פון בלויען הימעל-ליכט און משה׳לע זעהט אַן׳אויסטערליש צימער: די ווענד זענען בעצויגען מיט בלויען הימעל, דער באַלקען—מיט בלויען הימעל,—די פּאָדלאָגע—מיט בלויען הימעל, און ביי אַ לאַנגען טיש, בעדעקט מיט ווייסע מאַי-וואָלקענדליך, זיצען אַכציג זקנים מיט ווייסע פּנים׳ער אָהן אַ טראָפּען בלוט, מיט ווייסע בערד און מיט אויגען, וואָס זעהען נישט דאָס אויסערליכע, נאָר דאָס אינערלי־כע און דער עלטסטער פון זיי, וואָס שיידט זיך נישט אונטער פון די זקנים, נאָר וואָס זיצט עטוואָס העכער פון זיי, גיט אַ וואונק מיט אַ פינגער צו משה׳לען, און משה׳לע דערנעהנט זיך אַליין, אָהן דעם אַלטען, צום טיש און דער עלטסטער קוקט איהם אָן מיט באָרד און אויגען צוזאַמען און גיט אַ פרעג מיט אַ קול פון אַ מענשען, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבען נישט גערעדט:

—נו, מיין קינד, ווי אַזוי רעכענסטו ווייטער צו לעבען?

און באַלד, נאָך דערדאָזיגער פראַגע, רייסט זיך איבער דער חלום און משה'לע הויבט זיך אויף פונ'ם וואַרימען איינגע־לעגענעם גראָז. אַ רויטער הימעל קייקעלט רויטע וועלכעלעך אין טייכעל, אַ רויטע זון וואַרפט הויפענס פורפורשטויב אויף דער לאָנקע און משה'לע קוקט זיך אַרום און ווישט זיך איבער דעם שטערען און דרעהט זיך אויס צו דער שטאָדט.

און אונטער דער רויטער זון געזעגענט ער זיך מיט דער לאָנקע און אין אַ לייכטער פרומער שכרות פון גראָז־ריחות און פון ערד און פון הימעל און פון גאָט מאַכט ער די ערשטע שריט אַהיים. אָבער דאָס איז נישט אַהיים. ער ווייס, אַז אין דעם טאָג זענען נייע סטרונעס געבוירען געוואָרען אין זיין הער־צעל אָדער ער איז אינגאַנצען פון דאָסניי געבוירען געוואָרען נישט ביי עלטערן, נאָר אין דער לופט, אין דער לופט פון זון און ליכט, אַז אין איהם האָט זיך געוועקסעלט דאָס בלוט און אַז די ביינער האָבען בעקומען אַנ'אַנדער צעמענט, און מיט טיי־פע, אַלץ־זעהענדיגע אויגען שטעלט ער זיך צו און קוקט זיך אַרום, און איהם דאַכט זיך, אַז אַ ווייסער פאָרהאַנג האָט זיך לאַנגזאַם אַראָבגעלאָזט איבער דעם פריהערדיגען משה'לען און זיין קינדהייט...

קינדער־ביבליאָטעק

◁○○▷ פערלאַג „יודיש“ ◁○○▷

אונטער דער רעדאַקציע פון דוד קאַסעל.

ביטשער סטאָו . . . . פעטער טאָם *)

רפאל גוטמאַן . . . . הלל הזקן

רפאל גוטמאַן . . . . ר׳ עקיבא

רפאל גוטמאַן . . . . חוני המעגל

רחל שאַבאַד . . . . גור אריה

רחל שאַבאַד . . . . פאַר׳כשופ׳טער שלאָס

רחל שאַבאַד . . . . מאי־זשוק

דוד קאַסעל . די קינדהייט פון אַ גרויסען מענשען *)

ס. ק. אַקסאַקאָוו . . . . . . דאָס רויטע בלימעל

ברידער גרים . . . . ברעמענער כלי־זמר

שרה רייזען . . . . דער האָלץ־העקער

שרה רייזען . . . . רבקה און גיטל

י. סוויפט . . . . קליינע מענשעלאַך *)

הערבערט ספענסער . . . . תחית המתים *)

בעמערקונג:

די נעמען, וואָס זענען בעצייכענט מיט אַ שטערענדל, זענען בעשטימט פאַר עלטערע קינדער.

אין דער „קינדער־ביבליאָטעק“ פונ׳ם פערלאַג „יודיש“ ווערט צוגעגרייט אַ נייע סעריע, אין וועלכער עס געהען אריין מעשה׳לעך פון אַנדערסען, בר. גרים, לאַנג, פאָלקס־מעשה׳לעך און לעבענס־בעשרייבונגען פון גרויסע מענשען, איינאַקטערס פאַר קינדער און לייכטע וויסענשאַפטליכע ביכלעך.

יעדעס מעשה׳לע האַלט פון 1 ביז 4 בויגען.

אינגיכען דערשיינען פון דרוק:

אָריגינעלע ווערק:

סעריע: „לענדער און פעלקער", II־טער באַנד.

אַפריקע, צוזאַמענגעשטעלט דורך **ד. קאַסעל** און **מ. בירנבוים**
(בעהאַנדעלט אויספיהרליך די געאָגראַפישע לאַגע, קלימאַט, בעפעל־קערונג און מדינות פון אַפריקע. צוגעפאַסט אויך פאַר קינדער).

סאָציאָלאָגישע שטודיען . . . . . **ב. מיכלעוויטש**

דאָס טעאַטער און זיין בעדייטונג . . **ד"ר מ. ווייכערט**

איבערזעצונגען:

שיר־השירים (גרויסער, ראָמאַן 3 בענד) . . **ה. זודערמאַן**

טויזענד און איין נאַכט (נייע דריי בענד) . . . . .

געקליבענע ווערק . . . . **ל. בערנע**

דאָס טעאַטער . . . . **ה. באַר**

די פרינצעסין פון קלאַריד . . . . . . **א. פראַנס**

אהין און צוריק (באַשרייבונג פון אַ נסיעה) . **ל. טראָצקי**

עס ווערען צוגעגרייט צום דרוק:

ל. בעטהאָווען (מאָנאָגראַפיע) . . . .

וו. מאָצאַרט (מאָנאָגראַפיע) . . . .

מיקעל אַנזשעלאָ (מאָנאָגראַפיע) . . . .

ע. קאַנט, זיין לעבען און פילאָזאָפישע שיטה. . . .

געאָרג־ווילהעלם העגעל,
זיין לעבען און פילאָזאָפישע שיטה

פ. ניצשע, זיין לעבען און פילאָזאָפישע שיטה . . . .

בעמערקונג:

יעדער נומער פונ'ם פערלאַג „יודיש" האַלט פון 10 ביז 20 דרוק־בויגען.